STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03200

NOENT UN FREMD

Yehiel Yeshaia Trunk

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

י. י. טרונק

נאענט און פרעמד

י. י. טרונק

נאָענט און פרעמד

עסייען

Y 1179249

קאאפעראטיווער פארלאג „קולטור-ליגע"

ווארשע 1936

Printed in Poland

Copyright by I. I. TRUNK

I. I. TRUNK–NOENT UN FREMD

Spółdzielnia Wydawn. „Kultur-Liga"
Warszawa 1936

קאָרעקטור: מ. פּאָרלערער

זעצעריי ה. גלאַנץ, מלאַווסקע 4

Druk. „Grafia" Warszawa, Nowolipki 7

~~1179249~~ Yi 629, c.1

לזכרון מיין טעכטערל מיין
ליב - האַרציקע
ב ע אַ ט י
װאָס איז אַזוי יונג פון
דער װעלט אַװעקגעגאַנגען.

צום לעזער.

די זאַכן אין דערדאזיקער זאַמלונג זענען אויפגעשריבן אין אַ לאנגער רייע יארן. די זאַכן זענען נישט איינהייט־לעך אין די אויספירן. אבער־איך דערלויב מיר צו גלייבן־זיי זענען איינהייטלעך אין געמיט. דערקענטעניש־ביאגראַפיע. תקופות פון גייסט. אויך דער וועג פון דער דערקענטעניש האט זיינע מיילן־שטיינער.

די טייל פון די זאַכן, וואס איז שוין געווען פאַרעפנט־לעכט איז פונדאסניי איבערגעאַרבעט.

ט. י. י.

וואַרשע, אָקטאָבער 1935

Free Public Lib ... vark, N. J.

די פסיכאָלאָגיע פון יידישן סטיל

געשריבן 1935

I

זינט מיר ייִרן האָבן אַ נאַציאָנאַלע וועלטלעכע ליטעראַטור, האָט מען אויך אויף די אַנדערע געביטן פון קינסטלערישן שאַפן, ד. ה., אויף די געביטן פון קינסטלערישער פּלאַסטיק — מאָלעריי און סקולפּטור, — אָנגעהויבן צו זוכן ענלעכע וועגן. מ׳האָט געוואָלט אויסברייטערן און פולער-מאַכן דאָס בילד פון יידישער געשטאַלטלעכקייט. צוזאַמען מיט די בולטע סטיל-דערגרייכונגען פון יידישער ליטעראַטור, האָט מען אָנגעהויבן פּרווון פון יידישער סטיל-שאַפונג אויך אין די באַרייכן פון קינסטלערישער פּלאַסטיק. עס האָט אין אַלגעמיין געגאָלטן אַלס אָנגענומענע מיינונג: דאָס וואָס ביז-אַהער זענען פון יידישע קינסטלער אַזוי פאַרנאַכלעסיקט-געוואָרן די געביטן פון ספּעציפישער יידישער פּלאַסטיק, איז נאָר צוצושרייבן איין הויפּט-סיבה, נעמלעך, — די שווערע העמונגען פון יידישער רעליגיעזער דאָגמאַטיק, דער פאַרבאָט פון „פסל ומסכה”. וויבאַלד דאָס יידישע שאַפן האָט אָנגעהויבן אין כלל פאַרוועלטלעכט צו ווערן, איז שוין ממילא געוואָרן פריי דער וועג פאַר אַ נ אַ צ י אָ נ אַ ל ע ר יידישער פּלאַסטיק.

אין דער אַנטוויקלונג פון וועלטלעכער יידישער ליטעראַטור זעט מען באַשיינפּערלעך, ווי במשך לאַנגע, לאַנגע דורות איז געהעמט-געוואָרן אַ גרויסע ענערגיע פון שאַפן. ביי די ערשטע טריט פון יידישער ליטעראַטור זענען די דערגרייכונגען געווען באַדייטונגספול. כ׳וויל דערמאָנען בלויז שלום-עליכמען, כדי צו ווייזן ווי שוין ביים באַגינען פון דער ליטעראַטור אויף יידיש האָט זיך כמעט ווי ספּאָנטאַן באַוויזן דאָס קלאַסישע מוסטער פון יידישער פאָרם. רייפע מוסטערן פון יידישן סטיל. אין דער יידישער שפּראַך איז געלעגן דער גאַנצער אוצר פונם נאַציאָנאַלן סטיל-געפיל. די סינטעזע צווישן דעם יידישן אינדיווידועלן

קינסטלער און דעם אָביעקטיוון מאַטעריאַל, אין וועלכן ער האָט קאָנ-סטרויִרט זיינע שאַפונגען — די יידישע שפּראַך — איז געווען אויסער-געוויינלעך געלונגען. דאָס מאַטעריאַל און דער קינסטלער האָבן זיך גליקלעך דערגאַנצט. מיטן ערשטן באַריר פון אַ קינסטלער-האַנט האָט זיך די פולע בלום פון דער יידישער שפּראַך פאַנאַנדערגעוויקלט. אין דעם סטיל פון דער יידישער שפּראַך איז געלעגן דער פולער חן פון אַ יידישן סטיל. דאָס שפּראַך-מאַטעריאַל פון יידן איז געווען טאָטאַל אַדורכ-גענומען מיט דעם נשמה-ריטם און מיט דער געמיטס-באַוועגונג פון יידן. אין דעם יידישן שפּראַך-בילד האָט זיך אָרגאַניש קאָנסטרויִרט דאָס יידישע וועלט-געפיל. דאָס יידישע וועלט-געפיל אַלס יידישער סטיל. ווי אַזוי עס האָבן זיך געפּאָרט אין אַ סטילפולער סינטעטישקייט יידיש שאַפן און יידישע שפּראַכלעכקייט — וויל איך אַחוץ אויף שלום-עליכמען אויך אָנווייזן אויף פּרצס „פאָלקסטימלעכע געשיכטן” און אויף אַ סך נאָוועלן פון שלום אַש. פון די יינגערע יידישע שרייבער וויל איך באַזונדער דערמאָנען יצחק באַשעוויסן. זיין ווערק „דער שטן פון גאָריי” איז אַ מוסטער פון שפּראַכלעך-יידישן סטיל-זשאַנר.

אין דער יידישער פּלאַסטיק האָבן מיר נישט געהאַט דיזעלביקע דערפּאָלגן. לאָמיר זיך נישט נאַרן — מיר הערן אויפן געביט פון דער פּלאַסטיק אַ סך רעדן וועגן אַ מכלומרשטן יידישן סטיל. מען שושקעט זיך און מען גריבלט זיך און מען זוכט פרום אַרום דעם יידישן סטיל מיט גרויסע וועקסענע יום-כיפור-ליכט. אין וויפל סטיל-פרומקייט געדייעט מכלומרשט די יידישע פּלאַסטיק! אויך אין דער קונסט איז קונסט-פרומקייט נישט קיין גוטער סימן, און עס באַווייזט נאָר, אַז ס'איז עפּעס נישט אין אָרדנונג אין קעניגרייך דענעמאַרק. מיר האָבן קוים דערגרייכט די שיינע דעקאָראַציעס פאַר דעם גוטן ווילן. אָבער גראָד מיט אַ וועזנהאַפטיקן יידישן סטיל אין דער פּלאַסטישער קונסט האַלטן מיר נאָך גאָר פון פאָרנט. דאָ וועט נישט פועלן קיין שום אויגן-פאַר-גלאָצעריי. געוויס זענען שוין כמעט אַלע היינט-צו-טאָג מודה, אַז באַ-נוצן זיך מיט יידישע מאָטיוון הייסט נאָך לגמרי נישט קיין יידישער סטיל. מיט יידישע מאָטיוון האָבן זיך באַנוצט קינסטלער, וואָס האָבן אַפילו נישט געהאַט אין זינען קיין שום יידישע סטילהאַפטיקייט, למשל רעמבראַנד. וואָס מיר פאַרשטייען אונטער יידישן סטיל, הייסט: די אַר-

כיטעקטאָנישע פאָרמען פון יידישן וועלט-געפיל; די פלאַסטישע גע-
שטאַלטלעכקייט פון היסטאָרישן יידישן וועזן. נישט די יידישע מאָטיוון
דעצידירן, נאָר ווי אַזוי דער קינסטלער באַנעמט אינטויִטיוו דאָס יידי-
שע וועזן אַלס אַ היסטאָרישע באַוועגונג. אין דערדאָזיקער אינערלעכער
באַשויונג פון דער היסטאָריע בויט זיך אויף דאָס היסטאָריש-סטילהאַפ-
טיקע פון יידישן וועזן. דאָס היסטאָרישע יידישע וועזן אַלס סטיל-פאָרם,
וואָס האָט זיך אַזוי געראָטן אַריינגעפּאַסט אין דעם יידישן שפּראַך-מאַ-
טעריאַל, וויל זיך עפּעס נישט אַריינגיסן אין אַנדערע פלאַסטישע מאַ-
טעריעס. אין די באַרייכן פון דידאָזיקע מאַטעריעס האָבן מיר ביז-איצט
נישט מער ווי בלאָנדזשעניש; אָדער מען גייט אויפן לייכטסטן וועג און
מען באַגניגנט זיך מיט בלויזע יידישע מאָטיוון און מען באַשאַפט אַ
היפּש אויבערפלעכלעכן נאַציאָנאַל-סענטימענטאַלן — על-פּי-רוב גאָר
ביליקן — יידישן רעאַליזם. פון הירשבערג ביז פיליכאָווסקי. אָדער, —
טיפערע יידישע קינסטלער גראָבן אַזוי לאַנג און אַזוי טיף, כדי צו גע-
פינען די קוואַלן פון יידישן פלאַסטישן סטיל, ביז זיי ווערן גאָר פאַר-
בלענדט פון זייער אייגענעם ווילן און גלויבן, אַז זיי האָבן געפונען
דעם יידישן סטיל אין דעם סימבאָליש-גראָטעסקן. מאַרק שאַגאַל און
יאַנקל אַדלער. אָבער דאָס גראָטעסקע איז אַ שטעקן מיט צוויי עקן. ביי
אַלע זשעסטן פון פאַרטיפונג, מיט וועלכע דאָס גראָטעסקע טרעט-אויף,
קאָן עס פונדעסטוועגן פאַרבלייבן גאַנץ נישקשה אויף דער אויבער-
פלאַך.

פראַגע: דאָס טיפע און ראַפינירטע קונסט-עמפּינדן, ביי וואָסערע
באַדינגונגען טרעט עס אויף אין דעם מאַנטל פון דעם קינדיש-פרימי-
טיוון, אין דעם אומבאַהאָלפענעם, ד. ה., אין דעם גראָטעסקן? ענטפער:
ווו עס איז שוין פאַראַן אַ רייפע קינסטלערישע קולטור, אַ פולקום
סטיל-וועזן, אַ געפאָרעמט וועלט-בילד אין דער קינסטלערישער קולטור,
דאָרט דעקט דאָס גראָטעסקע אויף אַן אור-וועלטלעכע באַרבאַרישע און
ווילדע עקזאָטיק, וואָס רוישט נאָך באַהאַלטן אין די טיפענישן פון דער
מענטשלעכער נשמה. אַפילו פון אַ קולטור-ראַפינירטער נשמה. פון דער
קלאָרסטער קולטור-באַשויונג שטשירעט-אַרויס דער פחדים-פולער שמייכל
פון דעם וועלט-געהיימניש. דאָס גראָטעסקע. אין דעם גראָטעסקן טוען
אַ שפּיל-אויף אַלע געשפּענסטער און אַלע ספינקסן, וואָס הויזן אין די

פינצטערע קעלערן פון אונזער אונטערבאַוווסטזיין. די טראַגישע איראָניע פון דעם גראָטעסקן ליגט נעמלעך אין דעם טראַגיש-איראָנישן רעלאַטיוו-מאַכן די פולקומענע פאָרמען פונם סטיל. אויבערפלעכלעך איז, ווען מ׳הייבט-אָן מיטן גראָטעסקן דאָרט, וווּ מ׳האָט נאָך נישט אויסגעפונען דאָס אויסגעשפּראָכענע און דאָס פולקומענע. אויב דאָס גראָטעסקע איז נישט די אַנטיטעזע פון אַ קונסט-טעזע, — דאַן האָט אויך נישט דאָס גראָטעסקע קיין שום קינסטלערישע לאָגיק. דאָס גראָטעסקע ווערט גע-בוירן פונם סטיל-ווידערשפּרוך, און נאָר אינם סטיל-ווידערשפּרוך ליגט דאָס טראַגיש-דראַמאַטישע פונם גראָטעסקן. דאָס גראָטעסקע קוקט טאַקע אויס צו זיין עקזאָטיש דורך זיין אַנטיטעטישקייט. ביטע צו געדענקען!— דאָס עקזאָטישע איז בלויז די פּאַיאַצן-מאַסקע פון גראָטעסקן, זיין פאַרבן-גרעלער קאָסטיום, זיין קלאָונישע שמינקע. בשום-אופן שעפּט זיך אין עקזאָטישן נישט אויס דאָס גאַנצע ווערזנהאַפטיקייט פונם גראָטעסקן. קודם-כל — און דאָס איז דער עיקר — עס מוז שוין פאַראַן-זיין אַ פו-לער קינסטלערישער סטיל, צו וועלכן דאָס גראָטעסקע זאָל זיין דער דיאַלעקטישער ווידערשפּרוך. דאָס גראָטעסקע מוז עטוואָס ווידערשפּרעכן. און עס איז זייער לייכט מיט דער הוילער אַנטיטעזע — אָן דראַמאַטיש-דיאַלעקטישן קעגנשפּיל צו דער טעזע — צו מאַכן כלערליי פּייערווערק. ס׳קוקט באמת אויס זייער טיף. מ׳קאָן אויך אויפן אויבערפלעכלעכסטן שטח זיך שפּילן מיט די זשעסטן פון דער טיפקייט, כדי אויסצוקוקן טיף. דאָס טיפע איז נאָר טיף אין דער טיפקייט.

אַזוי ווייזט נישט דאָס גראָטעסקע דערווייל קיין שום וועגן און אויסבליקן צו אַ יידישן פּלאַסטישן סטיל. ווי מיזאַם און אָריגינעל האָט דאָ געאַרבעט מאַרק שאַגאַל! אויך ער האָט נישט דעם שווערן וואָגן אַ ריר-געטון פון אָרט. דאָס גראָטעסקע פון מאַרק שאַגאַלס יידי-שע פּלאַסטיק וויל זיך באַגניגן בלויז צו זיין דער ווידערשפּרוך צום יידישן סטיל אין דער יידישער ליטעראַטור. דערפון נעמט זיך ביי שאַ-גאַלן אַזוי פיל ליטעראַרישע טעמאַטיק. ווער, ווער, אַ פּלאַסטיקער דאַרף זיך אַוודאי אויסהיטן פון אַזעלכע לייכטע וועגן. (לייכטע דרכים פירן תמיד אַראָפּ פונם ריכטיקן דרך). די פּראָבלעמען פון יידישן פּלאַסטישן סטיל ליגן גאָר אויף אַנדערע פאָרם-פלאַכן. אין זייער ווערזנהאַפטיקייט ליגן זיי טאַקע צוזאַמען מיט דער יידישער ליטעראַטור, אָבער זיי ליגן

נישט צוזאַמען אין זייער פֿאָרמהאַפּטיקייט. אין דער קונסט געשטאַלטיקט און בויט זיך אויף דאָס וועזנהאַפּטיקע נאָר אין דעם פֿאָרמהאַפּטיקן. אויב נישט, בלייבט דאָס וועזנהאַפּטיקע נישט מער ווי געשטאַלטלאָזער כאַאָס. קונסט איז געשטאַלט. פּונקט ווי אין דער ליטעראַטור, מוז אויך אין דער פּלאַסטיק די טאָטאַלע גענעזיס פֿון איר סטיל און איר פֿאָרמהאַפּטיקייט געשען אין איר ספּעציפֿישער מאַטעריע. מאַטעריע איז דער וועלט-שטאָף פֿאַרן קינסטלערישן וועלט-געפֿיל. אין דער קונסט זענען מאַטעריע און אינהאַלט די אידענטישע אַטריבוטן פֿון איין קינסטלערישער גאַנצקייט. אין דערדאָזיקער הינזיכט האָט די קונסט אַלע אייגנשאַפֿטן פֿונם קאָסמאָס. די ליטעראַטור געשטאַלטיקט זיך אין דעם מאַטעריאַל פֿון דער שפּראַך. די פּלאַסטיק געשטאַלטיקט זיך אין דער פֿאָרם פֿון איר אייגענער מאַטעריע. אינעווייניק אינם ספּעציפֿישן שטאָף ליגט דאָס דראַמאַטישע פֿונאַנדערשפּיל פֿון דער קינסטלערישער שאַפֿונג. שטאָף און וועזנהאַפּטיקייט — מ'קאָן זיי גאָר נישט פֿונאַנדערטיילן, מ'קאָן זיי אַבסאָלוט נישט פֿונאַנדערטיילן. שטאָף איז וועזנהאַפּטיקייט. וועזנהאַפּטיקייט איז שטאָף. אינם פּראָבלעם פֿונם שטאָף מוז אַנטשיידן-ווערן דאָס פּראָבלעם פֿון דעם וועזנהאַפּטיקייט. שאַגאַלס יידיש-גראָטעסקע פֿיגורן זענען די גרימירטע אַקטיאָרן, זיינע לייוועטן זענען די צונויפֿגעקלאַפּטע בינעס, וווּ עס דאַרף געשפּילט-ווערן דאָס גרויסע פּלאַסטישע שוישפּיל פֿון יידישן היסטאָרישן וועזנהאַפּטיקייט. עס איז אַלצדינג ווונדערלעך צוגעגרייט. עס פֿעלט איין הויפּט-זאַך, נעמלעך, — דאָס פּלאַסטישע שוישפּיל פֿון יידישן וועזנהאַפּטיקייט; די דראַמאַטישע פֿונאַנדערוויקלונג פֿון יידישן סטיל אין שטאָף און אין מאַטעריע. די שאַגאַלישע קונסט בלייבט הענגען ווי אַ בלויזע עקזאָטישע דראַפּעריע אויפֿן שטאָף. דער שאַגאַלישער סטיל גייט נישט אין דער טיף. דער יידישער סטיל שאַגאַלס וועקט זיך נישט אַלס אינערלעך לעבן אינם שטאָף. דער שטאָף באַטייליקט זיך דראַמאַטיש נישט מיט. ער שפּילט שאַגאַלן נישט אַקעגן. נאָר אינם אַקטיוון קעגנשפּיל פֿונם שטאָף צו דער קינסטלערישער אידעע ליגט די גרויסע און ענדגילטיקע סינטעזע פֿון דער קונסט.

יאַנקל אַדלער האָט אויך די אַמביציע צו זיין דער זוכער פֿון אַ פּלאַסטישן יידישן סטיל. פּונקט ווי מאַרק שאַגאַל, זעט אַדלער די אייגנ-

שאַפטן פונם יידישן סטיל אין גראָטעסקן. יאַנקל אַדלער איז אין תּוך זיינעם אַ פּרעסקן-מאָלער, ד. ה., ער געהער צו דער אַרכיטעקטור. כּדי פול צו באַנעמען יאַנקל אַדלערס פּרעסקן-בילדער דאַרפן מיר זיך זיי פאָרשטעלן ווי סטיל-פראַגמענטן פון אַ ספּעציפישער „יידישער גאָטיק". יאַנקל אַדלער מאָלט פאַרביקע זעונגען פאַר נישט-געוועענע פינצטערע „יידיש-גאָטישע" מויערן. יידיש און גאָטיק? דער לעזער וועט זיכער דאָ טון אַ שמייכל; וואָסער ווילדער דיסאָנאַנס! עס איז אפשר טאַקע נישט דער ריכטיקער באַגריף. גאָטיש באַנוץ איך אין דעם זין פון גראָטעסקן און פּחדים-פולן. יאַנקל אַדלער וויל אין דעם גראָטעסקן און פּחדים-פולן זען דעם פּלאַסטישן סטיל פון יידישן וועזנהאַפטיקייט. אַ טרעפלעכער געדאַנק. עס איז נישט גענוג. הינטער אַדלערס פּרעסקן — און אַדלער איז דורכויס אַרכיטעקטאָניש, — פילט זיך נישט דאָס יידיש-גאָטישע מאַסן-שפּיל פון געמויער, ד. ה., דאָס גיגאַנטישע געראַנגל אין די לופטן פון דער יידישער וועלט-אידעע מיט דער שווערער וועלט-מאַטעריע פון געשטיין. נאָר אין די פאָרמען פון דעמדאָזיקן געראַנגל וואָלט מען אויף זיכער געקאָנט רעדן פון אַ יידישן פּלאַסטישן סטיל ביי אַדלערן. אָט-אָ די היסטאָריש-פּסיכישע מאָנומענטאַליטעט פון יידישער פּלאַסטיק — און דאָס איז דער עיקר — האָט אַדלער נישט באַוויזן אויסצוגעפינען. זיינע יידישע פּרעסקן זענען ווי סטיליזירטער פאַליעס-שוים אָן דעם עלעמענטאַרן מאַסן-שפּיל פון די וואַסערן. גאַנץ נעט. נאָר עס זאָגט גאָרנישט. סטיליזאַציע איז נאָך נישט קיין סטיל. עס פעלט אַדלערן די הויפּט-זאַך: דער אַרכיטעקטאָנישער יידיש-גאָטישער הינטערגרונט פאַר זיינע יידישע פּרעסקן. דעמדאָזיקן וועזנהאַפטיקן הינטערגרונט זעט אַדלער אפשר אַלס נעפּלהאַפטיקע וויזיע אין זיינע קינסטלערישע ווונטשן. דאָס איז זיכער ווייניק. אויך אַדלער רופט אומזיסט. אויך פאַר אים פאַרשליסט די מאַטעריע אירע אינעווייניקייטן. אין דער קונסט איז דאָ איין כּלל: דאָס וואָס עס געשטאַלטיקט זיך נישט, עקזיסטירט נישט. סוף-כּל-סוף מאָלט יאַנקל אַדלער זיינע שיינע יידישע פּרעסקן אויף אַ קינסטלערישער באַדנלאָזיקייט.

II

שווער איז דער וועג צו די פּראָבלעמען פון יידישער פּלאַסטיק. נישט מעכאַנישע העמונגען פון אינדיווידועלע פסיכישע פאָראורטיילן האָבן אָפּגעהאַלטן די יידישע קינסטלער צו געשטאַלטיקן דעם יידישן סטיל אין פּלאַסטישע פאָרמען. דיזעלביקע העמענדיקע פאָראורטיילן האָבן געהערשט בנוגע יעדעס וועלטלעכע שאַפן ביי יידן, פונדעסטוועגן זעען מיר, ווי דאָס יידישע שפּראַך-מאַטעריאַל האָט זיך באַלד געלאָזט אַדורכנעמען מיט די פּראָפאַנע קולטור-פאָרמען פון יידישן סטיל. נישט קוקנדיק אויף אַלע טעאָלאָגישע העמונגען האָט גראָד די וועלטלעכע יידישע ליטעראַטור — די ליטעראַטור אויף דער שפּראַך פון יידישן פשוט-מענטשלעכן מאַסן-לעבן — גלייך אויסגעפונען איר סטילפול היסטאָריש-יידיש וועזנהאַפטיקייט. איך וויל אויפמערקזאַם מאַכן אויף אַן אינטערעסאַנטן פאַל: אין דער פיליגראַנישער קליין-קונסט געפינען מיר גאָר אַן אַלטע טראַדיציע פון אַן עכטן יידישן סטיל. ד. ה., אַ פולקומענע סינטעזע צווישן דעם אידעישן יידישן סטיל-געפיל און דער אָביעקטיווער מאַטעריע פון די איידל-מעטאַלן. די יידיש-סטיל-האַפטיקע קליין-קונסט איז אַפילו על-פי-רוב אַ כלי-קודשדיקע. זי איז כמעט ווי אַנטשטאַנען אויף אַ סאַקראַלן און סינאַגאָגאַלן באָדן, ווי די כלערליי זילבער-פאַרצירונגען אויף ספרי-תורות, שבת-לייכטער, מנורות, חנוכה-לעמפלעך, קידוש-בעכערס, בשם-ביקסן, חלה-טישטיכער, פרוכתן, אד"ג. הגם זי איז כלי-קודשדיק איז דידאָזיקע קליין-קונסט בשום-אופן נישט טעאָלאָגיש, ווי למשל די סאַקראַלע ליטעראַטור, וואָס איז געשאַפן-געוואָרן אין דער גלייכער צייט. שוין לויט אירע מאָטיוון און טענדענצן — קודם-כל דורך דער לעבנס-פרעמדקייט פון דער שפּראַך-לשון-קודש — איז די סאַקראַלע ליטעראַטור געווען נאָר אַ ספּעציפי-

שער ענין פון טעאָלאָגישער אַקאַדעמיע; דאָס געלערנטקייט פון דער אינטעלעקטועלער סמעטענע; שאַפונג פון תּלמודיש-רבנישן אינטע-לעקט. צוליב אָט-אָ די הויכע מאָטיוון אירע און צוליב דער לשון-קודשדיקער שפּראַך איז די יידיש-טעאָלאָגישע ליטעראַטור פאַרן על-מענטאַרן יידישן פאָלקס-געמיט געווען טאַבו. פאַרשלאָסן אויף זיבן שלעסער. דאָס וועזנהאַפטיקע געפיל פון לעבעדיקן יידישן לעבנס-אופן האָט דאָרט נישט געהאַט וואָס צו טון. אין דער „כּלי-קודשדיקער" קליין-קונסט זענען די באַדינגונגען געווען פּונקט קאַפּויער. די יידישע קליין-קונסטן זענען נישט געווען קיין סאַקראַלע וועזנטלעכקייטן פאַרן „יידנטום", קיין אַקאַדעמיש-רעליגיעזע טראַקטאַטן, נאָר הוילע אָרנאַ-מענטיק, געמיט-שפּילעוודיקייט. באַדינענדיקע קונסט. פאַר די אויבערשטע פון דעם טעאָלאָגישן שטייסל ביי יידן איז עס געווען אונטערן כּבוד צו פאַרנעמען זיך מיט דידאַזיקע צווייט-ראַנגיקע צי גאָר מינדערווער-טיקע פאַכן. פאַכן, וואָס האָבן קנאַפּ-וואָס צו טון מיט די שווערע קאָפּ-ברעכערישע שטריק-לייטער פון אינטעלעקטועלע סאַקראַלע געזעצן, — צי טיפזיניקע טעאָלאָגישע חקירה. האָרעוואַניע און מלאכה, אַפילו קינסט-לערישע מלאכות, זענען בכלל געווען מבוזהדיקע זאַכן אין די אויגן פון דער יידיש-טעאָלאָגישער צען-טויזנט. מ'האָט גרויסמוטיק געלאָזט די עם-הארצישע מאַסע זיך שפּילן אויף די מאַרגינעסן פון די שווערע טראַקטאַטן און אויף די איידל-מעטאַלן פון די כּלי-קודש, וואָס די חשובע לייט האָבן באַדאַרפט צו די רעליגיעזע מצוות-ומעשיות. דורך דעמדאָזיקן איינציקן טירל, וואָס די הערשנדיקע יידישע טעאָלאָגיע האָט אויפגעלאָזן פריי פאַרן געפיל פונם קאָלעקטיוון יידישן לעבן האָט זיך טאַקע דאָס נאַציאָנאַלע יידישע וועזנהאַפטיקייט — הגם אונטערן סאַ-מעטענעם מענטעלע פון כּלי-קודשדיקייט — פונאַנדערגעוויקלט אויף דעם ווינציקן פלאַץ פון סאַקראַלער קליין-קונסט. די סאַקראַלע טענ-דענצן זענען נאָר געווען דער גוטער אויסרייד פאַרן פּראָפאַנעם וועלט-געפיל פון יענע אַנאָנימע יידישע קינסטלער. ס'האָבן זיך דאָ שטיל און זיכער פונאַנדערגעבליט די בלימן פון אַ יידישן סטיל. אַלע לעבנס-אייגנשאַפטן און אַלע בענקשאַפטן פון דער יידישער קאָלעקטיווער נשמה, אַלע חנען פון יידישן געמיט, אַלע חלומות און פאַרשטעלונגען וועגן דער שיינער וועלט, זענען יידיש-סטילהאַפטיק אַריינגעהאַמערט-

עוואָרן אין די איידל-מעטאַלן, אַריינגעשפונען און אַריינגעהאָפטן-
געוואָרן אין די שווערע פּרוכתן, אין די תּפילים-בייטעלעך און אין די
חלה-טישטיכער. נאָר, און גראָד אין יענער קליין-קונסט האָט מען נאָך
געקאָנט פאַרנעמען דעם וואַרימען האַרציקן אימפּולס פון יידישן מאַסן-
געפיל. דאָס וואָס מ'האָט די יידישע מאַסע נישט געלאָזט אויסרעדן אין
איר יידישער שפּראַך האָט זי אויסגערעדט אין די איידל-מעטאַלן, אין
די שטילע געוועבן פון זייד, אינם טייערן בראָקאַט: איר וועלט-געפיל.
איר סטיל. עס איז געווען זייער באַשיידן, אָבער טיף אין דעם חן און
אין דער בענקשאַפט, טיף אין דער שטילער צניעותדיקער באַשיידנ-
קייט פון דער הינטערשטעליקער יידישער מאַסע. איך גלויב, אַז די
סיבה, פאַרוואָס מיר האָבן נישט היינט-צו-טאָג קיין גרויסע דערגרייכונ-
גען אויפן געביט פון יידישער קליין-קונסט איז פּשוט דערפאַר, ווייל
ערשטנס איז די יידישע ליטעראַטור אַ באַקוועמערער און פיל ברייטע-
רער פלאַץ פאַר יידישער סטיל-שאַפונג, צווייטנס, די היינטיקע צייט
האָט בכלל נישט קיין געפיל פאַר קליין-קונסט. די היינטיקע צייט איז
אַ מאָנומענטאַלע און זי געשטאַלטיקט זיך נאָר אינם מאָנומענטאַלן. די
יידישע ליטעראַטור איז דער וועג, ווו יידיש וועלט-געפיל אַלס סטיל
זאָל זיך געשטאַלטיקן אינם מאָנומענטאַלן. פּרוּוון פון יידישער פּלאַסטיק
אַלס מאָנומענטאַלע יידישע סטיל-שאַפונג — פאַרזאָגן. עס געלינגט
אונז נישט סינטעטיש צו באַהערשן דאָס מאַטעריאַל. מיר טרעפן דאָ
אָן אויף אַ פאַרעקשנטן ווידערשטאַנד.

III

דער אָרטאָדאָקסער עסטעט שרעקט זיך פאַר געוויסע מאַרקסיס-
טישע דערקלערונגען אין קונסט-ענינים, ווי אַ שד פאַר ווייַ-
רויך. ערדישע סאָציאַל-עקאָנאָמישע דערקלערונגען אין די הויכע ספערן
פון קונסט און שיינקייט — עס גרילצט אין די פיין-הערערישע אויערן.
איך וועל עס נישט פאַרלייקענען: גראָד אין דער קונסט-קריטיק דאַרף
מען זיך אומגיין מיט די מאַרקסיסטישע מעטאָדן פאָרזיכטיק. מיט זייער
פיל מאָס און טאַקט. דער עיקר: מיט פאַרשטענדעניש נישט בלויז
פאַרן מאַרקסיזם, נאָר טאַקע מיט זייער פיל פאַרשטענדעניש פאַר דער
קונסט. דער מאַרקסיזם איז אַ גרויסע וואָרהייט. מען מוז וויסן ווי זיך
אומצוגיין מיט גרויסע וואָרהייטן. גרויסע וואָרהייטן זענען אין וועזן
זייערן פיל רעלאַטיווער, ווי די קליינע אמתן. גרויסע וואָרהייטן שפּיג-
לען טיפער און ברייטער אָפּ דעם מהות פון די עקזיסטענצן. אין זייע-
רע לעצטע טיפקייטן הייבן אַלע עקזיסטענצן אָן זיך צו נויגן צום רע-
לאַטיוון. וואָר ווי דאָס לעבן זענען די גרויסע וואָרהייטן, און זיי האָבן
אין זיך אַלע אייגנשאַפטן פון לעבן. אויך דאָס רעלאַטיווע געהער צו
די אייגנשאַפטן פון לעבן. קליינע וואָרהייטן זענען די ווינציקע פּראַק-
טישע אמתלעך פונם שאַבלאָן. דאָס רעלאַטיווע אינם לעבן איז דער
פרייער שפּיל-פּלאַץ פאַר דער פאַנטאַזיע. אויך דער לעבעדיקער מענטש-
לעכער געדאַנק נויטיקט זיך אין דער פאַנטאַזיע, און איר—דער פאַנטאַזיע—
אימפּאָנירט גראָד דער רעלאַטיווער נעבן-טאָן פון דער גרויסער וואָר-
הייט. פאַר דעם אַקאַדעמישן עפּיגאָן מוז מען ערשט די גרויסע וואָר-
הייט קאָנסערווירן אין דעם פּראַקטישן געקעכץ פונם שאַבלאָן, כדי ער
זאָל זי קאָנען געניסן. „אויב דער גרויסער אמת האָט אין זיך די עלע-
מענטן פון רעלאַטיוון", — זאָגט דער עפּיגאָן און ציטערט דערביי פון

אַקאַדעמישער פרומקייט—„דאַן איז דאָך דער גרויסער אמת אַ ליגנט".—ער איז אַ שלעכטער פּסיכאָלאָג, דער עפּיגאָן. אויך דער מאַרקסיסטישער עפּיגאָן איז אַ שלעכטער פּסיכאָלאָג. ווען מאַרקס האָט אַזוי ליב־געהאַט פייערבאַכן און זיין (דאָס מאַרקסיסטישע) וועלט־בילד אַזוי לייכט געקאָנט צופּאַסן צו דער העגעליאַנישער דיאַלעקטיק, איז עס נאָר דערייבער, ווייל די דיאַלעקטיק פון די עקאָנאָמישע געזעצן איז סוף־כּל־סוף נישט מער ווי די דיאַלעקטיק פון דער מענטשלעכער פּסיכיק. דער מענטש איז די מאָס פון די זאַכן, און נאָר דער גוטער פּסיכאָלאָג קאָן זיין דער גוטער מאַרקסיסט. דער מענטשלעכער אמת איז נאָר אַ פּסיכישער פּראָדוקט. מען באַדאַרף צוצוגיין צו די גרויסע וואָרהייטן ווי צו סובלימירטע נשמה־בילדער פון דער מענטשהייט. ווער עס קוקט אויף זיי ווי אויף אַקאַדעמישע פאָרמולקעס — אָ, ער אַנטוישט זיך ביטער אין די גרויסע וואָרהייטן! פּונקט ווי צו די ענינים פון דעם מענטשלעכן מאַטעריעלן לעבן קאָן מען נישט צוגיין אָן פיל קענטעניש פון דער מענטשלעכער פּסיכיק — אַזוי זענען די באַרייכן פון מענטשלעכן גייסט, — איבערהויפּט די רעגיאָנען, ווו דער מענטשלעכער גייסט געשטאַלטיקט זיך אין ספּעציפיש־סובלימירטע פאָרמען — ווי צ. ב., די קונסט — אַוודאי צונויפגעבונדן מיט אַלע קאָמפּלעקסן פון דער מענטשלעכער פּסיכיק. כּדי גוט צו פאַרשטיין די קונסט מוז מען באַזונדערס גוט פאַרשטיין דעם מענטש. כּדי גוט צו פאַרשטיין דעם מענטש מוז מען אים קענען אינם דיאַלעקטישן שפּיל פון די באַדינגונגען. אין דער באַוועגונג פון די באַדינגונגען וויקלען זיך פול פונאַנדער אַלע אייגנשאַפטן און אַלע ניואַנסן פון דער מענטשלעכער פּסיכיק. אין דער סינטעזע פון פּסיכיק און באַדינגונגען האָבן מיר די סינטעזע פון גייסט און מאַטעריע. נאָר אין דער *סינטעזע* דערגרייכט דער מענטש די *דערקענטעניש*.

IV

אונטער היסטאָריש לעבן פאַרשטייען מיר דאָס לעבן פון מין. נאָר דאָס מין האָט היסטאָריע. היסטאָריע איז דאָס גענעטישע לעבנס־בילד פונם מין. אין דעם באַדייטנדיקן מענטש — אין דער אינדיווידואַליטעט — קומט אינם פערזענלעכן מענטש צום באַוווסטזיין דאָס לעבן פון מין. די אינדיווידואַליטעט לייגט אירע ווערט־אַקצענטן אויף די סובלימירטע מין־עלעמענטן אין איר פערזענלעכקייט. אויך וועלט־געפיל איז מין־געפיל. נאָר אין די באַציִונגען זיינע צום מין איז דער מענטש שעפעריש. אויך קונסט איז דאָס זיך־געשטאַלטנדיקע מין־געפיל.

דעפיניציע פון אינדיווידואַליטעט און אינדיווידואום: דאָס אינדיווידואום האָט נישט אין זיך קיין שום באַוווסטזיין פון זיין מין־געפיל. ביים אינדיווידואום קאָנצענטרירט זיך דאָס גאַנצע לעבן אין די ד' אמות פון דער פערזענלעכער עגאָטישקייט. (נישט אין דער פערזענלעכקייט. אינדיווידואום איז נישט קיין פערזענלעכקייט). אין דער עגאָטישער לעבנס-עקזיסטענץ. אין דעם קורצן צייט-שפּאַן פון דעם אינדיווידועלן דאָזיין. „נאָך מיר מעג קומען דער מבול" — דאָס איז דער טיפּישער דעוויז פון דעם אינדיווידואום. צו דעם „נאָך מיר", ד. ה., צו דעם לעבנס-דאָזיין פון מין, האָט דאָס אינדיווידואום נישט קיין שום באַציִונג. אין דערדאָזיקער באַציִונגסלאָזיקייט זיינער האָט דאָס אינדיווידואום אויך נישט קיין שום פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר וואָסער עס איז נאָכוועלט. נאָכוועלט איז פאַרן אינדיווידואום אַ פּוסטע פראַזע. דאָ פעלט אים יעדעס פאַרשטענדעניש. דאָס אינדיווידואום האָט אויך נישט קיין ביאָגראַפיע. ביאָגראַפיע רופן מיר די געשיכטע פונם טעטיקן מין-עלעמענט אין דעם פערזענלעכן לעבן פון דער אינדיווידואַליטעט. דאָס באַציִונגס-שפּיל צווישן דער אינדיווידואַליטעט און דעם

מין רופן מיר ביאָגראַפיע. אַזוי ווייט דאָס אינדיווידואום. ביי דער אינדיווידואַליטעט זענען די באַדינגונגען פונקט קאַפּויער: די עגאָטישע פיר איילן פון פּראַקטישן פּערזענלעכן לעבן שטייען דאָרט נישט אויפן פראָנט פון דער לעבנס-ליניע. זיי זענען עקזיסטענץ-מיטלען, אָבער נישט קיין עקזיסטענץ-צילן. דאָס וואָס עס דאָמינירט יאָ אויף דער לעבנס-ליניע פון דער אינדיווידואַליטעט, איז דאָס שטאַרקע מין-באַוווסטזיין. אין דעמדאָזיקן מין-באַוווסטזיין זענען ממילא אָנגעבונדן אַלע אַטריבוטן, וואָס געהערן צום מין. קודם-כל: דאָס באַוווסטזיין פון געשיכטע, ד. ה., די דימענסיע פון לעבן נישט בלויז אויף דעם קליינעם שטח פון דער פּערזענלעכער עקזיסטענץ, נאָר אויף די דימענסיעס פון דעם מין-עקזיסטענץ. אויף אָט-אָ דעם זע-פעלד פונם היסטאָרישן באַוווסטזיין ווערן אַלע ווערט-אַמביציעס פון דער פּערזענלעכקייט צוגעשניטן לויט די ווערט-אַמביציעס פון דעם מין. דאָס גענעטישע לעבנס-בילד פון דער פּערזענלעכקייט שטעלט זיך נאָר אין שייכות צו דעם גענעטישן לעבנס-בילד פון מין. די נאָכוועלט, — ד. ה., דאָס מין, — איז דאָס אייגנטלעכע קריטעריום פאַר אַלע ווערט-טעטיקייטן פון דער פּערזענלעכקייט. לויט דעמדאָזיקן קריטעריום שטעלט-איין די פּערזענלעכקייט איר לעבנס-ליניע. די פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר דער נאָכוועלט — דאָס איז דאָס עטישע געוויסן פון דער אינדיווידואַליטעט. דאָס פאַרבלייבן אין דער נאָכוועלט — דאָס איז דער עגאָטישער עקזיסטענץ-אינסטינקט פון דער אינדיווידואַליטעט. די אינדיווידואַליטעט רעדט כסדר פון דער אייביקייט — אָבער דאָס אייביקייטס-געפיל איז נאָר די מעטאַפיזישע פראַזע פאַרן מין-געפיל. אינדיווידואַליטעט זאָגט אייביקייט — און מיינט מין. מיטן לעצטן מענטש ענדיקט זיך די גרענעץ פון דער אייביקייט. איך גלויב נישט, אַז אַ מענטש מיטן טיפסטן אייביקייטס-געפיל זאָל זיך וועלן פאַראייביקן פאַר אַ תקופה, אין וועלכער עס וועט שוין נישט עקזיסטירן דאָס מענטשלעכע מין. די אינדיווידואַליטעט וויל היסטאָריש עקזיסטירן אין דער מענטשלעכער עקזיסטענץ. מיר האָבן נישט קיין שום עקזיסטענץ-אַמביציעס פאַר דער מענטשלעכער עקזיסטענצלאָזיקייט. די אינדיווידואַליטעט וויל זיין אייביק אין דער וועלט. אויך אינם באַגריף וועלט לייגן מיר אַריין די וועלט אַלס פאָרשטעלונגס-אָביעקט פון דעם מענטשלעכן סוביעקט.

איך אייביקייטס-געפיל אין מ י ן רופט די אינדיווידואַליטעט אָן „יועלט”.

זאָל פאַרשווינדן דאָס מענטשלעכע מין, אויב עס וועט דערנאָך קומען דער קאַטאַסטראָפאַלער אונטערגאַנג פון דער וועלט — אַזאַ גרויזאַם בילד פון אַ וועלט-אונטערגאַנג רייצט שטאַרק אונזער נייגיריקייט, עס לאָזט פולשטענדיק קאַלט אונזער אייביקייטס-געפיל.

אין דער קונסט קומט דאָס מין-געפיל צום העכסטן אויסדרוק. הגם אין פלוג טרעפן מיר אין די מאָטיוון פון דער קונסט מער א י נ-ד י ו י ד ו א ו מ ס ווי א י נ ד י ו י ד ו אַ ל י ט ע ט ן, ווערט אָבער אין יעדער באַוועגונג, אין יעדער ניואַנסירונג און אין יעדער געשטאַלטונג פון דער קונסט סובלימירט און אויסגעשפּראָכן נאָר דאָס געפיל פון מין. יעדעס פּערזענלעכע און יעדע אייגנשאַפט, וואָס האָט נישט קיין שייכות צום מין ווערט פון דער קונסט עלימינירט ווי אַ פרעמד-קערפּער, איז פאַר דער קונסט נישט אינטערעסאַנט. לאָמיר נעמען פאַר אַ ביישפּיל די קליינע טאָג-טעגלעכע לעבנס-פּאַסירונגען. איןווירקלעכן לעבן גייען מיר פאַר זיי פאַרביי. מיר רעאַגירן נישט אויף זיי. אין דער קונסט ווערן זייער אָפט גראָד אין אָט די ווינציקע טאָג-טעגלעכקייטן פון לעבן אַריינגעבויט די טיפסטע מענטשלעכע שיקזאַלן. שיקזאַלן, וואָס דערשיטערן נישט בלויז די צייט-מעסיקע מענטשן, נאָר באַרירן טיף אויך די ש פּ ע-ט ע ר ע מענטשלעכע דורות און מאַכן זיי מ י ט ל י י ד ן מיט דידאָזיקע ליידן פון די ווינציקע טאָג-טעגלעכקייטן. מיר זעען עס אין די גרויסע קינסטלערישע טראַגעדיעס. פאַרוואָס? ווייל דאָס ליידן פון דעם אינ-דיווידואום דערגרייכט אין דער קונסט דאָס טאָטאַלע ליידן פון מענטשלעכן מין; דאָס ליידן, וואָס קאָנטינויִרט זיך היסטאָריש אין מין. אין דער טראַגעדיע ליידן מיר אָ ב י ע ק ט י ו,—מחוץ די גרענעצן פון אונזער אינדיווידואום — דאָס ליידן פון מין. דער כאַראַקטער פון מין ווירקט דאָרט אַלס שיקזאַל.

נאָר איין שיקזאַל-מאָטיוו באַהאַנדלט די קונסט — דעם שיקזאַל-מאָטיוו פון מין.

דעריבער איז דאָס קונסט-געפיל אַזוי אָרגאַניש פאַרבונדן מיטן אייביקייטס-געפיל. סובלימירנדיק די ריינע מין-מהותן אין דער באַהע-גונג פון דער קינסטלערישער געשטאַלטונג, אַבסטראַהיִרט דער קינסטלער

די עקזיסטענץ-פאָרשטעלונג פון זיין טאַט צו דער עקזיסטענץ-פאָרשטעלונג פון מין. די עקזיסטענץ-מאָס פון דעם מין, — דאָס איז די עקזיסטענץ-מאָס פון דער קונסט. נישט די פערספעקטיוון פון אינדיווידועלן לעבן, נאָר די פערספעקטיוון פון דער נאָכוועלט און די ווייטערע מענטשלעכע דורות, די פערספעקטיוון פון מין, זיי זענען דער פאָן און דער הינטערגרונט פאַרן קונסט-ווערק. וואָס רייַנער דער מין-מאָמענט — דער כאַראַקטער און דער שיקזאַל פון מין — ווערט בולט און אַפּערגעהויבן אין דער קינסטלערישער געשטאַלטונג, אַלץ גרעסער איז דאַן די מייסטערשאַפט פון קינסטלער. וואָס גרעסער די מייסטערשאַפט, אַלץ טיפער און מעכטיקער דאָס אייביקייטס-געפיל. קונסט און געפיל פאַר אייביקייט איז איין-און-דיזעלביקע אייגנשאַפט: מין-געפיל. וואָרים דער עכטער קינסטלער קאָן נאָר טון זיין טאַט אונטער די בליקן פון דער נאָכוועלט.

ע

קינסטלער, וואָס האָבן קאָנצענטרירט זייער שאַפן אויף יידישן סטיל האָבן אייגנטלעך נאָר געוואָלט געשטאַלטיקן דאָס ספּעציפישע מין־געפיל פון יידיש־היסטאָרישן קאָלעקטיוו. וואָרים סטיל — דאָס איז דער כאַראַקטער און דאָס שיקזאַל־געשטאַלט פון מין. סטיל איז נישט די אייגנשאַפט פונם אינדיווידואום. סטיל איז אַ קאָלעקטיווע אייגנשאַפט. סטיל איז דער סובלימירטער וועלט־באַנעם פון קאָלעקטיוו. די קאָלעקטיווע לעבנס־ליניע. סטיל איז געשיכטע. די קינסטלערישע פּערזענלעכקייט, וואָס האָט אין איר שאַפן באַזונדערע נייגונגען צו ספּעציפישע סטיל־געשטאַלטונגען — אינטערפּרעטירט נאָר, לויט דער אייגנאַרטיקייט פון אירע באַציִונגען צום קאָלעקטיוו, — די אייגנאַרטיקייט פון קאָלעקטיוו. תמיד ליגט דער קינסטלערישער הויפּט־אַקצענט אויף אַ קאָלעקטיווער היסטאָרישער אייגנאַרטיקייט, ד. ה., אויף דער אַרט, אויף וועלכער דער קאָלעקטיוו געשטאַלטיקט די פּראָבלעמען פון זיין מין־מהות. זוכנדיק אַ יידישן סטיל האָט מען געזוכט די פאָרם פון יידישן וועלט־געפיל.

דערדאָזיקער י י ד י ש ע ר ס ט י ל איז אין זיין גאַנצן פאַרנעם פאַרבונדן מיט אַלע אַטריבוטן פון אַן אַקטיוון היסטאָרישן קאָלעקטיוו. קודם־כל, איז די גענעזיס פון סטיל, זיין אַנטוויקלונג, זיין וועלט־באַציִונג און זיין עקזיסטענץ־ליניע צוגעמאָסטן צו דער צייט־מאָס פונם קאָלעקטיוון לעבן. ד ע ר ס ט י ל א י ז ד ע ר מ ע נ ט ש, אָבער דער סטיל איז דער מענטש אינם אָפּבילד פון די דורות. דער סטיל איז דער מענטש אין זיין מ י נ ה אַ פ ט י ק י י ט. נאָר אויף דער לעבנס־ליניע פון די דורות דער עיקר, אין דער פולסטער אינערלעכער פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר, די דורות, קאָן זיך אויסגעשטאַלטיקן דער מהות פון אַ סטיל. אַ יעדע וויכטיקע קינסטלערישע טאַט זעט איר מאָנומענטאַליטעט אין די

פערספעקטיוון פון דער נאָכוועלט. קינסטלערישע פאַרמעסטונגען אויף אַ ספעציפישן סטיל פון אַ נאַציאָנאַלן מין — נאַציאָנאַלער סטיל — זענען באַזונדערס אַקצענטירט אויף דער נאָכוועלט פון דעמדאָזיקן נאַציאָנאַלן מין. אינטערנאַציאָנאַלער, אַזוי-צו-זאָגן, ריין-מענטשלעכער סטיל, קאָן גריילער רעזיגנירן פון דער נאָכוועלט פון דעם אָדער יענעם נאַציאָנאַלן אַפשניט. דער פראָנט פון די דורות איז דאָ אויסגעצויגן אויף אַ גרעסערן שטח פון דער צוקונפט. נאַציאָנאַלער מין-סטיל — ווי ריכטיק עס זאָל נישט זיין, אַז נאַציאָנאַלער סטיל איז נישט מער ווי אַ ספעציפישע פאָרם פון אינטערמענטשלעכן סטיל; אַז אויף אַזוי פיל האָט דער נאַציאָנאַלער סטיל וואָג און באַטייט, אויף וויפל ער דריקט-אויס אין זיין נאַציאָנאַלער ספעציפישקייט די אייגנאַרטיקע פאָרם פון זיין מענטשלעכקייט — אָבער דאָך, דער נאַציאָנאַלער סטיל באַמיט זיך באַזונדער איבערצוגעבן די פסיכישע שאַטירונגען, די סובטעלע איינצלהייטן, די ליכט-און-שאָטן-ניואַנסן פונם וועלט-געפיל אינם נאַציאָנאַלן סטיל. וועלט-געפיל אַלס לעבנס-געפיל. דער נאַציאָנאַלער סטיל פאַרבינדט זיך באַזונדער מיט דעם היסטאָרישן לעבנס-אופן פון דעם נאַציאָנאַלן מין. די ליניע פונם נאַציאָנאַלן סטיל — אַלגעמיין-מענטשלעך אין אירע לעצטע קאָנסעקווענצן — זי ציט זיך האַרט נעבן די צוקונפט-פערספעקטיוון פון דער געגעבענער נאַציע. געהערנדיק צום כאַראַקטער פון דער נאַציע, געהער זי צום שיקזאַל פון דער נאַציע.

דער כאַראַקטער און דער שיקזאַל פון דער נאַציע אַנטוויקלען און פאָרמען זיך אין אַ קאָמפלעקס פון היסטאָרישע באַדינגונגען. דעריבער איז אויך די לעבנס-ליניע פונם נאַציאָנאַלן סטיל אָפהענגיק פון דידאָזיקע היסטאָרישע באַדינגונגען.

VI

ווי מיר זאָלן נישט וועלן צריינטייטשן און אויסטייטשן די סאָציאַל-היסטאָרישע קאָנסטרוקציע פון דער יידישער נאַציע, — וואָסערע ראַדיקאַלע פראָגנאָזן מיר זאָלן נישט שטעלן וועגן דערדאָזיקער קאָנסטרוקציע, לאָמיר זאָגן אָפן: אין שייכות מיט די פערספעקטיוון פון סאָציאַליזם, האָט עס גאָרנישט צו טון מיט דער פסיכישער גענעזיס און דעם געשיכטלעך-פסיכישן בילד פון דער יידישער נאַציע. אַ כאַראַקטער אַנטוויקלט זיך נישט לויט די פערספעקטיוון. אפילו נישט לויט די נאָרמאַלסטע און שענסטע פערספעקטיוון פון דער צוקונפט. דער כאַראַקטער אַנטשטייט לויט די פאַקטן פון דער פאַרגאַנגענהייט. אַ כאַראַקטער איז אַ גענעטישער סך-הכל. נישט בלויז דער סך-הכל פונם אינדיווידועלן פערזענלעכן לעבן, נאָר דער סך-הכל פון דורות.

די וויכטיקסטע עלעמענטן פונם כאַראַקטער, איבערהויפט די עלעמענטן, וואָס זענען אַמשעפערישסטן אין דער מענטשלעכער פסיכיק, זענען עלעמענטן פון היסטאָרישע רעזולטאַטן.

אויך אין אינדיווידועלן כאַראַקטער שפילן אַ קאַרדינאַלע ראָל די היסטאָרישע כוחות. אין אונזער אונטערבאַוווסטזיין ליגן געאָלאָגישע שיכטן פון קאָלעקטיווער דורות-פסיכיק. אינם נאַציאָנאַלן כאַראַקטער גילטן היסטאָרישע כוחות נאָך שטאַרקער און אָפענער. אינם נאַציאָנאַלן כאַראַקטער זענען גראָד די היסטאָרישע כוחות די שטאַרקסטע און לעבעדיקסטע קעגנוואַרטיקייט. אין נאַציאָנאַלן סטיל דעצידירן זיי אַמפּולסטן. די היסטאָרישע כוחות זענען דאָס קאָלעקטיווע באַוווסטזיין. נאַציע איז אַ פסיכישער סך-הכל פון אַ געמיינזאַמער געשיכטע, און געשיכטע איז אַ סך-הכל פון באַדינגונגען.

דאָס כאַראַקטער-בילד פון דער יידישער נאַציע האָט זיך אויס-

געבילדעט אין ספּעציפישע סאָציאַל-עקאָנאָמישע באַדינגונגען. דורך זיי
האָט אין דער יידישער פּסיכיק זייער שטאַרק דאָמינירט דאָס עלעמענט
פון אַ וואַנדער-פאָלק. נישט בלויז דאָס וואָס יידן זענען געווען אַ
שטאָטיש עלעמענט. אַפילו אַלס שטאָטיש עלעמענט זענען יידן
נישט זיכער-געווען אין זייער סטאַביליטעט. סיבות, וואָס דערקלערן דאָס,
זענען פאַראַן גענוג. פאַקטן זענען גיכער די בוי-שטיינער פון דער פּסי-
כיק, ווי די סיבות. דער היסטאָרישער פאַטום, וואָס האָט זינט טויזנטער
יאָרן געהאָנגען איבער דער יידישער געשיכטע, האָט קיינמאָל יידן נישט
געלאָזט פעסט זיך איינוואָרצלען אין זייערע בעסטע ווין-ערטער. די
זיכערקייט האָט געהערט צו די ליכטיקע צופאַלן פון דער יידישער גע-
שיכטע, די נישט-זיכערקייט איז געווען דאָרט די רעגל. אין די יידישע
משפחות זענען איבערגעגאַנגען פון דור-צו-דור שיינע געשניצטע קו-
פערטס. דידאָזיקע קופערטס האָבן אונטערן דנאָ זייערן געהאַט רעדלעך;
אויב עס וועט אויסשלאָגן די שווערע שיקזאַל-שעה זאָל מען תמיד קאָ-
נען די יידישע כאַדאָבע מיט זיך מיטפירן אויף דער אויסוואַנדערונג.
אָט-אָ די רעדלעך אונטער יידישע קופערטס זענען סימבאָליש אויך פאַר
דער פּסיכיק פון יידן. די יידישע ישובים און די יידישע געטאָס האָבן
תמיד געמאַכט דעם איינדרוק ווי אויפגעשלאָגענע געצעלטן. אויפגעשלאָ-
גענע געצעלטן איבער אַלע מענטשלעכע לענדער. אין זייערע טענדענצן
און מאָטיוון האָבן שאַגאַל און אַדלער אַזויפיל געוואָלט אונטערשטרייכן
דאָס מיסטיש-גראָטעסקע, דאָס פּורים-שפּילערישע און קאָמעדיאַנטישע,
דאָס מאַסקנהאַפטיקע אַלס סטיל-וועזן אינם יידישן היסטאָרישן לעבן.
עס זענען געווען די קינסטלערישע אָנרעגונגען פון דעם וואַנדעריש-גע-
צעלטישן אין יידישן לעבנס-אופן. דעם שיקזאַל-שטערן פון דער יידי-
שער געשיכטע האָבן זיי אויפגעהאָנגען נידעריק און גראָטעסק, ווי אַ
גייסטערהאַפטיקע קאָמעדיאַנטן-לאַמטערן איבער די וואַנדער-געצעלטן
פון יידן. וואָס זענען יידן אַלס סטיל? דעם יידישן סטיל און דעם
יידישן וועג אין דער מענטשלעכער געשיכטע האָבן שאַגאַל און אַדלער
געוואָלט מאָטיוויסטיש אינטערפּרעטירן אַלס דעם וועג פון אַ גרויסער
און געהיימנישפולער קאָמעדיאַנטן-טרופּע*). אָט-אָט די קאָמעדיאַנטן-טרו-

*) זע: י. י. טרונק „אידעאַליזם און נאַטוראַליזם אין דער ייד. ליטעראַטור“.

פע — יידן — שפּילן אין יעדן לאַנד אָפּ אַ סצענע פון זייער מערקווירדיקער געשיכטע. פּאַקן-איין די דעקאָראַציעס. לאָזן זיך פונדאַסנייאין ווייטן וועג-אַריין. שאַגאַלס יידן שפּרייזן איבער דעכער... זיי שפּרייזן כּסדר איבער עפּעס אַן אויסטערלישן רוים. דעמדאָזיקן דינאַמישן רוים זעט שאַגאַל אַלס די דימענסיעס פון דער וועלט אין דער יידישער וועלט-פאָרשטעלונג. אַלע יידישע מאָטיוון בײַ אים זענען אויפגעלעזט אין אַ דעסטרוקטיווער דינאַמיק. אין אָט-אָ דער ווילדער וועלט-דעסטרוקציע שפּרייזן די יידן אין מאַסקן-צוג. ס'דערמאָנט אָן שלום-עליכמען. יידן אין מאַסקעס. כּדי צו ווייזן דאָס וועזנהאַפטיקסטע פון יידישן פּנים, מוז מען דאָס יידישע פּנים ווייזן אין אַ מאַסקע.

דאָס וואַנדערהאַפטיקע וויל מען אַריינגעמען אַלס וויכטיק עלעמענט אין יידישן סטיל. דאָס שטאַמט דורכויס פון טיפערן באַנעמען דאָס יידישע וועזן. דער קינסטלער, וואָס גיט זיך ספּעציעל אָפּ מיט יידישער סטילהאַפטיקייט, — זיינע פּערזענלעכע פּערספּעקטיוון זענען אויך פאַרבונדן מיטן יידישן וואַנדער-שיקזאַל. אינעם יידישן סטיל קאָנצענטרירן זיך — אַלס געשטאַלטונגס-באַוועגונג — אַלע אייגנשאַפטן און אַלע ניואַנסן פון יידישער פּסיכיק. סובלימירטע נאַציאָנאַלע פּסיכיק — אַפילו אויף איר העכסטער קינסטלערישער מדרגה קאָן מען זי נישט אָפּרייסן פון איר נאַציאָנאַלן שטאַם. פּסיכיק און כאַראַקטער זענען גענעטישע אייגנשאַפטן פון אַ קאָלעקטיוון היסטאָרישן שיקזאַל. אויך אין זייערע איידלסטע און פאַראייביקטסטע פאָרמען — אין די פאָרמען פון נאַציאָנאַלן סטיל — זענען זיי פולקום אידענטיש מיטן שיקזאַל פון דער נאַציע.

אויך סטיל איז אַ פאָרם פון שיקזאַל.

דאָס היסטאָרישע וואַנדער-געפּיל פון דער יידישער נאַציאָנאַלער פּסיכיק ליגט נישט בלויז אַלס וועזנהאַפטיקייט אין די פאָרמען פון יידישן סטיל. וואַנדער-געפּיל איז אויך די שיקזאַל-עמפּינדונג אין דער נשמה פון יידישן סטיל-געשטאַלטער. שאַפנדיק הויבט ער אויף זייגע אויגן צו די קומענדיקע יידישע דורות. אין סטיל הערט דער קינסטלער די באַוועגונג פון דער נאָכוועלט. די יידישע נאָכוועלט, צו וועלכער דער יידישער סטיל-קינסטלער אַפּעלירט אין זיינע געשטאַלטונגען ער מעסט איר וועזנהאַפטיקייט לויט דעם וועזנהאַפטי-

קייט פון דער יידישער פסיכיק, ד. ה., לויט דעם היסטאָרישן וואַנדער־געפיל פון דער יידישער פסיכיק. די סטיל־פאָרמען, דער עיקר די מאַטעריע, וואָס אַנטשפּרעכט *פסיכיש* דידאַזיקע סטיל־פאָרמען, אַנטשפּרעכט אויך דער קאָנסטרוקציע פון היסטאָרישן יידישן וועלט־געפיל, *דעם וואַנדער־געפיל*. פאַר דער פאָרם פונם יידישן סטיל זוכט דער קינסטלער — אין זיין אינסטינקטיוון אויסבליק צו די יידישע דורות — יענע קונסט־דימענסיעס און יענעם מאַטעריעלן שטאָף, וואָס זאָל אין גאַנצן היסטאָרישן וועג פונם יידישן מין תמיד זיין צוגעפּאַסט צום לעבנס־אופן פון יידן. נישט נאָר אַלס וועזן און כאַראַקטער, אויך אין זיין עקזיסטענץ־שטייגער — אין זיין שטאָף און מאַטעריע — אַנטשפּרעכט יידישער סטיל דעם יידישן וואַנדער־געפיל. די שפּעטערע יידישע דורות, וואָס קוקן־אַראָפּ אויף דער טאַט פון יידישן סטיל־קינסטלער — ער זעט זיי ווי אומרויִקע נאָמאַדן רוען אין זייערע געצעלטן. אין שווערע שיקזאַל־טעג לייגן זיי פונאַנדער דידאָזיקע געצעלטן און לאָזן זיך פונדאָסניי אויף די ווייטע וועלטישע וועגן. אין זיין פולן וועזנהאַפטיקייט וויל דער יידישער סטיל זיין פאַרבונדן מיט דער יידישער נאָכוועלט. ער פּאַסט זיך פסיכיש צו נאָר צו אַזאַ מאַטעריאַל, וואָס זאָל זיין וואַנדער־פעיִק; די יידישע נאָכוועלט זאָל אים תמיד קאָנען מיטנעמען מיט זיך, וווהין עס וועט זי פירן דער שטערן פון איר שיקזאַל. צום וואַנדער־פעיִקסטן איז דאָס בוך. דעריבער קאָן זיך צום יידישסטן פילן דער יידישער שריפטשטעלער. נישט דער טעאָלאָגיש־מעכאַנישער פאַרבאָט פון „פסל ומסכה“, נאָר עס איז אַ טיפערע היסטאָריש־פסיכישע סיבה, פאַרוואָס דער יידישער געניוס האָט אינם שפּראַך־מאַטעריאַל — אינם בוך — געזען די בעסטע און פּאַסיקסטע פאָרם, ווו זיך שעפעריש פונאַנדערצובויען; אַ פאָרם, ווו אַלע אַטריבוטן פון *פערזענלעכקייט און מין, קעגנוואַרטיקייט און נאָכוועלט* זאָלן צוזאַמענשפּילן אין דער קינסטלערישער טאַט. סינטעזע צווישן *גייסט* און *באַדינגונגען*. די יידישע דורות האָבן אומעטום געקאָנט מיטנעמען מיט זיך דאָס יידישע בוך. עס איז אומעטום, דאָס יידישע בוך, געווען מיט זיי דער נע־ונדניק. דאָס יידישע בוך איז פון די איידלסטע רעקוויזיטן אין דעם שוי־

שפּיל פון יידישער געשיכטע. אַלע שעפערישע אַמביציעס פונם יידישן קינסטלער זענען דאָ געווען אין פולן איינקלאַנג מיט די סאָציאַלע באַדינגונגען פון יידישן מין. נע-ונד. אויך די קליין-קונסט און די געוועבן זענען וואַנדערפעיִק, און מיר האָבן טאַקע דאָרט יידישן סטיל. דערקעגן, וואָס שייך מאָנומענטאַלער פּלאַסטיק, איז זי לויט דער גאַנ-צער פאָרם אירער אויסגערעכנט אויף אָרט-איינגעוואָרצלטקייט. אויף געשיכטלעכער סטאַביליטעט. פאַר דער מאָנומענטאַלער פּלאַסטיק זענען גראָד אָרט און נאָכוועלט די באַגריפן פון דער סינטעזע. נישט אין דער אָרטלאָזיקייט, אין דעם אָרט זעט זי דעם רוים פון דער נאָכוועלט. אין דער סטאַביליטעט פון איר אייגענער מאָנומענטאַלישקייט זעט דידאָזיקע פּלאַסטיק דאָס אָרט-מאָנומענטאַ-לישקייט פון די שפּעטערע דורות. פאַר דער יידישער פּסיכיק איז אָרט-מאָנומענטאַליטעט אַ קעגנזעצלעכער, אַן אָרגאַנישער ווידערשפּרוך. עס ליגט נישט אויף איר לעבנס-ליניע. די רוים-באַוועגונג פון דער יידישער פּסיכיק איז דאָס וואַנדערן. די היסטאָרישע דינאַמיק. ווי-דערשפּרוך צו דער פּסיכיק איז ווידערשפּרוך צום סטיל-געפיל. נאָר אַלס סינטעזע מיט דער נאַציאָנאַלער פּסיכיק קריסטאַליזירט זיך דאָס נאַציאָנאַלע סטיל-געפיל.

קונסט אוןווירקלעכקייט

(מעטאפיזישע קונסט-טעאריע פון אסקאר אוײלד)

געשריבן 1923

I

קונסט אוןווירקלעכקייט

אין אַן אַטע׳יע פון אַ מאָלער איז פאַר אוּאַיילדן געלעזט-געוואָרן דאָס פּראָבלעם פון קונסט און ווירקלעכקייט, פון קונסט און לעבן. די קונסט באַזיגט די ווירקלעכקייט. די קונסט רייסט-איבער יעדן שייכות מיטן לעבן. די באַציִונגען צווישן קונסט און ווירקלעכקייט ווערן ענדלעך קלאָר. די צוויי וועלטן, ווירקלעכקייט און קונסט, האָבן נישט צווישן זיך קיין שום געמיינזאַמס. אויב זיי באַרירן זיך אַמאָל, טוען זיי עס אויך ווי צוויי פרעמדע. די קונסט קומט צו דער ווירקלעכקייט נעמען אַ מאָטיוו. אויך דער סקולפּטאָר קומט צו דער ערד נעמען ליים. ליגט אין דעם ליים דאָס קונסטווערק? די ווירקלעכקייט — הגם אין איר ליגט אַן אוצר פון מאָטיוון — איז פונדעסטוועגן פרעמד צו דער קונסט, צו דער קינסטלערישער ווירקלעכקייט. דער אָפּגרונט צווישן זיי איז אומגעהייער. עס לאָזט זיך צווישן זיי קיינמאָל נישט לייגן קיין בריק. וואָס איז קונסט? דאָס איז אַ פראַגע פאַר דער קונסט, פאַר איר מעטאַפיזיק. איינס איז אָבער זיכער פאַר אוּאַיילדן: קיין ווירקלעכקייט איז זי נישט.

אין זיינע געשפרעכן וועגן קונסט קומט אוּאַיילד אַפילו צו דער פאַרקערטער קאָנסעקווענץ: כּל-זמן ס׳האָט די קונסט נאָך נישט געהאַט אויפגעטויכט אין דער עמפּינדונג פון דעם מענטשן-געשלעכט, האָט גאָר נישט עקזיסטירט קיין ווירקלעכקייט. ס׳איז געווען בלויז אַן אומבאַשטימטער כאַאָס, אַ גראָע וועלט אָן אַ נאָמען. ערשט די קונסט האָט געבוירן די ווירקלעכקייט. די קונסט איז די מוטער פונם לעבן.

אין „דאָריאַן גריי״ איז אואַיילד נאָך נישט אַזוי עקסטרעם. ער פאַרלייקנט נישט די ווירקלעכקייט אַלס אַזעלכע. ער איז אין איר מודה. מודה־זייענדיק, איגנאָרירט ער זי. וואָס איז דאָס לעבן? אַ סוראָגאַט פון עפּעס־וואָס, וואָס האָט נישט געקאָנט ווערן קיין קונסט. אַ סך־הכל פון טעמפּע דערפאַרונגען. „און די דערפאַרונג האָט קיין ווערט נישט, די דערפאַרונג איז אַ נאָמען, וועלכן די מענטשן האָבן געגעבן זייערע טעותים״. דאָס געוויינלעכע לעבן איז דער גרויסער טעות פון דער געשיכטע. עס געהער איבערהויפּט נישט צו דער געשיכטע. „די וועלט־געשיכטע — זאָגט אואַיילד — איז די געשיכטע פון דער קונסט״. דאָס געוויינלעכע לעבן איז דער לעצטער טייל פון אַ מעכאַניש אַנטוויקלונגס־ווערק, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן אין נעפּל־פלעק און האָט זיך געענדיקט אין דער מענטשלעכער ווירקלעכקייט. אויף יענער זייט פון דעם־דאָזיקן טייל, איבער אַ תהום אַריבער, הייבט זיך אָן אַ נייער קאָסמישער פּרינציפּ, אַ נייע וועלט — די וועלט פון דער קונסט.

ווירקלעכקייט — קאָסמישע מעכאַניק. קונסט — קאָסמישע פרייהייט. קונסט איז אַ נייער אַנטוויקלונגס־געדאַנק.

קונסט און ווירקלעכקייט — זיי האָבן נישט צווישן זיך קיין שייכות. לאָמיר אויך נישט זוכן, מיינט אואַיילד, דעם פאָדעם, וואָס זאָל זיי כלומרשט צוזאַמענבינדן. דער גלויבן אין אָט דעם פאָדעם וועט אונז נאָר פאַרפלאָנטערן און מיר וועלן נישט האָבן דעם אמתן חוש נישט פאַרן לעבן, נישט פאַר דער קונסט.

II

באַזיל האָליוואַרד

דעם מאָלער באַזיל האָליוואַרד איז געלונגען בולט צו מאַכן אָט די גרענעץ. די גרענעץ פון קונסט און ווירקלעכקייט.

דאָס מאָדעל דאָריאַן גריי הערט⸗אויף אין וועזנטלעכן צו עקזיסטירן אַלס ווירקלעכקייט.

דאָס טראַגישע פאַרטיפט דאָס לעבן און דערהויבט עס צו אָנשויונג, וועלט⸗אָנשויונג. דאָס טראַגישע גיט דעם לעבן וועג און אַנטוויקלונג. דאָס טראַגישע איז דער מבוא און דער תוך פון געשיכטע. דער יונגער דאָריאַן גריי גייט-אויף צו אַ טראַגישער פערזענלעכקייט. ערשט אַ לעבן, וואָס עס רייפט דערין דאָס שיקזאַל, באַקומט ווערט. דאָריאַן גרייס לעבן האָט שיקזאַל. וואָסער שיקזאַל!

באַזיל האָליוואַרד באַקענט זיך מיט דעמדאָזיקן יונגן גריי. ער באַקומט אים ליב. די ליבע אַנטפּלעקט פאַר אים אין דעם שיינעם יונגלינג אַ גאַנצע וועלט. האָליוואַרדס וועלט. גריי ווערט פאַר האָליוואַרדן אַ לעבנס-אינהאַלט. נאָך מער: דער גאַנצער קינסטלער-וועג האָליוואַרדס איז נאָר געווען דער וועג צו גריי. צום בילד גריי. דער וועג פון דער ווירקלעכקייט צו דער קונסט איז נישט אַזוי לייכט. דער קינסטלער מוז קעמפן, — שווער קעמפן, — ביז ער באַפרייט זיך אַרויס פון דער ווירקלעכקייט. ביז ער באַפרייט אויך פון אירע הענט אַרויס די קונסט. די ווירקלעכקייט, ווי דער קוואַל פון מאָטיוון, גלויבט שטענדיק צו האָבן פאָדערונגען צו צוזאַמענקייט מיט דער קונסט. זי קלאַמערט זיך אָן דער קונסט מיט דער ליבשאַפט פון אַ פאַלשער מוטער. דידאָזיקע שטיף-מוטערישע ליבשאַפט קלעבט זיך זייער אָפט צו צו אונזער

אמתער באַציִונג לגבי קונסט־ענינים. זי ליגט נישט איין מאָל ווי אַן אבן-נגף אויפן וועג צום ריינעם קינסטלערישן באַוווסטזיין, אויפן וועג צום פרייען שאַפן.

אין אוּאַיילדס בוך טרעפן מיר האָליוואַרדן שוין ביים זיג. עס איז, אַזוי-צו-זאָגן, אַ נצחון-אויסגעשריי, וואָס אוּאַיילד לאָזט הערן אי־בער דערווירקלעכקייט. אָט האָט ער דערקלעטערט צום ציל. אָט האָט ער שוין געראַטעוועט די קונסט פון די נעצן פון לעבן. אויך אין זיין קינסטלער-ווערן האָט האָליוואַרד מן-הסתם געקעמפט פאַר יענער גרוי־סער באַפרייונג. דערדאָזיקער קאַמף איז דער אַנטוויקלונגס-וועג צום מייסטער-ווערק, צום געניאַלישן. דאָס בוך אוּאַיילדס הייבט זיך אָן ביים לעצטן שטאַפל: דאָריאַן גריי.

האָליוואַרד טרעט-אויף מיט זיין לאָרבער־קראַנץ. ער איז דער טריִומפּאַטאָר. דער ווירקלעכער דאָריאַן גריי איז באַזיגט, עס לעבט נאָך בלויז זיין בילד: האָליוואַרדס קונסט־ווערק. אויב דער ווירקלעכער דאָריאַן גריי — דער פון געוויינלעכן לעבן — איז געבוירן-געוואָרן אונ־טערן שטערן פון שרעקלעכסטן שיקזאַל, אויב ער איז פון די פאַר־שאָלטן־געבענטשטע, וואָס זיי איז באַשערט צו גיין אויף דעם היי־ליקסטן וועג אין דער וועלט, אויפן וועג פון ליידן, אויפן וועג פון די געטער — האָליוואַרד, דער פרייער קינסטלער, פאַרטרייבט אים פון דאָרט ווי אָדמען פון גן־עדן. צי מעג די ווירקלעכקייט טרעטן אין די טריט פון די געטער? איז דען איר איבערלעבונג מער ווי פּוסטע פּראַזע? די ווירקלעכקייט לעבט נישט איבער, מיינט אוּאַיילד, ווייל זי איז, אין תּוך־גענומען, קונסטלאָז. דעריבער ליגט נישט אין איר קיין וועלט־אַנשויונג, קיין טיפער באַוווסטזיין. ערשט די קונסט איז די באַשויערין. די פרייע באַשויערין. דעריבער לעבט זי איבער. דעריבער קאָן זי אויך ליידן.

האָליוואַרד באַזיגט די ווירקלעכקייט. ער האָט גענומען אירס אַ מאָטיוו און זי פאַרניכטעט. ער רייסט־אַראָפּ פון אירע אַקסלען די לאַסט פון איר אייגענעם שיקזאַל. אַלצדינג אין קונסט־ווערק: אויך דאָס שיק־זאַל. אויך דאָס ליידן. עס זינדיקט אַ מענטש און קאָן צומאָל זיין נשמה נישט באַשמוצן. אָ, די טראַגעדיע פון דער ווירקלעכקייט! דער יונגער דאָריאַן גריי בלייבט לעבן זיין פּאָרטרעט אַ הוילער שאָטן. אַ שאָל אָן אינהאַלט. מיט וואָסער גרויזאַמקייט דאָס בילד דאָריאַן האַלט עס דעם

מענטש דאַריאַן געפאַנגען ווי אַ שקלאַף! דער מענטש דאַריאַן מוז ווייטער בלייבן דער דינער פון בילד. ער מוז וואַנדערן אין דער וועלט און קלויבן מאַטיוון. ער מוז האָבן פרייד, טרויער, ליבע און זינד. ער, דער מענטש דאַריאַן גריי. וואָס בלייבט אים איבער פון דעם אַלצדינג? וואָס בלייבט איבער, איר, דער באַזיגטער ווירקלעכקייט אין דעם דינסט פון דער קונסט? גאָרנישט. דער מענטש גריי, איז אַ בלויזער לאַסט־טרעגער, וואָס טראָגט קרבנות אין דעם טעמפּל פון אַ געטין. ער ליבט? וואָס איז דען די ליבע פון געוויינלעכן לעבן? די ליבע אין דער ווירק־לעכקייט? אַ וויסט עכאָ אָן אַ קינסטלעריש דערקענטעניש, אָן די פּאָטענצן פון געשטאַלט־געבן. גריי ליבט. נישט ער, נאָר דאָס בילד ווערט געלייטזעליקט. אפשר איז איבערהויפּט די ליבע אין דער ווירק־לעכקייט אַן אומבאַקאַנט וואָרט? און די זינד? זי, די הייליקע שוועס־טער פון דער ליבע, די שוועסטער פון סוד. צי ווערט דאָס לעבן גע־הייליקט אין דער זינד? צי ווערט דאָס לעבן געשטראָפט?

ליידן, שטראָף, שולד, ליבע, אוואַיילד מיינט, אַז דידאַזיקע איבער־לעבענישן עקזיסטירן איבערהויפּט נישט אין דער געוויינלעכער ווירק־לעכקייט, אין יענעם „סך־הכּל פון דערפאַרונגען". אויב מ'טרעפט ווען עס איז דאָרט אַן איבערלעבונג, איז עס בלויז אַ מאָטיוו. אינם לעבן איז נישט פאַראַן קיין טראַגעדיע, ווייל ס'לעבן האָט נישט צו טון מיט דער קונסט. ערשט אין דער קונסט הייבט זיך אָן דאָס וועזן פונם טראַגישן. דאָס טראַגישע איז די גרויסע בענקשאַפט צו דער אויסלייזונג, דער גרויסער רוף צו דער אויסלייזונג. די וועלט פון דער קונסט, וואָס האָט זיך אויפגעבויט, רופט צו חורבן. חורבן? ווער ווייסט עס? ווער ווייסט דעם וועג, וווּ אַהין עס פירט דאָס טראַגישע?

אוואַיילד וויל דעם גאַנג פון די אַלע דאָזיקע פּראָבלעמען און זייער אַנטוויקלונג אַריבערנעמען פון לעבן אין דער קונסט. און זעט זיי עמיצער אינם לעבן, פאַרלייקנט אוואַיילד זייער וויכטיקייט. זייער עקזיסטענץ אַפילו. עס באַדאַרף נאָר צו קומען דאָס גרויסע טאַלענט, דאָס. זשעני, און מיר זעען זי אין זיינע ווערק: די ריינע, פון לעבן־באַפרייטע קונסט. מיר הערן ווי עס טרעט די אייביקייט. נאָר ביי דער מיטלמע־סיקייט האָט זיך נישט דיפערענצירט די קונסט פון דער ווירקלעכקייט די מיטלמעסיקייט געהער מער צו דער ווירקלעכקייט ווי צו דער קונסט.

מיטלמעסיקייט איז די פסיידאָ⸗קונסט,ווירקלעכקייטס⸗קונסט. דעריבער איז די מיטלמעסיקייט נישט אייביק. פאַרגייט. איז אָנגעבונדן אין דער ווירקלעכקייט. און פאַרבלייבט נישט, גלייך ווי זי. וואָס פאַרבלייבט דען פון דער ווירקלעכקייט ? דער באַגריף פון אייביקן איז פאַראַן נאָר אין דעם, וואָס קאָן באַשויען. קינסטלעריש באַשויען. נאָר אין דעם באַשויען איז פאַראַן די איבערלעבונג.

ווייל אואַיילד לייגט אַזויפיל געוויכט אויף דעם ווערט פון איבערלעבונג — פאַרלייקנט ער עס אין דער געוויינלעכער ווירקלעכקייט. איבערלעבונג! אויך די געטער שטרעקן צו דיר אויס זייערע הענט. אין דער ווירקלעכקייט איז אַלצדינג בלויזע מאָטיוון. ווערטער, וואָס וואַרטן אויף אַן אינהאַלט. ערשט אין דער קונסט באַקומט די וועלט איר ווען. תיקון. דער איבערגאַנג פון געוויינלעכן מענטש צו דעם מענטש⸗באַשויער און זיין ווערק איז נישט בלויז אַן אַנטוויקלונגס⸗פּרינציפּ, ווי עס גלויבט דער געבילדעטער „קונסט⸗קענער”, דער פיליסטער, וועלכער מיינט, אַז ס'איז פאַראַן אַ וועג פון דער ווירקלעכקייט צו דער קונסט. דאָס וועזן פון דער קונסט אַנטפּלעקט זיך אין אַן אַנדערער וועלט, אין איר אייגענער וועלט. נאָר אין יענער אייגענער וועלט קאָן מען געפינען די אמתע ווערטן פון דער קונסט. די קונסט. נאָר דאָרט קאָן מען אויך טרעפן די מענטשן, די באַשויער. ווער עס וועט זיי זוכן אין דער ווירקלעכקייט, דערפאַר, ווייל אין דער קונסט⸗וועלט האָט ער אָנגעטראָפן מאָטיוון, וואָס האָבן זיך אים אויסגעדוכט אַלס ווערטן פונם געוויינלעכן לעבן,—דערדאָזיקער באַווייזט נאָר, אַז אויך אין דער קונסט איז ער אַרומגעגאַנגען ווי אַ פּראָפאַן, ווי אַ בלינדער. ער האָט זי נישט עמפּונדן. די קונסט האָט אים נאָר געוויזן די אויפשריפטן אויף אירע אייגנטימער. (די עטיקעטן, — ווי בערגסאָן וואָלט עס געזאָגט.) דאָס וועזן אירס האָט זי אים נישט אַנטפּלעקט. דער תוך אירער איז אים געבליבן פרעמד. דעם פרעמדן.

אואַיילד וויל געבן דעם טיפּ פון קינסטלער, דעם באַפרייטן פון דער ווירקלעכקייט, דאָס זשעני: עס איז האָליוואַרד. ער וויל געבן די ווירקלעכקייט מיט דעם שקלאַפן⸗צייכן אויפן שטערן, די ווירקלעכקייט אַלס מאָטיוו: עס איז דאָריאַן גריי.

III

וווּנדער

איז דער קינסטלער אינדעראמתן אַ מאַגיקער? באַווייזט דער
קינסטלער וווּנדער? מיט האָליוואַרדס בילד געשעען וווּנדער. עס איז פאַ=
ראַן דערין כישוף=שפּיל—דאָס כישוף=שפּיל פון דעם וועלט=מיסטעריום. או=
אַיילד שטעלט האָליוואַרדן דיזעלביקע פאָדערונג, וואָס נאָוואַליס זיין
היינריך פון אָפטערינגען: דער קינסטלער מוז זיין אַ וווּנדער=טוּער. דער
קינסטלער מוז שטיין איבער די געזעצן פון דעם וועלט=ווילן, איבער
דעם וועג פון די דערשיינונגען. דער קינסטלער האָט זיין אייגענע ווירק=
לעכקייט. יעטוועדעס עכטע קונסט=ווערק איז דער אָנהייב פון אַ נייעם
פּרוּוו פונם קאָסמאָס זיך צו געשטאַלטיקן. אין אָט דער ווירקלעכקייט זיי=
נער מוז ער זיין דער שאַפער, דער מאַגיקער, ווי נאָוואַליס פאַרלאַנגט עס.
די שאַפנדיקע סוגעסטיע איז די הויפּט-באַדינגונג פון דער קונסט. אַ
טייל פון דער מאָדערנער פילאָזאָפיע און די אַלטע אינדישע וועלט=
אָנשויונג, פאַרלייקענען די אָביעקטיוויטעט פון דער וועלט. זיי שטעלן
בכלל פאָר דעם דערקענענדיקן סוביעקט ווי אַ טרוימער. ווער ווייסט, ווי
ס'קוקט די וועלט אויס אין איר אינערלעכקייט? ווער ווייסט איבערהויפּט,
צי עס עקזיסטירן די עקזיסטענצן? דערמיט איז אייגנטלעך יעדער מענטש
געוואָרן אַ שאַפער, אַלע ווירקלעכקייטן — אומווירקלעך. עס איז אָבער
ווייט נישט יעדער מענטש קיין קינסטלער. עס איז אויך נישט די סוב=
יעקטיוו=אויסגעטרוימטע וועלט — קונסט. דער געוויינלעכער מענטש פון
דער ווירקלעכקייט — הגם ער איז אפשר דער איין=און-איינציקער, און
אין זיין אומבאַקאַנט האַרץ שטייגט-אויף ווי אַ חלום די גרויסע וועלט,—
איז ער סוף-כל סוף אַליין נישט מער ווי אַ שפּיגל-בילד, וואָס שפּיגלט-אָפּ

„די וועלט אַלס פאָרשטעלונג. ווערן די געטער אַרויספּאַרלייקנט פון דעם אָביעקטיוון וועלט-אַל און ס'בלייבט דער מענטש איינער אַליין ווי דער גאָט. דער יחיד, — איז פונדעסטוועגן דער געוויינלעכער מענטש נישט פריי. ער איז דער עבד פון זיין אייגענער גאָטהייט. ער סוגערירט נישט פרייוויליק. ער ווערט סוגערירט פון אַ קאַטעגאָרישן אימפּעראַטיוו. נישט ער איז דער כּישוף-מאַכער, אים ווערט אַ כּישוף אָפּגעטון. מעג דערדאָזיקער כּישוף זיין אַ גאַנץ אינערלעכער, פון אינערלעכע אומבאַקאַנטע אוצרות, פונדעסטוועגן איז דער געוויינלעכער מענטש דער ווילנלאָזער שקלאַף פון זיינע אייגענע אוצרות. ער איז גאָט. אָ, ער באַקרוינט זיך לייכטזיניק מיט דעמדאָזיקן, פאַר אים מערקווירדיקן עפּיטעט! אָבער וואָס איז אַ גאָט אַ קנעכט? אַ גאָט אַ געפאַנגענער, וואָס איז צוגעשמידט צו זיין אייגענעם הימל און קאָן זיך אַ ריר נישט געבן? אַ גאָט׳ וואָס זיין וועלט איז אים אַ לאַסט און ער וויל אונטערגיין? (דער אינדישער פּעסימיזם און דער פּעסימיזם פון שאָפּענהויער). ערשט אין דער קונסט הייבט זיך אָן דאָס ווערק פון דער באַפרייונג. זי איז נישט בלויז „די וועלט אַלס פאָרשטעלונג". הינטער דערווירקלעכקייט שטייט אַן אומבאַקאַנט שיקזאַל, אַ שיקזאַל, וואָס דיקטירט איר, אַ שיקזאַל, וואָס פייניקט זי. די קונסט האָט איר אייגענעם שיקזאַל.

די קונסט איז דאָס שיקזאַל פון אירע ווערק.

צי האָט בכלל די קונסט שיקזאַל?

אפשר נישט. הגם זי רעדט אַזוי אָפט פון שיקזאַל, רעדט זי דערפון ווי וועגן אַ מאָטיוו. דאָס שיקזאַל פאַרשקלאַפט די ווירקלעכקייט, עס שטייט מחוץ איר. דאָס געזעץ. דאָס שיקזאַל איז דאָס גרויסע מיסטעריום פון דער ווירקלעכקייט. דאָס מיסטעריום פון דער קונסט איז די פרייהייט. דאָס פריי-זיין. פון איר אייגן אינערלעכקייט אַליין געשעט דאָס וואונדער, דאָס געשטאַלט-געבן, דער סוד-היצירה.

און דער קינסטלער?

פאַר נאָוואַליסן, ווי פאַר אואיילדן, איז ערשט דער קינסטלער— דער מענטש דער באַפרייטער. פאַר זיי ביידע איז דער קינסטלער אַ וואונדער-טוער. האַליוואַרד און היינריך פון אָפטערינגען. איז דען אַ חילוק צווישן קינסטלער און קונסט? און דאָס לעבן? דאָס געוויינלעכע, אַלטעגלעכע לעבן? וואָס איז עס? אַ גרויסע קראַפט אַן אומ-

באַקאַנטע וועגעטירט אַרום אונז, אין אונז. אומגעהייער אין איר פאַרנעם, אומבאַקאַנט אין איר וועזן. וועגעטאַציע. איז דען וועגעטאַציע מער ווי בלינדער טריב? די גאַנצעווירקלעכקייט איז בלינדער טריב. ווי קאָן דעריבער אין דער ווירקלעכקייט געשען דאָס ווונדער? דאָס פריי־זיין?

פאַר זיי ביידע, פאַר אויסדערוויילטע און נאָוואַליסן, איז דאָס ווונדער דער סימבאָל פון דער אינערלעכער באַפרייונג, דער סימבאָל פון דעם זעלבשטענדיקן שאַפן. דער סימבאָל פון דעם איבערריס מיט דער ווירקלעכקייט. עס איז נישט פאַראַן קיין חוק, אַחוץ דעם געזעץ פון דער באַפרייטער פערזענלעכקייט.

IV

בּ ג י ד ה

יעטוועדעס גרויסע שאַפן האָט אין זיך עטוואָס פון אַ פאַרשווערונג. עס איז אייגנטלעך די פאַרשווערונג. די קינסטלערישע פערזענלעכקייט רייסט זיך אַרויס פון דעם אַלגעמיינעם אַנטוויקלונגס-פּרינציפּ: פון דער וועלט פון דיווירקלעכקייטן. זי איז בוגד אין זיי. די קינסטלערישע פּערזענלעכקייט שטעלט זיך מן-הצד פון דעם טריבהאַפטן לויף פון די דערשיינונגען. זי ווערט זיך אַליין באַוווסט און זי באַשויט זיך. (קונסט איז דאָס שעפערישע באַוווסטזיין פון אַ פּערזענלעכקייט). באַוווסטזיין און באַשויונג, — איז עס נישט אַ בּגידה אין דעם אומבאַוווסטן, טריבהאַפטן? אין דעם ווירקלעכן?

עס איז דעריבער פאַרשטענדלעך, ווען אין ווערק מיט אַ ברייטערן פאַרנעם, אין ווערק, ווו עס ווערט באַהאַנדלט דער מהות, דער וועג און די האָריזאָנטן פון דער קונסט, קומט על-פּי-רוב צו אַ מין קאָנספּיראַטיווער פאַרשטענדעניש צווישן דער פּערזענלעכקייט און דעם שטן. פויסט און מעפיסטאָפעלעס, לוציפער און קין. אין אַזעלכע געשטייגערטע שעפערישע מאָמענטן שווימט דאָס טייוולאָנישע עלעמענט אַרויף ווי אַ בריק צו דער העכסטער קינסטלערישער באַפרייונג. אַ לעצטער וועג צום נצחון. עס דוכט זיך עפּעס, ווי דאָס טירל צו דער אינערלעכער אויסלייזונג אַרויס וואָלט געהיט דער טייוול. דער קינסטלער, צוקומענדיק צו אָט דעם טירל, דערלאַנגט דעם טייוול די האַנט צו אַ כּריתת-ברית, ווערט זיין ברודער. זיין בלוט-ברודער. איז דער געניאַלישער מענטש דער ברודער פון דעם טייוולאָנישן?

דער טייוול איז דער איינציקער, וואָס האָט זיך נישט אונטער-

געגעבן דער ווירקלעכקייט. די געטער פון דער ווירקלעכקייט — דער טייוול איז זייער גרעסטער שונא. דער מענטש דער קינסטלער רופט אים צו הילף אין זיין קאַמף מיט זיי. דעם טייוול צוהילף? עס איז פאַרהאַן אין אַט דעם קאַמף אַ ברידערלעכקייט צווישן דעם זשעני און מעפיסטאָ. געטהעס פויסט איז אַ בוך פון אַט אַזאַ ברידערלעכקייט; בייראָנס קין; דער ביבלישער איוב. בכלל, אומעטום, וווּ מיר טרעפן דעם קינסטלערישן ווילן אויף זיינע העכסטע מדרגות, הייבט זיך אָן דער אַקט פון דער גרויסער בגידה; די פאַרשווערונג פון דעם קינסטלער און דעם שטן. דער קינסטלער פאַרקויפט דעם שטן זיין נשמה און דער שטן פירט אים אין דער אומבאַקאַנטער וועלט, אויף יענער זייט פון די ווירקלעכקייטן.

„דאָריאַן גריי", אָסקאַר ווײַלדס בוך, הייבט זיך אָן מיט אַזאַ מין פאַרשווערונג. דאָ אָבער פאַרבינדט זיך נישט דער שטן מיטן קינסטלער, נאָר מיטן קונסט־ווערק. „דאָריאַן גריי" איז דאָך די געשיכטע פון אַ קונסט־ווערק. אויך איז דער שטן נישט קיין מיטיש געשטאַלט ווי מעפיסטאָ און לוציפער, נישט קיין דעמאָן פון דער שאָטן־וועלט. אָסקאַר ווײַלד איז טריי זיין פרינציפ; דאָס לעבן ווערט קאָרעגירט דורך דער קונסט, איז אויך דער שטן ביי ווײַלדן אַ פּראָדוקט פון הויכער קינסטלערישער קולטור. צו וואָס דען נעמען דאָס טייוולאָנישע גראָד ביי דעם באַרבאַרישן, ביי די פרימיטיווע פאָרשטעלונגען? לאָרד הענרי (דער פאַרפירער פון דאָריאַן גריי) איז אַן אַרביטער עלעגאַנטיאַרום. אַ מענטש פון ראַפינירטסטן סטיל. אַ סאַלאָנען־לייב. אַ מין קאַזאַנאָווא. אַ מענטש, וואָס דאָס סטילפולע לעבן איז פאַר אים אַ קולט, אַן עקסטאַז. ער דינט צום סטילפולן לעבן ווי צו אַן אָפּגאָט. ער פאַרגעטערט דעם סטיל אין לעבן. אַלצדינג איז פאַר אים די שיינקייט, דער שוים, דער רויש. די לעבנס־שיינקייטן זענען ליגנט? אויך די קונסט איז אַ שקרדיקע ווירקלעכקייט. לאָרד הענרי איז אַ לעבנס־קינסטלער; ער האָט ליב דאָס ליגנערישע לעבן. ער האָט ליב דעם סטיל. דער סטיל מאַכט דאָס לעבן פאַר אַ ליגנט. דער סטיל מאַכט דאָס לעבן פאַר אַ טרוים: אַזוי, וויל דער קינסטלער, עס זאָל אויסזען די ווירקלעכקייט. אמת? ווירקלעכקייט? לאָרד הענרי האָט פיינט דעם אמת. ער שאָקלט זיך פון אים אָפּ. פון אַלע אמתן. גאָט

ווייסט, וואָס דער אמת איז. דער אמת איז אַ פּעטיש פון דעם פיליס־טערטום. אָן, ווי לאַנגווייליק עס איז פאַר דעמדאָזיקן לאָרד העגרי דער אמת! נישט דער אמת, נאָר דער אמת אַלס פּאַראַדאָקס. דאָס לעבן איז אַ פּאַראַדאָקס.

אָט־אָ דער לאָרד הענרי טרעפט זיך מיט דאָריאַן גריי אין האָ־ליוואַרדס אַטעליע. האָליוואַרד האַלט גראָד ביים פאַרענדיקן גרויס בילד. דאָס מייסטער־ווערק, האָליוואַרדס מייסטער־ווערק, איז געראָטן. עס זאָל זיין, דוכט זיך, פאַר אים אַ יום־טוב. דער קינסטלער האָט דער־גרייכט די אינערלעכע באַפרייונג; דאָס געניאַלישע. אַן אומקלאָרע אומרויִקייט נעמט־אַרום זיין האַרץ: צי ווייסט דאָריאַן גריי דעם סוד פונם בילד? צי ווייסט ער, דאָריאַן גריי, אַז דאָס בילד האָט אים אָנועקגערויבט זיין שיקזאַל? זיין וועזן? אַז עס איז אים אַלצדינג צו־גענומען־געוואָרן?

ניין, ער האָט עס נישט געוווסט ביז־אַהער.

דער שטן איז אָנגעקומען און אין לעבן איז אויפגעגאַנגען די גרויסע אַנונג. דאָס לעבן אַלס דאָריאַן הייבט־אָן צו אַנען, וואָסער טראַגישע באַדייטונג די קונסט האָט. די קונסט איז פאַרן לעבן אַ טראַגעדיע: פאַרלייקענונג. בגידה. אין גאָרטן דרויסן — בשעת דער קינסטלער האָליוואַרד גייט פאַרענדיקן זיין מייסטער־ווערק — זיצט דער טייוולאָנישער לאָרד הענרי מיטן מאָדעל דאָריאַן גריי. ער פירט מיט אים געשפּרעכן, וואָס ווירקן ווי גיפט אויף דער נשמה פון דעם שיינעם יונגלינג.

— „לעבט דאָס לעבן, וואָס אייך געהער. געניסט די יוגנט, איי־ער יוגנט!"

דאָס לעבן. די יוגנט. לאָרד הענרי וועקט אַ זינדיק באַגערן אין דער ברוסט פון דערדאָזיקער מענלעכער שיינהייט. צו וואָס דען? די זינד, די ווילדע פּ־אַכט פון אַ סטיליזירטער ווירקלעכקייט, אַ ווירקלעכקייט ווי אַן עקזאָטישער דופטיקער וואַלד, ווי עס האָט זיך אויסגעבויט דערדאָזיקער מאָדערנער מעפיסטאָ, — דאָס אַלצדינג וועט נאָר אָפּשלאָגן ווי אַ הויל עכאָ אָן דעם וועזן פון דעם יונגן גריי. גריי וועט בלייבן ווי ער איז געווען. אייביק יונג. די זינד וועט אים

נישט פאַרענדערן. דאָס לעבן וועט אויף אים נישט מאַכן קיין רושם. נישט אויף אים. אָ, דו טראַגעדיע פון אַ לעבן! וואָס איז דען אַ לעבן אָן איבערלעבונג? אַ לעבן אַ טאַבולאַ ראַזאַ.

לאָרד הענרי — דער טייוולאָנישער מסית — דורך גרייען קומט ער צו האָליוואַרדס קונסט־ווערק. גריי איז דאָס מעדיום, דורך וועלכן ער פאַרבינדט זיך מיטן איבערלעבסטן וועזן פונם קונסט־ווערק. דאָרט ווו די קונסט שיינט שוין צו האָבן געקומען צו אַ ציל, — צו פייערלעכער רויִקייט, צו באַפרייונג, — דאָרט וואַרט זי עפּעס אָפּ. לוציפער. ווו עס ענדיקט זיך דער ציל פון דער קונסט, הייבט זיך אָן דער וועג פון דער בגידה. דאָרט וואַרט די בגידה. לאָרד הענרי וויל אין דאָריאַן גרייען פאַרפירן דאָס בילד. אַ קונסט־ווערק אין זיינע העכסטע פּאָטענצן באַקומט אַ זעלבשטענדיק לעבן. לאָרד הענרי וויל נעמלעך אָט־אָ דאָס פרייע זעלבשטענדיקע לעבן פון אַ קונסט-ווערק באַקומען אין זיין מאַכט. ער וויל עס פאַרפירן.

און האָליוואַרד?

האָליוואַרד וויל בשום־אופן נישט צולאָזן די באַקאַנטשאַפט צווישן הענרי און זיין מאָדעל. האָליוואַרד היט דאָס מאָדעל ווי אַ הייליקטום. ער האָט מורא כּאַ־ דעם זיסן גיפט, וואָס פליסט־אַרויס פון הענריס פערזענלעכקייט. דער קינסטלער האָליוואַרד ציטערט פאַרן שטן. ער איז נישט ווי פויסט און קין, וואָס רופן דעם שטן אַליין אַרויס, אָדער וואַרטן אויף אים ביז ער קומט. אוואַיילדס האָליוואַרד! געטע און בייראָן צייכענען־אָן דאָס גרויסע הפקרות ביים קינסטלער. דער קינסטלער איז דער וועלט־באַהעמיען. די הפקר-נאַטור. ווי אַ ווירבל־שטורעם וואַרפט ער זיך אַריין אין די ווירקלעכקייטן, ער זויגט זיי אויס, די ווירקלעכקייטן, ער מאַכט זיי חרוב, און ווערט אַליין חרוב אין חרוב-מאַכן. די קונסט־ווערק, וועלכע עס שאַפט אַ זשעני, זענען זעלבשטענדיקע עקזיסטענצן. אין דעם געניאַלן מענטש פון טיפּ פויסט איז פאַראַן עטוואָס ענלעכס צו די ווילדע פייגל, וואָס פרעסן אַליין אויף זייערע אייער. צי פילן זיי, די זשעניס, שוואַך זייער קינסטלערישע פאָטערשאַפט? עס איז פאַראַן אין זיי אַ געוויסע טייוולאָנישע באַציִונג צו זייערע ווערק. פויסט שטיקט זיך אין זיין וויסן. אויב די קונסט איז אַ

טראַגעדיע פֿאַרן לעבן, איז דאָס טייוולאָנישע אַ טראַגעדיע פֿאַרן קינסטלער. עס מאַכט אים פֿאַר דעם אומרויִקן, פֿאַר דעם זוכער.

ביי האָליוואַרדן אָבער, אוואַיילדס געניאַלן מענטש, פֿילט זיך אַ געוויסע אַנגסט, נאָכדעם ווי ער האָט פֿאַרטיק־געמאַכט דאָריאַנס בילד. (עס מוז זיכער ליגן אין דער פּערזענלעכקייט פֿון אוואַיילדן גופֿא, וועלכער האָט פֿאַרשטאַנען ווי אַזוי מען איז אַ געניאַלער מענטש, אַליין אָבער האָט ער מער געהאַט קולטור ווי געניאַליטעט.) דעריבער מאַכט דאָס ווערק — אין דער באַציִונג צו האָליוואַרדן — מער דעם איינדרוק פֿון אַ צופֿעליקער, איידער פֿון אַן אָרגאַנישער, קונסט־טאַט. האָליוואַרד האָט געהאַט אַ געניאַלישע זעונג און עס איז אַרויסגעקומען דאָריאַנס פּאָרטרעט. האָליוואַרד פֿאַרבלאַסט לעבן זיין שאַפֿונג. דער שטן, אויפֿטרעטנדיק, איגנאָרירט כּמעט דעם קינסטלער. דאָס דראַמאַטישע פֿון דער פֿאַבולע ווערט איבערגעטראָגן אין דעם ווערק אַריין און אויך דער שטן פֿאַרבינדט זיך מיטן קונסט־ווערק.

דאָריאַן גריי איז אַ טיפּישע געשיכטע פֿון אַ קונסט־ווערק.

אָנשטאָט, וואָס אין פֿויסט ווערט פֿאַרפֿירט די פּערזענלעכקייט, הייבט זיך אָן דאָ, אין דאָריאַן גריי, מעפֿיסטאָס קאַמף מיטן בילד.

האָליוואַרד קעמפֿט נאָך מיטן לאָרד. ער וויל אָפּהיטן גרייען פֿאַרן שעדלעכן איינפֿלוס. ער וויל אָפּהיטן דאָס בילד. ס'איז אַ טראַגעדיע פֿאַר אַ קינסטלער, וואָס האָט מורא פֿאַרן וועג ווייטער. פֿאַרן שטן, דער קינסטלער, דער וועלט־מופֿקר, דערהערנדיק דעם שטנס קול, וואָס לאָקט אים אין נייע אומבאַקאַנטקייטן, אין דעמאָנישע אָבענטויערן, — ווי דער ווילדער אין פֿינסטערן וואַלד, ווי דער שיכּורער סאַטיר וואָלט ער געהויבן די פֿיס און געגאַנגען. אומבאַקאַנטקייטן! ווי קאָנט איר פֿאַרפֿירן אַ קינסטלער! אוואַיילד אָבער, לאָזט אַ קינסטלער זיך דערהויבן, און דאַן מאַכט ער אים פֿאַר אַ שוואַכלינג. כּדי זיכער צו זיין, אַז די קונסט אין אירע העכסטע מדרגות האָט שוין איבערגעריסן אַלע חשבונות מיט דער ווירקלעכקייט, וויל ער נישט אָנהייבן דאָס טייוולאָנישע בגידה־שפּיל מיטן קינסטלער. ווער ווייסט, צי דער מענטש וועט קאָנען טון דעם לעצטן שפּרונג? ער איז מיט דעם מענטש נישט זיכער. די קונסט איז אַוועק פֿון דער ווירקלעכקייט; דער קינסטלער אָבער — די ווירקלעכקייט האַלט אים נאָך פֿעסט·

צי האָט דען פויסט נישט געהאַט מינוטן פון שוואַכקייט, ווען ער האָט נישט געקאָנט נאָכגיין די טריט פון מעפיסטאָ, דעם וועג איבער ד אָפּגרונטן פון דער וועלט? („וואָס הייסט דען זעען, אויב נישט אָפּ-גרונטן זעען?" — זאָגט ניטשע.) דידאַזיקע מינוטן, ווען דאָס האַרץ ווערט דערציטערט פאַר דער געפאַר, האָט יעדער קינסטלער. אוּאַיילד האָט נישט געטרויט האַליוואַרדן. אויך דער שטן אוּאַיילדס טרויט נישט דעם קינסטלער. לעבן די גרעסטע זעונגען איז פאַראַן נאָך אַ וועג, וואָס פירט דעם קינסטלער צוריק צו די ווירקלעכקייטן. נישט דער מענטש (מיינט אוּאַיילד), נאָר די קונסט איז דער בוגד. דעריבער, ווען אוּאַיילד וויל קלאָר באַהאַנדלען דאָס פּראָבלעם פון קונסט און ווירק-לעכקייט, הייבט ער עס נישט אָן ביים קינסטלער. דאָרטן האָט זיך עס נאָך נישט קריסטאַליזירט. אינם קינסטלער איז ערשט דער וועג צו דער באַפרייונג. די באַפרייונג גופא הייבט זיך אָן אין קונסט-ווערק. דער געניאַלישער מענטש אַנטלויפט אַמאָל פאַרן שטן און באַהאַלט זיך פאַר אים אויס, דאָס געניאַלישע ווערק — קיינמאָל נישט. עס האָט ליב די סכנה מיט אַ באַזונדערער ליידנשאַפט, עס האָט ליב די גרויסע בגידה, די געטלעכע. עס האָט ליב דעם שטן.

אָ, פיר מיך און מיר וועלן ביידע באַגיין די גרויסע פאַרשווע-רונג, דאָס אַבענטויער! — רופט דאָס קונסט-ווערק, דאָס באַפרייטע, דאָס אויסגעלייזטע. — מיר וועלן בוגד-זיין אין דער וועלט. אָ, שטן! דו הויזט אין די תהומות לעבן הימלען, ווו די געטער געוועלטיקן. ס'איז פאַראַן אַ וועג פון די געטער צום טייוול. קום, מיר וועלן טרעטן אויף דעמדאָזיקן וועג.

די קונסט איז דאָס אַבענטויער אין דעם קאָסמישן פּרינציפּ. די קונסט אין איר ציל פאַרבינדט זיך מיטן שטן.

לאָרד הענרי הייבט-אָן דאָס שפּיל מיטן פּאָרטרעט פון דאָריאַן גריי —

לאָרד הענרי, דער אַרביטער עלעגאַנטיאַרום, דער קולטור-שטן דער סטיל-מענטש!

V

סיבּיל ווען

„דו, וואָס דו קענסט אַלע געהיימנישן פון לעבן, זאָג, וואָסער כּישוף זאָל איך אָנווענדן, כּדי סיבּיל ווען זאָל מיך ווידער ליב=באַקומען!?" — פרעגט דאָריאַן גריי דעם לאָרד. דאָריאַן גריי האָט אויף אַ בינע אין שעקספּירס דראַמען זיך באַקענט מיט אַ יונג מיידל, סיבּיל ווען.

סיבּיל ווען. האָט ער ווירקלעך ליב=באַקומען דידאָזיקע סיבּיל ווען? ליבע? צי ליבּט דען דאָריאַן גריי? עס איז בלויז אַ טרוים. קונסט. שוים=זעונגען. אינם שוישפּיל ווערט די ווירקלעכקייט אַליין פאַרוואַנדלט אין דעם אומווירקלעכן, אין דעם קונסטהאַפּטיקן. דאָס פּערזענלעכע גייט=איבער אין דעם איבער=פּערזענלעכן. דאָס שוישפּיל איז די איראָניע, די טראַגישסטע איראָניע, מיט וועלכער די קונסט באַהאַנדלט דאָס לעבן. וואָס איז דען פאַרן שוישפּיל דאָס לעבן? דאָס איינגעוואָרצלטע, דאָס ווירקלעכע, דאָס ליידנדיקע און ליבנדיקע לעבן, דאָס לעבן אין לעבן? אַ שאָטן, אַ גאָרנישט, קאָמעדיע. דער שוישפּילער קאָן זיך אויסטון פון זיין אייגענעם לעבן ווי פון אַ קלייד. ער וואַנדערט-אַרום אין אַנדערע לעבנס און אין אַנדערע נשמות ווי אין אַן עולם-התוהו. עפּעס ווערט געלעבט, עפּעס ווערט געוועבט. ווו איז אָבער די וועלט, דעם שוישפּילענדיקן מענטשנס וועלט? ווו איז זיין ווירקלעכקייט? דאָס טעאַטער איז דאָס שפּיל אין שאָטנס. אַ וועלט אין שאָטנס. זי ווערט געבוירן אין שפּיל און פאַרווייעט ווי שוים. צווישן די הינטער-קוליסן און די בינען-ברעטער ליגט דער אָפּגרונט, דער גרויסער געהיימנישפולער אָפּגרונט צווישן דעם לעבן אין דער קונסט.

ווי טיף איז דער תּהום צווישן די הינטערקוליסן און דעם שפּיל?

אין דערדאָזיקער שאָטן-וועלט געפינט דאָריאַן זיין ליבע. אַ שוי־שפּילערין. סיביל וועין. ווער איז סיביל וועין? דאָריאַן ווייסט עס נישט. זי טויכט פאַר אים אַפער פון הינטער די קוליסן ווי אַ זעונג. אַרום איר טריט באַקומען געשטאַלט די ווערק פון גרויסע דיכטער. זי אָטעמט אין עפּאָכעס, וואָס עקזיסטירן נאָך אין דער פאַנטאַזיע. קאָסטיומען פון אַלע צייטן באַקליידן איר לייב. סיביל וועין? ניין, זי איז יוליאַ און דרייט זיך אַרום אויף דער בינע אַלס אַ יונגפרוי פון וועראָנאַ מיט דעם חלום פון אַ גרויסער ליבע. אין אַ לבנה-נאַכט רעדט זי פון דעם באַלקאָן אַראָפּ צו ראָמעאָ. זי איז דעזדעמאָנאַ. זי איז פּאָרציאַ. אַ יעדע אַנדערע דעקאָראַציע, אַ יעדע אַנדערע דיכטערישע שאַפונג, מאַכט־איבער איר נשמה, איר וועזן, איר שטייגער, איר גאַנג.

סיביל וועין איז נישט קייןווירקלעכקייט. סיביל וועין איז אַ התגלות. זי לעבט אין אַ שיין־וועלט. זי איז טעאַטער. איר היים איז נישט די רעאַלע וועלט, נאָר די חלום־וועלט; דער קונסט-כּישוף. נישט אין אמתע פּאַלאַצן, נאָר אין פּאַלאַצן ווי קאָרטן-הייזלעך, אין קאַרטאָן־ און טעקטור-פּאַלאַצן פילט זי זיך אַלס פּרינצעסין. די בינען-ברעטער זענען דער פּלאַץ, וווּ מ׳טרעט־אַריבער דעם אָפּגרונט צווישן די הינטער-קוליסן — דאָס לעבן — און דער קונסט. סיביל וועין האָט אים אַריבערגעטרעטן. זי איז נישט „וואָרהייט”, זי איז דיכטונג. דאָריאַן גריי — וועמענס נשמה ס׳איז געוועז דער שוי-פּלאַץ פון דער גרויסער בגידה, דער קאַמף פאַר דער בגידה — האָט געפונען זיין ליבע. אין דער קונסט.

ער ליבט. אין אַ פריערדיקן קאַפּיטל האָב איך שוין געשטעלט די פראַגע, צי ס׳איז איבערהויפּט פאַראַן אין דער ווירקלעכקייט ליבע, אויב די ליבע אין לעבן איז מער ווי אַ הויל וואָרט, אַ געבאָרגט וואָרט. ווער ווייסט עס? די ליבע איז אַ גרויסער אינערלעכדיקער חלום. און די ווירקלעכקייט, — צי חלומט זי דען, די וואַכע ווירקלעכקייט?

נאָר אין דער קונסט ווערט געליבט. נאָר דער קינסטלער שאַפט די ליבע. די קונסט קלאַפּט-אָן ביי דער טיר פון דעם וועלט-געהיימניש, זי וואַרט דאָרט און אין איר האַרץ איז אַנטפּלעקונג; ליבע. ליבע איז דער גלויבן אין דער וועלט. דער קינסטלער שטרעקט-אויס זיינע הענט צו דער וועלט, צו דער וועלט אַלס זעונג. דער קינסטלער האָט גלויבן.

אוּאײַלד איז טרײַ דער אָנשױוּנג, װעלכע ער האָט זיך אױסגעקליבן אין זײַן װערק. דאָריאַן גרײַ אַלס נצחון איבער דער װירקלעכקײט. דאָריאַן גרײַ אַלס בילד (װי כ׳האָב שױן באַמערקט, לעבט גרײַ אַלס מעדיום אַ לעבן פאַרן בילד. ניִשט אין אים, נאָר אינם בילד בלײַבט דער רושם),—נאָר ער דערגײט צו רײַנער ליבע. ער איז אַ טרױם-געשטאַלט. אױך די געליבטע איז אַ טרױם-געשטאַלט. ער קומט־אַרױס פֿון האַליװאַרדס אַטעליע, ער איז אַ קינסטלערישער האָמונקולוס פֿון האַליװאַרדס פֿאַנטאַזיע. די געליבטע—אין איר לעבן-אױף חלומות פֿון דיכטער. שעקספּירס חלומות. „איך האָב מײַן ליבע אױס דער פּאָעזיע געזױגן״, — זאָגט דאָריאַן גרײַ צום מאָלער, — „מײַן װײַב האָב איך געזוכט אין שעקספּירס טראַגעדיעס. ליפּן, װעלכע שעקספּיר האָט געלערנט רעדן, האָבן מיר זײער סוד אין אױער געפּליסטערט. ראָזאַלינדעס אָרעמס האָבן מיך אַרומגענומען, יוליאַ האָט מיך געקושט אױפֿן מױל״.

האַליװאַרדס װערק, דאָריאַן, האָט זיך באַפֿרײַט פֿון דער װירקלעכקײט. דאָריאַן איז דאָס װערק פֿון אַ קינסטלער און פֿון אַ שטן. דער הערלעכער גיפֿט פֿון הענריס סטיל װירקט אין זײַן בלוט. ער איז אַ נײַע װעלט און אַ נײַ איבערלעבעניש. ער איז אַ לעבן, װאָס געהער צו אַן אַנדער שיקזאַל, צום שיקזאַל פֿון דער קונסט. אױף דעמדאָזיקן װעג טרעט אים אַקעגן די ליבע.

דאָריאַן גרײַ ליבט. יוליאַ, שעקספּירס יוליאַ, קושט אים.

און דאָס לעבן?

עס האָט צוגעזען דאָס שױשפּיל. די קאָמעדיע. דאָס שפּיל אין ליבע. צװײ שאָטנס באַרירן זיך אױף די ליפּן. צװײ שאָטנס פֿון אַן אומבאַקאַנטער װעלט. װי אין געפּליסטער זאָגן זײ זיך װערטער. אַ דיכטערס װערטער. פּאָעזיע. אײן שאָטן — סיביל װעין — קומט אָנצושװעבן פֿון הינטער די קוליסן. אַ צװײטער שאָטן — דאָריאַן גרײַ — פֿון האַליװאַרדס אַטעליע, פֿון הענריס ביכער.

— איז דאָס ליבע? — פֿרעגט דאָס לעבן. אומבאַקאַנטקײט. װײַטע אומבאַקאַנטקײט. שאָטנס ליבן זיך. װאָס איז די ליבע פֿון שאָטנס?

דאָס לעבן װערט מיד. מיד פֿון צוקוקן. דאָס לעבן איז אַ שלעכטער צושױער פֿון אמתער ליבע.

שטילע הײליקײט.

און סיביל וועין, די שוואַך-געוואָרענע סיביל וועין, זאָגט:

— „דאָריאַן, דאָריאַן, איידער איך האָב דיך געקענט איז פאַר מיר דאָס טעאַטער געווען דאָס ווירקלעכע לעבן. אַלצדינג האָב איך גענומען פאַר וואָרהייט. אין איין אָוונט בין איך געווען ראָזאַלינדע, אין דעם אַנדערן פּאָרציאַ. בעאַטריטשעס פרייד איז געווען מיין פרייד, קאָרדעליאַס לייד מיין לייד. איך האָב געגלויבט אַלצדינג. די געוויינ-לעכע מענטשן, וואָס האָבן מיט מיר געשפּילט, זענען ביי מיר געגליכן-געווען צו די געטער. די געמאָלטע קוליסן זענען געווען מיין וועלט. נאָר שאָטנס האָב איך געקענט, און זיי זענען געווען פאַר מיר ווירקלעכ-קייטן. און אָט ביסטו געקומען, דו, מיין הערלעכער געביטער, און מיין נשמה איז פריי-געוואָרן פון איר תפיסה. היינט אָוונט האָט זיך מיר דאָס ערשטע מאָל דאָס אויג אויפגעמאַכט און איך האָב דערזען, אַז ראָמעאָ איז העסלעך, אַלט און געשמינקט, דאָס לבנה-ליכט אין גאָרטן איז נישט עכט, די סצענע געמיין, און די ווערטער וואָס איך רעד — נישט וואָר. מיין געליבטער, מיין געליבטער, מיין פּרינץ! איך בין זאַט מיט די שאָטנס, איך בין מיט זיי זאַט.“

אָך, סיביל וועין, אָרימע סיביל וועין!

VI

פאַראַנטוואָרטלעכקייט

אין די פריערדיקע קאַפּיטלען האָב איך מיך באַמיט אָנצוצייכענען אין אַלגעמיינעם די קינסטלערישע טענדענצן פון אָסקאַר וואַיילד. די טענדענצן, ווי ער פירט זיי אַדורך אין „דאָריאַן גריי". אין דעמדאָזיקן בוך — מיט זיינע גוטע און שלעכטע זייטן — ווערט געגעבן די געשיכטע פון אַ לעבן. פון אַ קונסט־לעבן; ווי עס דעמערט־אויף, אַנטוויקלט זיך און גייט־אונטער. און אַלצדינג נישט אין דער ווירקלעכקייט, נאָר אויף יענער־זייט. אויף אַ גאַנץ געהיימנישפולן און אומבאַקאַנטן פּאָן. אויף אַ בילד. דאָס גאַנצע שיקזאַל פון דעמדאָזיקן לעבן שפּילט זיך אָפּ אויפן בילד. דאָס אינדיווידואום דאָריאַן גריי, וועלכן וואַיילד פירט־אַדורך פון דער יוגנט ביז צו דער עלטער דורך אַלע גיהנומס און גן־עדנס פון לעבן, דורך הויכענישן און תהומות, דורך ליבע און זינד, — דערדאָזיקער דאָריאַן גריי בלייבט אומבאַרירט. אַ טאַבולאַ ראַזאַ. ער דערהרגעט מענטשן, ער באַגייט פאַרברעכנס. זיינע הענט בלייבן ווייס ווי שניי. זיין פּנים איז פריש און יונג אַזוי, ווי אין ערשטן טאָג, דעמאָלט, אין גאָרטן, בשעת דער ערשטער באַקאַנטשאַפט מיט לאָרד הענרי. אַלע באַוווּנדערן אים; גליקלעכער דאָריאַן גריי! ווי אומשולדיק ער קוקט־אויס, דער מערדער און סדום־מענטש. ווער דערקענט עפּעס אויף אים פון דעם גרויסן שיקזאַל און פון דעם טייוולאָנישן לעבן, וואָס ער האָט דורכגעמאַכט? צומאָל נישט דער ברודער סיביל וועינס, וואָס וויל נעמען נקמה.

אַלץ נישט דאָריאַן גריי. די פּערזאָן. ניין. ערגעץ אין אַ בוידעם־שטיבל, — קיין שום מענטש ווייס נישט דערפון און קומט נישט אַהין, —

אונטער אַ פאָרהאַנג, איז עס פאָרגעקומען, די טראַגעדיע. דאָס גאַנצע שרעקלעכע לעבן פון אַ נשמה. דאָריאַן גריי, דער יונגער, „גליקלעכער" דאָריאַן גריי, קומט אַמאָל אַרויף אַהין אין שווידערלעכע מינוטן, שאַרט־אַוועק דעם פאָרהאַנג און קוקט זיך אָן. אָ, טרויעריקער צושויערן נישט זיין ליבע, נישט זיין זינדיקייט... אַ מענטש אָן שיקזאַל. נישט ער, נאָר דאָס בילד איז די גרויסעווירקלעכקייט פון זיין זעל. דאָרט איז פאָרגעקומען דער גאַנצער סוד; דאָס טיפע אומפאַרשטענדלעכע לעבן. איצטער שטייט דערפאַר דער צעבראָכענער, אינערלעך מיד־געוואָרענער דאָריאַן. אַ בעל־תשובה. ער וויל אָנהייבן פונדאָסניי. איז שוין אַלצדינג געענדיקט? דאָס הערלעכע, דאָס אַמאָל יונג־געוועזענע בילד איז אַלט און פאַרוועלקט. אויפן פנים איז בלוט. אויף די הענט איז בלוט. עס איז אַ זקן, אַ קראַנקער, צעפרעסענער, אַלטער מאַן, וואָס קוקט צו אים אַראָפּ פונם בילד. אַ העסלעכקייט. אַ זינדיק העסלעכקייט. איז דאָס ער, דאָריאַן?

יאָ, ס'איז ער. אינדעראמתן ער. אַ בוך פון אַ לעבן איז אויפ־געבלעטערט. די לעצטע בלעטלעך. מ'קאָן פון דאָרט אַרויסלעזן די אַנט־וויקלונג פון אַ טראַגישער אידעע. דאָס לעבן איז אַן אידעע, בשעת עס ווערט דערהויבן צו דער מדרגה פון אַ זעונג. דאָריאַן גריי אין די לעצטע מינוטן פאַרן אונטערגאַנג לעזט די אידעע פון זיין לעבן. אַלס צוקוקער? יאָ, אַלס צוקוקער און אַלס קרבן. אין זיין אינערלעכקייט עסט אַ וואָרעם. פאַר זיינע אויגן שטייט זיין גרויסער ווייַ, וואָס האָט זיך אַנטוויקלט מחוץ אים. עס איז אַ טראַגעדיע. עס איז אַ ליבע. און זינד. אַזוי פיל זינד. זיין טראַגעדיע? זיינע זינד?

דאָס לעבן איז אַ שולדיקייט. דאָריאַנס שולדיקייט? דער שטן האָט אים אונטערגעטראָגן דעם כּוס. דאָריאַן גריי האָט אויסגעטרונקען דעם בעכער פון ביטערקייט. ביז צום גרונט. דאָריאַן גריי וויל זיין פאַראַנטוואָרטלעך. די פאַראַנטוואָרטלעכקייט — אין אַ געוויסער מאָס איז זי דער ענטפער אויף דעם גרויסן פּראָבלעם פון לעבן. ראַסקאָלני־קאָוו איז פאַראַנטוואָרטלעך און ער ווערט אויסגעלייזט. ראַסקאָלניקאָוו אָבער, האָט אַליך אַליין אינערלעך איבערגעטראָגן. ער האָט זיך געבויגן אונטערן שיקזאַל, און די שטראָף האָט אים דערהויבן. די שטראָף און די הייליקע ליבע פון פאַרלוירענע. אַ מערדער מיט אַ זונה. דאָריאַן

גרייען אָבער, ווער וועט דערהויבן? זיין שיקזאַל ליגט נישט אויף זיינע אַקסלען. אַ שטן און אַ קינסטלער האָבן עס פון אים אַראָפּגענומען און עס אַריינגעלייגט אין אַ קונסט-ווערק. פאַראַנטוואָרטלעך? זיינע הענט זענען דאָך ווייס און ריין, אויף זיין פּנים שפּראָצט די יוגנט.

דאָריאַן גריי שטייט פאַרן בילד. זיין שיקזאַל? אָט-אָ דאָס אַלטע צעפוילטקייט פון אַ לעבן, אָט-אָ די אַלדי פאַרברעכנס,—איז דאָס זיין שיקזאַל? צי קאָן ער דערפאַר באַצאָלן? דערפאַר „געקרייציקט-ווערן", ווי ראַסקאָלניקאָוו? אין אים אַליין איז דאָך נישט געווען דער ליידנס-וועג פון לעבן, איז נישט געווען די שולדיקייט,—ווי קאָן זיין די חרטה? ער איז געבליבן שטיין דאָרטן, ווו דער מאָלער האָט אָנגעהויבן אַ נייעווירקלעכקייט,—די ווירקלעכקייט פון בילד. וואָס ווייטער איז געשען, איז שוין נישט ער. דאָס לעבן איז אַ סוד. ער האָט אין דעם סוד נישט קיין אָנטייל גענומען, אין דעם סוד פון זיין אייגענעם לעבן. אים איז אַ כּישוף אָפּגעטון-געוואָרן. עמיץ אַנדערש איז אָפּגעקומען די שולד, וואָס ווערט אויף אַ מענטש אַרויפגעלייגט; די שולד צו לעבן. אַלצדינג די קונסט. ער איז דאָך נאָר געווען אַ ווילנלאָזער שקלאַף, אַ מאָטיוו פאַר אַ גרויסער שאַפונג. ווער-זשע באַדאַרף צו באַצאָלן? ווער-זשע זאָל טראָגן די פאַראַנטוואָרטלעכקייט?

ביי דערדאָזיקער פראַגע מאַכט אואיילד אַ זשעסט. זייער אַ גע-פערלעכן זשעסט.

די קונסט איז העכער פון יעדער פאַראַנטוואָרטלעכקייט, ווייל אין איר איז נישט פאַראַן קיין שולדיקייט. די קונסט איז געטלעך און פריי. ערשט די קונסט איז אמתע עקזיסטענץ. עקזיסטענץ אָן שיקזאַל. ווו עס איז נישט פאַראַן קיין שיקזאַל, דאָרט איז אויך נישטאָ די שולד. דעריבער איז דער וועג פון אמתער קונסט—צו דער אומשטערבלעכקייט. ערשט די שיין-עקזיסטענץ – דאָס לעבן – טראָגט אויף זיך דעם גרויסן חוב: דעם שיקזאַל.

ווער-זשע מוז צאָלן?

דאָס שולדיקע לעבן, דאָס זינדיקע, מוז צאָלן.

מיט וואָס?

מיטן טויט. אַזוי ווי פאַר דער קונסט די אומשטערבלעכקייט, אַזוי

איז דער איינציקער ענטפער אויפן פראָבלעם פון לעבן — דער טויט.
דאָס ג אָ ר נ י ש ט מוז אויסלייזן דאָס ג אָ ר נ י ש ט.

דאָס מעסער, וואָס זאָל טרעפן דעם בילד, טרעפט דאָריאַן גרייען אין האַרץ אַריין. דאָריאַן גריי שטאַרבט. דאָריאַן גריי — די ווירקלעכקייט.

און דאָס בילד?

די קונסט האָט געהאַט איר קרבן. זי איז אויסגעלייזט.

קַין

(צו דער מעטאַפיזיק פון דער אַרבעט)

געשריבן 1923

אָדם-הראשון, קינס פאָטער, האָט געגעסן פון עץ-הדעת. ער האָט פאַרלוירן זיין אומשולד. פון גן-עדן, וווּ ער איז היימיש-געווען מיט גאָט, איז ער פאַרטריבן-געוואָרן. ער האָט פאַרלוירן דאָס אייביקע לעבן. ס'איז געבוירן-געוואָרן דער טויט. פון דאַן-אָן הענגט איבער דעם נע-ונדן מענטש אַ קללה: אַרבעט! די מוטער-ערד האָט פאַרשלאָסן איר טראַכט. דערנער האָבן אַרומגעפלאָכטן דעם מענטשנס טריט. קעמף, מענטש, אַרבעט! די ערד אונטער דיר איז פאַרשאָלטן מיט אַ סוד, דעם סוד פון דער עקזיסטענץ. אַ פלוך איבער דיר, דו קין — יעדער מענטש איז אַ קין — אַ פלוך איבער דיר, דו מיזאַמער נע-ונדניק!

פון דאַן-אָן הייבט זיך אָן די מלחמה צווישן דעם מענטש און דער וועלט. די מלחמה איז אַ בלוטיקע. דער מענטש און די וועלט — דער מענטש אַלס אומשולדליקער און נישט-וויסנדיקער — זיי זענען ביז-אַהער געגאַנגען דעם גלייכן וועג פון אַ ווערן. דער מענטש און די וועלט — ביז-אַהער אַלע ביידע איין פּרינציפּ, איין דראַנג און איין אידעע — האָבן זיך פּלוצלינג אָפּגעשטעלט ווי צוויי שונאים. אינם מענטש האָט זיך געוועקט אַ גרויסע מרידה: דאָס וויסן. עס האָט דער מענטש מורד-געווען אין דער געטלעכקייט: אין זיין נשמה איז אויפגעגאַנגען דער געדאַנק. די וועלט איז געבליבן ווי פריער. די וועלט האָט נישט געגעסן פון עץ-הדעת. די וועלט, די גרויסע וועלט האָט זיך נאָך געטוקט ווי אַ קליין פינטעלע אין דער אייביקייט. ווי אַ קליין נישטיק פינטעלע אין דעם שטומען תהום פון אייביקן —

דער מענטש איז אויפגעשטאַנען ווי דער פאַרשאָלטענער און דער באַפרייער. דאָס מענטשלעכע וויסן איז קללה און קאַמף. דער גע-געדאַנק האָט מורד-געווען אין דער אייביקייט. די אייביקייט איז אויף דער דערקענטעניש געלעגן ווי אַ לאַסט. ווי אַ ספינקס האָט זי

געהויערט איבער אונזער נשמה. די אייביקייט האָט דעם מענטש פאַר־פלוכט: „קין, דו וועלט-קין! איך בין געוואָרן דער שקלאַף פון דיין זעל. דו האָסט מיך איינגעשלאָסן אין דיין געדאַנק ווי אין אַ תּפיסה". דער ערשטער געדאַנק, וואָס האָט אויפגעבליצט אין דעם באַפרייטן געהירן פון אַ מענטש, איז געווען דער ערשטער זיג איבער דער וועלט. איבער דער אייביקער וועלט. דאָס נישט אַרויסגערעדטע איז געוואָרן אַרויס־געזאָגט. דער סוד.

די אַלטע וועלט, די גרויסע וועלט האָט פלוצלינג דערפילט דעם אומבאַקאַנטן פרעמדן, וואָס איז אויסגעוואַקסן פון איר אייגענער שויס. אין די מעשי-בראשית איז דער מענטש אויפגעשטאַנען ווי אַ געוויסן; ער האָט איבערגעריסן די בלינדע קייט פון שיקזאַל; ער האָט מיטגע־ריסן אויך דעם הימל איבער זיין קאָפּ; ער האָט דעם וועלט-באַשעפער געוואָלט אַרויסרופן פון זיין תהום. דער מענטש-קין. „שטומע אייביקייט רעדט צו מיר", — האָט דערדאָזיקער געהיימנישפולער פרעמדער. דער מענטש אין דער נאַטור, אויסגערופן. זיין קול האָט אָפּגעקלונגען מורא־דיק; דאָס ערשטע פרעמדע קול; דאָס ערשטע קול פון דערקענטעניש—

די וועלט האָט דערפילט, ווי דער פרעמדער, דער נייער מענטש, וויקלט זיך ווי אַ קאַלטע שלאַנג, אַרום איר האַרץ; עפּעס רעדט ער צו איר. עפּעס וויל ער.

— ווער ביסטו? — פרעגט די דערשראָקענע וועלט, פאַרנעמענדיק, ווי פון דער אומענדלעכקייט אַרויס, איבער וועלכער זי שלומערט, שטייגט־אויף דער ווילן פון דעם פרעמדן שונא.

— איך בין קין. דער פילאָזאָף קין. קין דער נע-ונדניק. איך בין דער ערשטער, וואָס האָט געענדערט די מעשי-בראשית; איך האָב געליטן; איך האָב דער ערשטער באַשאַפן די טאַט. איך האָב געזינדיקט.

— וואָס ווילסטו?

— דיין שולדיקייט. די זינד און דאָס ליידן האָבן מיך באַלויכטן מיט דעם פלוך פון דערקענטעניש. איך האָב דער ערשטער דער־קענט דיין שולדיקייט. אָ, וועלט! אין דער נויט פון טון איז געווען דער וויי פון דער שולדיקייט. דער וויי פון דער חרטה. אין דער בענק־שאַפט פון זוכן איז געווען דער רוף פון דיין זינד. איך קען דיינע יסורים; מירביידע זענען שולדיק. איך, קין, און דו, אָ, וועלט, געהיימ־

נישפולע וועלט! קום, לאָמיר אָנהייבן דאָס גרויסע נע־ונד־זיין. אויף אונז ביידע ליגט די קללה: — דער סוד.

דער מענטש האָט די וועלט אַרויסגעפאָדערט צו די וואָגלענישן פֿון וויסן: דענק און לייד, וועלט! מיט דעם באַוווסטזיין פון איר נישטיקייט וועט די וועלט דערלייזט־ווערן — האָט געגלויבט דער מענטש דער ערשטער דערוואַכטער אין דעם קאָסמישן פרינציפּ. אויף קינס שטערן איז שוין געווען דער צייכן פון דער שולד. זיינע הענט זענען געווען רויט פון דער טאַט. קין איז געשטאַנען אַ פאַרטריבענער פון גאָטס פנים און געוואַרט אויף דער וועלט, ווי אויף אַ חבר. זיין ליידנס־חבר.

האָט די וועלט פאַרנומען דאָס פרעמדע מענטשלעכע קול? האָט זי געהערט דעם הייליקן רוף?

נאָר דער מענטש, ער, דער איינציקער איז געוואָרן אַ קין; ער האָט מודה־געווען אין זיין שולדיקייט. ער איז געוואָרן נע־ונד. די געשיכטע פונם מענטשלעכן געדאַנק איז די געשיכטע פון אַ גרויסער וואַנדערונג. קינס געשיכטע. עס איז אַ תשובה־טוען און אַ שטומע האָפנונג אויף אַן אומפאַרשטענדלעכער גאולה, וואָס וואַרט ערגעץ־ווו הינטער אַ ציל. וועלכער ציל? פונקטום. דאָס ציללאָזיקייט פון אונזער קולטור,— עס מאַכט די געשיכטע צו אַ טראַגעדיע. דאָס געשלעכט פון די מענטשן איז אַ געשלעכט פון גרויסע טראַגיקער. נאָר אַלס טראַגיקער דערהויבן זיך די מענטשן צו גרויסקייט. דער וועג פון דער טראַגעדיע איז דער וועג צום גלויבן; און דער וועג פון דער געשיכטע? צי פירט ער דען נישט ערגעץ־ווו אַהין צו אַ גרויסן גלויבן?

צי איז דען אַרבעט נישט גלויבן? גלויבן איז טאַט.

אדם־קין — ער איז שוין נישט מער „חיה“ — שטומע וועלט מיט באַפרייטע הענט צו טאַט, מיט אַ באַפרייטן מוח צום געדאַנק שטייט דער גרויסער וועלט־מתבודד; דער משיח און דער שולדיקער זיין וועג ליגט פאַר אים אָפן. זיין טונקעלער אומבאַקאַנטער וועג.

— קום מיט מיר, וועלט, איך בין דיין משיח; דער מענטש איז דיין משיח.

און די וועלט, די אַלטע וועלט, דאָס קליינע פינטעלע אין דער אייביקייט, דערשרעקט זיך אונטער די טריט פון דער גאולה, אונטער

קינס טריט. משיחס געשטאַלט פאַרבלײכט אין אירע רױמען; אויף משיחס הענט, אויף זײַנע אויסגעלײזטע הענט, געהײליקט צו טאַט, זעט זי בלוט.

— קין, פאַלשער משיח. דער װעלטס פאַלשער משיח. קין איז נישט מער „װעלט"; אַ פרעמדער איז ער אויסגעװאַקסן צװישן זײַנע ברידער. אַ שונא; אַ קללה אויף אים: זײ נע-ונד! איך װעל מיט אים נישט מיטגײן.

איך האָב פאַר דיר פאַרשלאָסן די טראַכט. איך בין שױן מער נישט דײַן מוטער, מענטש. דו געהײמנישפולער פרעמדער.

קין שטײט אײנער אַלײן; ער גײט מאַכן דעם ערשטן טריט פאַר דער געשיכטע, פאַר דער מענטשלעכער געשיכטע. װעמענס װעג װעט ער גײן? װעמענס שיקזאַל װעט אויפלױכטן אין דער צוקונפט? אין דער צוקונפט פון דער געשיכטע?

— מיט מיר אָדער קעגן מיר, — זאָגט די װעלט. דעם מענטשנס הענט, אויסגעלײזט פון די חיהשע קײטן, זײ הױבן זיך אויף װי די הענט פון אַ משיח צו גאולה; זײ הױבן זיך אויף צו טאַט. טון און לײדן — װער װײסט זײערע גרענעצן? דער קאַמף פאַר דעם דאַזײן איז אַ קאַמף פאַר אַ באַהאַלטן הײליקײט.

די װעלט האָט נישט געװאָלט נעמען אויף זיך דעם חוב —
קין האָט אים אויף זיך גענומען.
און עס איז געװאָרן אַן אײביקער קאַמף צװישן דער װעלט מיט איר משיח.

דאָ הײבט זיך אָן דאָס פּראָבלעם פון דער אַרבעט.

די מעטאַפיזיק פון דער אַרבעט איז די מעטאַפיזיק פון דעמדאַ־זיקן קאַמף: דעם קאַמף צװישן דעם מענטש און דער װעלט. דער גאַנ־צער אַנטװיקלונגס־פּרינציפּ פון געדאַנק, פון דער קולטור, יאָ, פון דער גאַנצער געשיכטע, — עס איז דער עפּאָס פון דעמדאָזיקן געראַנגל. אין מיטן דעם גאַנג פון די געשעענישן פון װעלטן-װערן האָט זיך געװעקט דער מענטש. עס איז געשען דאָס װוּנדער. אין די אומענדלעע קײטן האָט זיך געװעקט דאָס געװיסן. אַ מענטש איז אויפגעשטאַנען —

דער מענטש איז דאָס געוויסן פון דער וועלט.

דאָס געוויסן פון דער וועלטס שולדיקייט.

דער גאַנצער קולטור-קאַמף, ווי מיר קענען אים, זינט אויף דער קאָסמישער אַרענע איז אויפגעטרעטן דאָס מענטשן-געשלעכט, דער גאַנצער קאַמף פאַר דער עקזיסטענץ, — עס זענען נאָך אַלצדינג אָפּ-קלאַנגען פון יענעם רוף; אין די אוראַלטע טעג פון מיטאָס, אונטער טויבע הימלען און אויף אַ היהשער ערד, האָט דער ערשטער מענטש—דער יונגער קין — אויפגעפאָדערט די וועלט. נייע אויפגאַבן זענען געשטעלט-געוואָרן פאַר די אייביקייטן — חרטה און די אויפגאַבן פון אַן אינערלעכער גאולה. די שולדיקייט פון ווערן, — עס איז די שולדי-קייט פון די אייביקייטן; עס איז אַ גרויסער אומענדלעכער ווייי, וואָס נעמט אַלץ אַרום; די אייביקייטן טראָגן-אַרום אין זייער שויס אַ גרויסן ווייי. יעדעס געשטאַלט-ווערן, וואָס רייסט זיך אַרויס פון דעם כאַאָס, איז אַ בלוטיקער רוף. דאָס גרויזאַמע אומבאַקאַנטע רופט. און אָט האָט זיך אין דעם אייביקן ווערן געוועקט דער ערשטער, וואָס האָט דער-הערט, ווי עס וויינט עפּעס הינטער די כאַאָסן. דאָס מיסטעריום הינטער דעם כאַאָס איז דאָס מיסטעריום פון אַ גרויס שולדיקייט. אין האַרץ פון דער יצירה האָט זיך אָפּגערופן אַ בענקשאַפט —

אַרבעט, עקזיסטענץ-קאַמף, קולטור-געשיכטע. עס זענען אַלץ די גרויסע פרוון צו לעזן אַ פּראָבלעם. דאָס פּראָבלעם פון די עקזיס-טענצן. דער מענטש האָט אויף זיינע שוואַכע פּלייצעס גענומען די פאַראַנטוואָרטלעכקייט צו געבן דעם ענטפער. דער מענטש איז מיט דעם ערשטן ווייי — דעם וויי פון דעם דאַזיין — אַריינגעקומען אין דעם תוהו-ובוהו פון די אייביקייטן. אָט שטייט ער, דער גרויסער באַפריי-טער, און מאָנט עפּעס. דעם סוד.

פון דעם אויסגעלייזטן געהירן רייסט זיך אַרויס דער געדאַנק. קינס געדאַנק. וואָס וויל דיין געדאַנק, אָ, קין, פאַרשאָלטענער משיח? פאַר די טויערן פון דער וועלט וואַרטסטו, געהיימנישפולער אומבאַקאַנ-טער, מענטש אין דער נאַטור. דיין וואָרט איז מיר נאָך טונקל. דיין ווילן איז מיר נאָך אומפאַרשטענדלעך —

דיין נשמה איז פול מיט אַ ליידן, דיינע הענט זענען אויפגעהויבן

צו טאַט. מענטש, גרויסער פרעמדער, דו וואַרטסט אויף דער וועלט?
אויף דעם קליינעם פינטעלע אין דער אייביקייט? —

וועלט! דער מענטש, דיין משיח, איז געקומען. דערוואַך!
און דו, מענטש־קין, נע־ונדניק, וווהין פירט דיין וועג?

די וועלט אַ חלום

געשריבן 1922

שוין אין פריִען אַלטערטום האָט אָנגעהויבן אויפצוטויכן דער געדאַנק, אַז דיווירקלעכקייטן נאַרן אונז אָפּ. די וועלט, אויף וועלכער מיר לעבן — איז נאָר אַ חלום. שפּיל אין פאַרבלענדעניש. מיר זענען געפאַנגענע אין די שלייערן פון דער מאַיאַ. מיר זענען פאַרשיכּורטע פון דעם ווייִרויך פון פאַנטאַזירנדיקע געטער. געטער שפּילן האָקוס־פּאָקוס און פון עפּעס אַ געהיימנישפולן דאָזיין און נישט־דאָזיין כּישופן זיי אַרויס די ווירקלעכקייטן. די געטער טרוימען זיך אויס וועלטן, וואָס עקזיסטירן נישט. אויך די מענטשן זענען וועלטן־טרוימער. די וועלט איז מיין פאָרשטעלונג. זאָלן מיר דען לייקענען בלויז אין די געטער, ווען מיר מוזן אויך לייקענען אין די מענטשן? מענטשלעכע אַלטעגלעכקייט, מענטשלעך עמפּינדן, מענטשלעך דענקען, ליידן, פריידן — דאָס גאַנצע מענטשלעכע באַנעמען דעם קאָסמאָס איז נישט מער ווי אַ פאַטאַ־מאָרגאַנאַ אין די וויסטענישן פון דעם אומבאַקאַנטן.

פון תמיד־אָן איז דאָסדאָזיקע געפיל געווען די טראַגעדיע פון געדאַנק, די טראַגעדיע פונם דענקען.

אָפּגעריסענע, פאַראייַנצלטע יחידים, האָבן מיר זיך מיט אונזערע חושים געקלאַמערט אָן דער וועלט. אונזערע חושים זענען געווען די איינציקע וועגן, אויף וועלכע מיר — די אַרויספאַרבלאָנדזשעטע פון כאַאָס, די יחידים — זענען צוריקגעגאַנגען צום כאַאָס. מיר האָבן אים (דעם כאַאָס) דורך זיי דערקענט. מיר האָבן געפילט זיכער, אַז די וועלט איז אַזוי ווי זי ווייזט זיך אונז. דאָסדאָזיקע געפיל האָט אונז באַרויִקט. האָבן מיר דאָך תמיד געלעבט ווי שוואַכע וואַנדערער איבער די אומענדלעכקייטן פון דאָזיין, זענען מיר דאָך תמיד געגאַנגען איבער די אָפּגרונטן פון דער וועלט און די חושים האָבן אונז געהאַלטן ביי די הענט און געוויזן דעם ריכטיקן וועג.

ווען הערדאָזיקער גלויבן אין זיך אַליין, דער גלויבן אין אייגע־

נעם דערקענען, הייבט אונז אָן היימישער צו מאַכן מיט דעם מיסטער־יום פון דער וועלט, ווען מיר הייבן־אָן צו דערשפירן באָדן אונטער די פיס, — קומט ער, דערדאָזיקער אומרחמנותדיקער ספק: די וועלט איז מיין פאָרשטעלונג. די עקזיסטענצן זענען כימערעס. מיר האָבן נישט די מינדסטע האָפנונג זיי אַמאָל צו קענען קאָנטראָלירן. אונזערע חושים זענען דיכטער. אָ, זיי זאָגן נישט דעם אמת. און דער אמת? וואָרהייט, וואָרהייט, מיר זוכן דיך, און דו — דו עקזיסטירסט אין דעם גאָרנישט.

דערדאָזיקער ספק איז די טראַגעדיע פון געדאַנק. דער געדאַנק פון פאָזיטיוון פאַרזיסט דאָס מענטשלעכע לעבנס־געפיל. די וועלט ווערט דאַן אונזער. מיר האָבן זי דאָך באַגריפן. דער צווייפל אין דער וועלט, איז דער צווייפל אין געדאַנק, אין געדאַנק אַלס דערקענונג פון זיך אַליין, אין געדאַנק אַלס אָביעקטיווער וועלט־דערקענער.

עס עקזיסטירט גאָרנישט דרויסן פון אונז. די וועלט איז אַ חלום. מיר נאַרן זיך אין איר אָפּ. עס זענען גרויסע חלומות אין אונז, אָט די אַלע ווירקלעכקייטן. טראַגישע חלומות. מיט אַ ביטערן שמייכל לאָקן זיי אונז. זייער וועזן איז דאָס לייד.

דענקען איז ליידן.

דער געדאַנק, אַז דאָס ליידן איז דאָס וועזן פון דער וועלט, הייבט זיך אָן מיט דעם באַוווסטזיין פון דער נישטיקייט פון די עקזיס־טענצן. מיר ליידן בשעת מיר געבוירן אין זיך די וועלטן. מיר ליידן הינטער די פראַכטפולע שלייערס פון די דערשיינונגען. ווייל מיר ליידן— דעריבער טרוימען מיר. אין דעם שאַפן ווילן מיר זיך פאַרגעסן. מיר טרינקען דעם כּישוף-בעכער פון די געטער, ווייל מיר זענען זינדיקע.

פאַרוואָס זענען מיר דען פאַראַן אויף דער וועלט? צו וואָס ווערט די וועלט אונזער פאָרשטעלונג?

אין די מיטן פון אַלטערטום — דער גרויסער אמת וועגן די מענטשן — ווערט געאַנט וועגן אַ שולדיקייט.

וועגן אַ גרויסער שולדיקייט אין די מענטשן. אַן אייביקע, אַ שרעקלעכע שולדיקייט.

דידאָזיקע שולדיקייט איז פאַר אונז אַ סוד. אונזער הייליקסטער סוד. דער סוד פון אונזער דאַזיין. דידאָזיקע שולדיקייט איז אויך דאָס טיפסטע אין דער וועלט־נשמה.

אָט־אָ די געהיימנישפולע שולדיקייט — דער סוד־היצירה — נאָר זי רופט אונז אַרויס פון אונזער שלומער אין דעם גאָרנישט. הינטער די דערשיינונגען ליגט דער גרויסער פרעג־צייכן: די וועלט. דאָס מיסטעריום. דאָס, וואָס איז נישטאָ. ערשט די שולדיקייט טרייבט אונז אַרויס פון דערדאָזיקער וועלטלאָזיקייט, ווי שטראָף־אָפּקומענדיקע פאַרברעכער. פאַר עפּעס צו באַצאָלן, וואָס איז ווי אַן אומאויסגעמעקטע זינד באַגאַנגען־געוואָרן אין נישט־עקזיסטירנדע אייביקייטן, — מוזן מיר, אין דרויסן פון דידאָזיקע אייביקייטן, וואָס עקזיסטירן נישט, צעריסן־ווערן אין באַזונדערע וועזנס. פאַר דערדאָזיקער שולדיקייט מוזן מיר זיך פּלאָנטערן אין דער כּישוף־נעץ פון די דערשיינונגען. מוזן מיר זיין וועלטן־טרוימער. וועלטן־באַשאַפער. מיר באַשאַפן זיך אַליין אין יענער אונזער זינד. ווערן מיר מענטשן און יאָגן נאָך שאָטנס. דעם שאָטן פון שאָטנס. שאָטנס פון גלויבונגען, פון האָפנונגען, פון פריידן. אויף וואָס האָפן מיר דען? מיר, די וועלט־האָפנונגסלאָזע?

וועלטן, גליק פון וועלטן, פרייד פון וועלטן. וואָס איז דאָס אַלצדינג? ווינט און רויך. שוים. קראַנקע חלומות, אָפּגענאַרטע זעונגען. נאָר אין ליידן שטעקט דער וועלט-אמת. אין ליידן דערגייען מיר צום תּכלית פון לעבן. —

אין זיין טראַגישן מאָמענט ווערט דער מענטש אויסגעלייזט. אין דער טראַגעדיע צעווייען די שאָטנס. דער רויש-טאַנץ ווערט איבער-געהאַקט: דערוואַכונג. מיר וואַכן־אויף פון דעם כּישוף. מיר דערקענען זיך אין דעם גרויסן נישט דערקענען. מיר דערקענען זיך אַלס דעם גרויסן ליגנט. מיר, די ליידנדיקע.

די טראַגעדיע איז דער וועג צו דער וואָרהייט. — דער וועג צום גאָרנישט.

אין דער יוגנט פון דער מענטשלעכער געשיכטע. די פריע יאָרהונדערטער, וואָס האָבן פון זיך אַראָפּגעוואָרפן די קליידער פוןווירקלעכקייט און זיי דערשיינען פאַר אונז האַלב-אמת, האַלב-לעגענדע, — האַלב-פאַרשאָטענע יאָרהונדערטער, ווען די געטער זענען נאָך נישט געווען אינגאַנצן אין הימל און די מענטשן נאָך נישט אינגאַנצן אויף דער ערד. אַן אינדישער פּרינץ פון דעם שבט פון די סאַקיער האָט געוואָלט ציען די קאָנסעקווענצן פון אָט דעם גרויסן ספק, דעם ספק

אין דער וועלט. ער האָט פאַרלאָזט די פאַנטאַסטישע רייכטימער פון זיינע פּאַלאַצן. זיין פרוי, זיין קינד. ער האָט אַנגעטון דאָס גראָע געוואַנד פון בראַמאַנישע מתבודדים. מיט אַ בעטל-שאָל אין דער האַנט איז ער אַוועק אין דער היימלאָזיקייט. אין דער וועלטלאָזיקייט. „די וועלט איז אַ כּישוף-שלייער, אַ מאַיאַ, וואָס פאַרהילט די אויגן פון די שטערבלעכע". פון אָט-אָ דער כּישוף-נעץ זיך אַרויסצובאַקומען האָט דערדאָזיקער בודדאַ אָנגעהויבן צו זוכן אַ וועג.

איז פאַראַן אַ וועג אַרויס פון דער וועלט? די פראַגע איז קאַר-דינאַל. די רעליגיעזע בענקשאַפט פון די מענטשן גייט דערויף, צו גע-פינען דעמדאָזיקן וועג. די רעליגיע גלויבט צו זיין די היטערין פון דעם טויער, וואָס פירט-אַרויס פון דער וועלט. אין די הערצער פון די מענטשן, אין די הערצער פון גאַנצן געשלעכט, אין די הערצער פון דורות ברויזט דאָסדאָזיקע מערקווירדיקע געפיל. דאָס געפיל פון אַנט-לויפן. וווּ אַהין אַנטלויפן? די מענטשן ווילן ערגעץ-וווּ אַהין אין יענער זייט פון דיווירקלעכקייטן. די ווירקלעכקייטן זענען אומ-ענדלעך. זיי זענען שיין, די ווירקלעכקייטן. זיי זענען די מוטערס פון דיליידנשאַפטן. עס זענען פאַראַן אָבער מאָמענטן, ווען אונזער גע-שלעכט פאַרפעלט אָטעם אין דער וועלט. מענטשן ווילן אַרויסאַנטלויפן פון דער וועלט, ערגעץ-וווּ אַהין — אין אַן אָפּגרונט.

בודדאַ איז אַרויסגעגאַנגען זוכן אָט דעם אָפּגרונט. נישט אמת איז די אַקסיאָמע פון די פּאָזיטיווע וויסנשאַפטן, אַז די וועלט האָט קיין סוף נישט, אַז די וועלט איז אָן גרענעצן, אַז די וועלט איז אומענדלעך. די רעליגיעזע אַנונגען אין אונז ווייסן פון איר גרענעץ. די וועלט לאָזט זיך ערגעץ-וווּ אויס. און ווו עס לאָזן זיך אויס די ווירקלעכקייטן, הייבן זיך אָן אָפּגרונטן. די ווירקלעכקייטן אין זייער וועזן גופא האַלטן זיך אי-בער דידאָזיקע אָפּגרונטן, ווי בערג, וואָס טראָגן אין זיך דעם קערן פון פאַנאַנדערפאַלן. די וועלט איז דאָס שפּיל איבער די תהומות פון גאָר-נישט. זי איז דער האָפנונגסלאָזסטער טויטן-טאַנץ. אויף וואָס האָט דען צו האָפן אַ וועלט, וואָס נאָר אַ קוק טיפער — און זי פאַלט-איין?

זענען די וועלט, הייסט: צעשטערן די וועלט.

בודדאַ שטייט פאַר דערדאָזיקער מאַיאַ. די וועלט. בודדאַ דער גרייז-גראָער חכם. פול דערפאַרונג. פול לעבנס-קלוגקייט. אַ שמייכל,

אָפגעקילט פון ליידן, שפילט אַרום זיינע ליפּצן. דער פאַרקלערטער בודדאַ. די וועלט איז די שקלאַפין פון אירע אייגענע דערשיינונגען. די דערשיינונגען — זיי זענען דער גיפט־בעכער, וואָס ווערט דערלאַנגט דער שולד־באַלאָדענער וועלט. דערדאָזיקער כוס פון ביטערקייט איז וווּנדער־שיין. כדי נאָך מער צו לאָקן די געפּייניקטע צו טרינקען פון זיין אינהאַלט. בודדאַ, אַלס צושויער, ווערט דער גרויסער מיטליידער. דער מיטליידער פון קאָסמאָס. אינם שאַפן שטעקט נישט דער נצחון פון דער וועלט. דאָס שאַפן איז נישט דאָס געזאַנג פון דער וועלטס פרייד; אין שאַפן שטעקט איר שאַנד. די שאַנד פון אומגעהייערע זינד. טויט־פאַרמשפּטע חלומען פון לעבן. די וועלט מוז באַפרייט־ווערן פון איר פאַלשן חלום. בודדאַ דער אמתער, וואָס האָט דערפילט די וואָרהייט, וועט זי באַפרייען. ער וועט זי וועקן. איר ווייזן דעם תוך פון דער טראַגעדיע.

ווי אַזוי אָבער ווערט די וועלט באַפרייט? מען מוז אויסזוכן דעם וועג, אויף וועלכן זי איז אַהער געקומען, דעם וועג, אויף וועלכן זי טראָגט איר קרייץ. איר Via Dolorosa. ש אַ פ ן הייסט דער וועג. די דערשיינונגען זענען ליידנס־טריט אין דער אייביקייט. ווײ־אויסגעשרייען פון אַ מאַרטירערטום. ווו עס רייסט זיך אַרויס אַ געשטאַלט, דאָרט האָט די שטראָף פון עפּעס־וואָס דערגרייכט צו אַ גרויזאַמער מדרגה, בלויטיקט אַן אומגעשטילטע ווונד אין דעם אומבאַקאַנטן. בודדאַ דער אמתער, דער באַפרייער, וועט זיך ווי אַ געטלעכער טיטאַן אַנידערשטעלן אין מיטן וועג און זאָגן: גענוג. עס מוז אויסגעלייזט־ווערן דער שולדיקער. עס מוז דער יחיד צוריקגיין אין זיין גאָרנישט. עס מוז די וועלט אויפסניי פאַרשווינדן אין איר אָפּגרונט.

נישט בלויז דאָס אינדיווידואום אַלס אָביעקטיווע דערשיינונג, אויך דאָס סוביעקטיווע, די מענטשלעכע נשמה, געהער צו איר מקור; צו דער וועלט אַלס פאָרשטעלונג. אין די טיפקייטן פון דער נשמה אָטעמט מיט דער גרויזאַמסטער רויִקייט דאָס גאָרנישט, וואָס איז דער העכסטער אָלימפּ פון די געטער. אויך זי, די נשמה פונם מענטש, מוז, כדי דערלייזט צו ווערן, צוריקגיין אין איר אָפּגרונט. נאָך מער ווי דער גאַנצער קאָסמאָס נויטיקט זיך דער מענטש אין דער אויסלייזונג, בענקט ער נאָך איר, און שטרעקט־אויס זיינע הענט צו דעם גאָרנישט. וויי־

אַחוץ דעם, וואָס דער מענטש טראָגט אין זיך די שולדיקייט פון דער וועלט, האָט ער נאָך אַ גרעסערע שולדיקייט: די שולדיקייט פון זיין וועזן, די שולדיקייט פון געדאַנק. דאָס געהיימניש פון יענער שולדיקייט מאַכט אים פאַר קינסטלער. און ער הויבט זיינע אויגן אויף צו די ליידן פון די געטער, ער וויל זיין גלייך צו זיי, ליידן גלייך ווי זיי, אין די ליידן פון די געטער פאַנגט־אָן דער געדאַנק. אויך די געטער האָבן זייער טראַגעדיע, דעריבער עקזיסטירן זיי. אַ וועלט אָן שולדיקייט וואָלט אויך קיין גאָט נישט געהאַט. די זינד האָט אַרויסגעטריבן די געטער פון דעם גאָרנישט.

אַלצדינג מוז דערלייזט־ווערן. אַלצדינג מוז צוריקגיין אין זיין אָפּגרונט. געטער און מענטשן. וואָס גרעסער דער געדאַנק, וואָס טיפער דער דראַנג צום שאַפן—גרעסער די שולדיקייט. בודדאַ וויל צוריקפירן די מענטשן צו דער נירוואַנאַ, צו דער עקזיסטענצלאָזיקייט, דעריבער איז ער זייער משיח. האָבן דען נישט אויך די געטער זייער משיח? בודדאַ איז דער משיח פון די מענטשן. ער ווייזט זיי דעם וועג צו זיך. צום גאָרנישט.

דער מענטש האָט זיין שולדיקייט. די גרעסטע שולדיקייט צווישן די מענטשן האָט דער קינסטלער. דער מענטש ווערט געהעצט צווישן דערשיינונגען, צווישן ליידנשאַפטן. דער מענטש ווערט געשטראָפט צו זיין אַ וועלטן־טרוימער. דער קינסטלער אָבער,—ער טרוימט דעם טרוים פונם טרוים, ער שאַפט דיווירקלעכקייט פון אַ ווירקלעכקייט — די ווירקלעכקייט פון דער קונסט.

אינם שאַפן זענען מיר די שולדיקסטע.

בודדאַס רעליגיע — איז די רעליגיע פון יאוש און האָפנונגסלאָזיקייט. זי גלויבט נישט. זי לייקנט. זי איז די ערשטע רעליגיע, וואָס לייקנט. בודדאַ זאָגט דער אָרימער אויסגעלייזטער וועלט גאָרנישט צו. וואָס האָט דען צו האָפן אַ וועלט, וואָס איר דאָזיין איז דער גרעסטער ספק און אירע דערשיינונגען זענען שגעון־אידעען פון אַן אומגליקלעכן געגוג איז פאַר דער וועלט, אַז עס ווערן עטוואָס לייכטער די קייטן פון איר געפייניקטן גאַנג. בודדאַ קויפט זי אויס פון איר שטראָף און שלעפערט זי צוריק איין אין די עקזיסטענצלאָזע אָרעמס פון דעם גאָרנישט. זאָל זי דאָרט רוען אין איר נישטיקייט, די אָרימע וועלט, די געיאָגטע זינדערין. לאָז זי דאָרט רוען אין איר פאַרגעסן, דו נירוואַנאַ!..

* * *

נישט אַלע אינם מענטשן-געשלעכט האָבן, פון דידאָזיקע קאָנסעקווענצן אויס, רעזיגנירט. — די וועלט איז אַ ספק. אין דער וועלט שטעקט אַ שולדיקייט. מיר מוזן געפינען דעם וועג ווי-אַהין צו קאָנען אַנטלויפן. באַדיי אין די אומבאַקאַנטקייטן פון דעם גאָרנישט. נישט אַלע האָבן געבויגן דעם קאָפּ און זיך אונטערגעגעבן. אין העלאַס זענען די געטער געווען גנעדיקער ווי אין אינדיע. אויך די מענטשן. דאָס שיקזאַל פון די געטער איז ענג פאַרבונדן מיט דעם שיקזאַל פון די מענטשן. ווי די געטער האָבן געשיכטע, האָט אויך זי דיזעלביקע אידעע און גייט דעמזעלביקן וועג, ווי די געשיכטע פון די מענטשן.

די גריכישע געטער. די פאָרשער פון דער מיטאָלאָגיע ווילן זיי-ער אָפּשטאַמונג פאַרלייגן קיין אינדיע. דאָס לאַנד, ווו דער געדאַנק פון דער נירוואַנאַ האָט אַרומגעכאַפּט ווי אַ גרויסער אומעט די נשמה פון די מענטשן, זאָל אויך זיין די וויג פון דעם געטער-געדאַנק. אין אינדיע האָבן די מענטשן אָנגעהויבן צו דערפילן זייער וועג איבערן אָפּגרונט. פון דיזאָזיקע אָפּגרונטן אַרויס זענען אויפגעשטיגן די גע-טער. דאָך איז אין העלאַס געשען דאָס גרויסע וונדער. דאָס וונדער פון דער ווידערגעבורט. ס'איז אויפסניי דאָרט געהייליקט-געוואָרן דער מענטש און דער גאָט. זיי ביידע אַלס דערשיינונג.

דורך דעם, וואָס ס'איז דערציטערט-געוואָרן דער באָדן אונטער די פיס, האָט מען זיך אין אינדיע פאַרלייקנט. זיך און די וועלט. מ'האָט דערקענט די אי-רעאַליטעט פון דיווירקלעכקייטן. די וועלט איז אַ חלום. די מענטשן האָט אָנגעפילט אַ טרויער בשעת זיי זענען געוואָר-געוואָרן, אַז זיי זענען טרוימער. אין אינדיע איז געבוירן-געוואָרן דאָס גרויסע דערוואַכן. די טראַגישע שלעפער אין דער מאַיאַ האָבן זיך געוועקט. עס איז אַראָפּגעקומען אויף דער וועלט בודדאַ דער וואָרער. זיין אמת איז געווען אַ לויב צו דער פאַרניכטונג, צו דער נישטיקייט.

בודדאַ האָט געטריבן אינם אָפּגרונט: געבענטשט איז דער פאַר-לוירענער, געבענטשט איז דער אונטערגייער.

אין גריכנלאַנד איז נאָך דעמזעלבן דערקענען געקומען דאָס

וואגן — מיר האָבן זיך צעשטערט, מיר וועלן בויען. מיר וועלן בויען אַ בריק — איבערן אָפּגרונט.

טיפערע קעפּ האָבן אַנדערש אויסגעטייטשט דעם געדאַנק פון דער „גריכישער פרייליעכקייט". אין גריכנלאַנד האָט מען דאָס דאָזיין לגמרי נישט גענומען זאַרגלאָז און לוסטיק. מען האָט זיך נישט באַטויבט אין פרייד און אין שיינקייט; דער וועג פון די דיאָניזן איז נישט געווען דער רויש פון פאַרגעסן. קומענדיק פון זייערע אינדישע הימלען, האָבן די געטער מיט זיך מיטגעבראַכט דעם גאַנצן ווייטיק פון דער מענטשלעכער השגה, אַזוי ווי ער איז אויסגעבראָכן אין אינדיע. אויך אין די טעמפּלען אויס ווייסן, זוניקן מאַרמאָר, אונטער די בילדער פון גאָלד און העלפאַנט-ביין, האָבן די גריכישע געטער געקאָנט וויינען. אויך די גריכישע מענטשן האָבן געקאָנט וויינען. ווער ס'האָט נישט דערזען דאָס האַרץ, וואָס האָט געבלוטיקט אונטערן פורפור-מאַנטל, דער האָט נישט פאַרשטאַנען דאָס גריכישע וועזן.

אין אינדיע איז געקומען דער גרויסער אומעט. דאָס טראַגישע דערקענטעניש האָט דערלאַנגט דעם מענטש אַ מעכטיקן קלאַפּ. ער האָט אַראָפּגעלאָזט די הענט. דער מענטש איז פאַרלוירן-געגאַנגען אין זיין דערקענען. דער מענטש איז געשטאָרבן אין זיין וואַך-ווערן, — האָט מען געזאָגט. — מ'איז אַוועק אין דער נירוואַנאַ. אין דער צייט פון דער גריכישער טראַגעדיע האָט מען ערשט אָנגעהויבן ריכטיק אָפּצושאַצן דעם ווערט פונם מענטש. מ'האָט באַקומען פאַר אים ערפורכט. דער מענטש איז איצטער אָנגעוויזן אויף זיך אַליין. די וועלט אַרום אים איז איינגעפאַלן אין חורבות. דער מענטש האָט געבענקט — און זיין בענקשאַפט האָט די וועלט פאַרברענט אויף אַש. וואָס איז דער מער? דער מענטש שטייט אַ פאַרלאָזענער אין די חרובעווירקלעכקייטן: אין זיינע טרוימען. ער איז זיין אייגענער גאָט אין יענע גרויסע אומבאַקאַנטקייטן פון דער עקזיסטענץ. צו וועמען זאָל ער אויסשטרעקן די הענט אין זיין גרויסן לייד? די הימלען זענען פאַרשלאָסן. די גרויסע געטער — די קאָסמישע — זענען טויב. העלף דיר אַליין! באַשאַפט זיך דער מענטש זיין וועלט, דאַן איז ער דער גרעסטער. פרייזט אים, דעם מענטש! דער מענטש איז אַלצדינג. דער מענטש איז דער גאָט אין זיינע טרוימען.

אין דער אַנטיקער טראַגעדיע, אין דער טראַגעדיע פון עסכילאָס און סאָפאָקלעס, זענען די ליידן פון מענטשן — ליידן פון געטער.

אין גריכנלאַנד האָט מען אויסגערופן: ווי שיין אייער טרוים איז, איר טרוימער, וואָס טרוימען-אויס זייער וועלט און שטאַרבן טרוי־מענדיק.

האָפנונגסלאָז אינדיע, אומעטיק לאַנד דו! מתבודדים זענען נע-ונד אויף דיין ערד, ווי טויטן-גרעבער קומען זיי צו דיר. אין די טריט פון דיין משיח, דעם בודדאַ, גייען זיי. דיינע מענטשן שטאַרבן צו־גערן. אונטערגאַנג. די וועלט איז אַ חלום. די ווירקלעכקייטן, וואָס מיר מיינען צו האָבן אין אונזערע הענט, זענען ווינט און רויך. די שיינ־קייט — זי איז דאָס לאַק-מיטל פון דער מאַיאַ. היט אייך, איר מענטשן, פאַר דער שיינקייט, זי פאַרשטעלט אייך דעם וועג צו דעם אָפּגרונט. אין גריכנלאַנד האָט מען זיך דערדאָזיקער שיינקייט אונטערגעגעבן. אין דער גרעסטער האָפנונגסלאָזיקייט האָבן דאָרט די מענטשן נישט פאַר־לוירן זייער האָפנונג, להיפך: דער שענסטער וועג איז דער וועג אי־בערן אָפּגרונט. דער לעצטער וועג. אין די עקזיסטענצן שטעקט אַ גע־היימנישפול שפיל. אַ געראַנגל אויף טויט און לעבן. מיר גייען-אַרום אויף דעם שווי-פלאַץ, וווּ עס קעמפט דאָס גאָרנישט מיטן עטוואָס, וואָס רייסט זיך אַרויס פון דעם גאָרנישט. זאָלן דען אונזערע חושים קענען אויפנעמען דעמדאָזיקן בלוטיקן קאַמף: דעם קאַמף פון די געטער מיט זייער אייגענעם סוד?

אין גריכנלאַנד האָבן די מענטשן מנצח-געווען דעם גרויסן ספק. זיי זענען געוואָרן די זיגער אין זייער טרוים. זיי האָבן אַליין צוגערופן די פאַלשע וועלט, די כישוף-מאַכערין, זי זאָל זיי איינוויגן. דער שלאָף אין דער מאַיאַ, וואָס האָט באַטרויערט די דערוואַכטע אינדיער, — ווי זיס איז ער, ווי הערלעך! די גריכישע מענטשן האָבן אַרויסגעטריבן די וואָרהייטן פון דעם קאָסמאָס און דערמיט זענען די מענטשן גע־וואָרן געטער, — די געטער פון אומזיכערן, פון אומבאַוווסטן. ערשט אין זיין אומבאַוווסטקייט האָט זיך דער מענטש דערפילט מעכטיק. ווען עס האָט דערציטערט די ערד אונטער זיינע פיס און ער האָט זיך דער־פילט אַלס גאָרנישט אין דעם אומבאַקאַנטן, האָט זיך דער גריכישער מענטש דערפילט אַלס שאַפער. די רעאַלע ווירקלעכקייט איז חרוב-גע־

וואָרן אינם מענטשלעכן וויי — די אינדיער האָבן פון די וועלט־חורבות־
אַרויס אויסגעשריגן: נירוואַנאַ! דאָס קינסטלערישע גריכנלאַנד האָט
אָנגעהויבן אַ נייע ווירקלעכקייט, — די ווירקלעכקייט פון דער קונסט.

קום, מענטש, איינזאַמער מענטש, לאָמיר מקריב־זיין צו אַפּאָלאָ,
דעם גאָט פון די טרוימען, און מיר וועלן זיין די צוקוקער פון אַ מעכ־
טיקן שוישפּיל.

קנוט האמסון

געשריבן 1917

וועגן קנוט האַמסון האָט מען שוין אַ סך געשריבן. ער געהערט צו די פּאָפּולערסטע שריפטשטעלער פון אונזער צייט. האַמסון איז „אינטערעסאַנט", ווייל ער איז אַנדערש, נישט אַזוי ווי דאָס זענען אַנדערע שריפטשטעלער. זיינע העלדן רעדן, דענקען און קליידן זיך אַנדערש, ווי אַלע מענטשן. די געוויינלעכע טעג, די אַלטעגלעכקייט פון זייער לעבן, שמידט-צו צו זיך האַמסונס אויפמערקזאַמקייט. האַמסונס העלדן האָבן נישט קיין „גרויסע טעג". זיי האָבן נישט קיין גרויסע אידעאַלן און קיין גרויסע איבערלעבענישן. דאָך געהערן זיי אַלע צו דער אַזוי־גערופענער „אינטערעסאַנטער" אומגעוויינלעכקייט. זיי גיבן זיך שטענדיק אָפּ מיט די קליינלעכסטע קלייניקייטן. צי איז עס דעריבער, ווייל האַמסון זעט אין דער אַלטעגלעכקייט און אין די „נעבן-זאַכן" פון מענטשלעכן האַנדלען און ווירקן דעם ווירקלעכן אָטעם פון לעבן און דעם לעבנס טיפסטן זין? איז עס דער וואָכעדיקער גרויער מענטש, וואָס פאַרטרעט אַמשטאַרקסטן דאָס מענטשלעכע מין?

האַמסון מאָלט די לעגענדע פון דער וואָכעדיקייט. די שטימונגספולע פייערלעכקייט פון די אָרימע, קליינע טעג. וויקטאָריען, דאַגנין און עדוואַרדען חלומען זיך פּרינצן און לעגענדאַרע קעניגרייכן. די איינפאַכע בירגער-מיידלעך, ווען זיי ווילן, גייען זיי אום אין זייער היים אין גאָלדענע שיך. האַמסון שטעלט-אַוועק זיינע העלדן ווי הינטער אַ נעפּל, ער וויל זיי שטענדיק פאַרהילן, ער וויל אָפּווענדן מיט מאָדנע מיטלען אונזער בליק פון זייער וואָרער אינערלעכקייט. צי וויל האַמסון באַצייכענען זייער פרעמדקייט, און דערמיט דאָס גאַנצע פרעמדקייט פון דעם פּשוטן, געוויינלעכן לעבן, דאָס פרעמדקייט פון דעם „קליינעם טאָג", וועלכן מיר שאַצן נישט אָפּ, ווי עס באַדאַרף צו זיין, ווייל מיר האָבן נאָך נישט דערגרייכט זיין ווירקלעך גרויסן אינהאַלט?

נישט דעריבער וויל איך איצט רעדן. האַמסונס קונסט האָט פאַר

אונז אַ גאַנץ באַזונדערע וויכטיקייט. זי אַנטפּלעקט פאַר אונז אַ וועלט־אַנשויונג. אייגענע וועגן פירן אַט דעם נאָרדישן שריפטשטעלער צום לאַנד פון אַלמענטשלעכן געדאַנק.

מיר זעען דאָס וועלט-גאַנצע פון אַ שטאַנדפּונקט, וואָס פאַרמאָגט צוויי אַנשויונגס-באַדינגונגען: אָביעקט און רוים. זאַכן און דאָס, וואָס איז צווישן די זאַכן. דער „צווישן", אָדער דער „רוים", — דער חלל, — איז נישט בלויז דאָס „אָרט", ווו די זאַכן ווערן געשאַפן, באַוועגן זיך אָדער עקזיסטירן. ער איז נישט בלויז זייער באַזיס; פיל מער: ער איז אַ טייל פון זייער אידעאַלער גאַנצקייט. ער איז אַ טייל פון די אויפגעלאָזענע שלייערס, וואָס פלאַטערן-אויף פון דעם באַוווסט־זיין זייערן. רוים — איז שווייגן און נאָכדענקען פון דעם אייביקן שאַפונגס־דראַנג אין דעם וועלטאַל. רוים איז מהות-אויסשטראַלונג. רוים איז די בריק, וואָס איז אַריבערגעוואָרפן איבער דעם געפער־לעכן אָפּגרונט צווישן געדאַנק און אָביעקט.

ווו אָבער ליגט דער גרויסער סוד פון זײַן? אין די זאַכן, אָדער אין זייער רוים?ביידע זענען אויסדרוקן פון צוויי אַנשויונגען אין דער נאַטור. ווי דאָס שווייגן און דאָס וואָרט אין דער מענטשלע־כער נשמה. ווי די פּויזע אין דער מוזיק.

דעם „צווישן" און די „זאַכן" דאַרף מען נישט זוכן בלויז אין דער נאַטור. דאָס לעבן מיט אַלע זיינע דערשיינונגען, די קונסט, די שיינקייטן, די געדאַנקען-וועלט, דאָס זענען אויך דערשיינונגען, געזען פון צוויי שטאַנדפּונקטן. מענטשן, ליידן, פאַרגעניגנס, עמפּינדונגען, איבערלעבענישן. עס איז אָבער פאַראַן דער שטילער, נישט-פאַרנומענער שטח צווישן לייד און צווישן וואָרט און וואָרט.

האַמסון איז דער דיכטער פונם רוים. ווען ער מאָלט דאָס לעבן, רוט אפשר דאָס אויג זיינס נישט אַזויפיל אויף די פאָרמען און אייגנשאַפטן פון לעבן, ווי אויף דעם, וואָס איז נאָך ליידיק, נישט אַרויסגעפאָרעמט אין די פאַרשידענע מאָטיוון פון לעבן. ער איז אינטע־רעסאַנט מיט זיינע קליינינקייטן און מיט די מאָדנע קאַפּריזן און אָרי־גינעלקייטן פון זיינע העלדן, נישט דעריבער, ווייל ער זעט אין מענטש און אין דער נאַטור דאָס, וואָס קיינער זעט נישט, נאָר דערמיט, וואָס ער זעט צווישן דעם מענטש און צווישן דער נאַטור. ער

עפנט אונז דאָס פענסטערל פאַר דעם געפיל, וואָס האָט נאָך קיין פאָרם נישט. וועגן וואָס ער זאָל נישט רעדן, וועגן ליבע, וועגן הונגער, צי וועגן אַ קליין מיידל עוואַ,—שטענדיק וועט איר טרעפן ביי אים אָט ד אייגנטימלעכע אַרט. ער איז דעריבער אין אַ געוויסער מאָס מאָנאָטאָן, ווידערהאָלט זיך. די פאַרבן פון דעם צווישן־לעבן זענען גרויער, פרעמ־דער. מיר האָבן פאַר זיי בלויז אינסטינקט, אָבער נישט קיין קלאָר אויג.

פרעגט האַמסונען: ווער איז ער? ער ווייסט עס נישט. איינער פון זיינע פאַרלעגער האָט האַמסונען געבעטן אָנצושרייבן זיין ביאָגראַפיע און האַמסון האָט געענטפערט: כ׳בין געבוירן־געוואָרן דעם און דעם טאָג. ווייטער שרייבט איר אַליין. מעגלעך, אַז דאָס אַלצדינג, וואָס איז פאָרגעקומען און האָט זיך אָפּגעטון אין זיין לעבן, איז פאַר אים געווען ווייניקער אינטערעסאַנט, ווי דאָס, וואָס האָט דאָרט, צווישן זיינע מעשים, געשוועבט. דאָס „צווישן” ביי האַמסונען איז אייגנטלעך נאָך שטילער, ווי דאָס שווייגן ביי מעטערלינקן. דאָס שווייגן איז דער הימל פונם וואָרט, דער „צווישן” אָבער איז לעבן די רעאַלע טאַטן אַ פרעמדע שכנותדיקע מלוכה. דאָס צווישנדיקע האָט זיין אייגענעם הימל און זיין אייגענע גאָטהייט.

עס האָט אויך זיין אייגענעם דיכטער. קנוט האַמסון איז איינער פון די שענסטע און בעסטע אין דעם הייליקטום פון דעם „צווישן”. האַמסון האָט זיך אַליין אַמגעלונגענסטן אויסגעדריקט אין דער פערזאָן פון יאָהאַן נאַגעל. יאָהאַן נאַגעל איז פיל טיפער און פיל מער ווי אַ זונדערלינג. דער ים האָט אים, נאַגלען, ווי אַ געהיימניש, אַרויסגעטראָגן ערגעץ אויף אַ ברעג פון אַ קליין נאָרוועגיש שטעטל נאַגעל האָט דאָרט צונגעהויבן צו פירן זיין מאָדנע לעבן פול קוריאָזן און ווידערשפּרוכן. ער האָט דאָרט געליבט און דאַן פון לאַנגווייליקייט זיך געוואָלט טויטן. — ווער איז געווען אָט דער יאָהאַן נאַגעל? נישט אין די ליידן, נישט אין דער ליבע און אין דער טראַגעדיע נאַגעלס גיט האַמסון דאָס אָפּבילד פון ריינער אָביעקטיווער פּסיכאָלאָגיע. עס איז אַ ווייטיק, וואָס טליעט פאַרוואָרפן ערגעץ לעבן דער ליבע און רייסט זיך באַמערקט צו ווערן. יאָהאַן נאַגעל איז פון די מענטשן, וואָס גייען־אַרום צווישן אַלע ווי פרעמדע, מיט אַ וועזן פון אַן

אַנדערער וועלט. ווען זיי רעדן, איז עס נאָר, כדי מען זאָל באַמערקן זייער אַנוועזנהייט.

אַזוי איז אויך קנוט האַמסון דער שריפטשטעלער. אַזוי שרייבט ער זיינע ביכער. פרעגט די שיפן אויפן ים און די צוועלף חדשים פון יאָר זיין מערקווירדיקן סוד. וואָס איז עס? לעבן? ניין. אַ שאָטן, וואָס היט אונזער גאַנץ לעבן, אַ שאָטן, וואָס היט אונזערע אַלע געפילן און אַלדאָס מענטשלעכע אין אונז. סאַטירע? סאַרקאַסטיש געלעכטער? עס איז דאָס לעבן, און נאָך טיפער ווי דאָס לעבן. נאָר ווי אַ שטילער, קוים געזעענער נעפל, ווי אַ טרוים שוועבט עס אין אונזער וועזן. עס איז דאָס, וואָס איז נאָך נישט געבוירן-געוואָרן—און קאָן קיינמאָל נישט געבוירן-ווערן.

עס איז דער מאָרגן-רויט פון אַ שאָטן-וועלט, וואָס גייט-אויף אי-בער דער וועלט פון דעם ווירקלעכן. אַ, שטילער פרימאָרגן פון טונקלקייט!

ווייניק און זעלטן זענען די, וועלכע ווערן געלייטזעליקט פון דיין שמייכל!

י. ל. פרץ

(פלאַן צו אַ מאָנאָגראַפיע)

געשריבן 1917

פרץ האָט באַהערשט אַ יידישע ליטעראַרישע עפּאָכע, מער: פּרץ אַליין איז געווען די יידישע ליטעראַרישע עפּאָכע מיט אירע טרוימען, האָפנונגען, אַנטוישונגען. ער האָט זי אויפגעבויט, ער האָט פאַר איר געקעמפט און האָט אַליין געהאַט דעם מוט זיך אומצוקוקן אויף דעם אַדורכגעגאַנגענעם וועג. פרץ האָט צעשטערט ווערטן. ער האָט זיין צעשטערן נישט דערענדיקט. ער האָט זיך אינמיטן אָפּגעשטעלט, די האַנט מיטן בראַנד־פאַקעל אַראָפּגעלאָזט. אין דער שטיל אָנגעהויבן צו־ריקצוגיין, חוזר־בתשובה צו זיין. מיר טרעפן פרצן, ווי ער זיצט גאָר אַליין צווישן די חורבות, ער שאַרט אין זייער אַש, וויל דאָרטן געפינען אַ נייעם גלויבן, נייע אוצרות.

פרץ אַליין איז געווען די ליטעראַטור־עפּאָכע — איר קעגנוואַרט, איר צוקונפט ...איר יאוש.

I

ווען פרץ איז געקומען אין דער יידישער ליטעראַטור, האָט נאָך אייגנטלעך די יידישע ליטעראַטור כּמעט ווי נישט עקזיסטירט איינצלנע מאָדערנע יידישע ביכער האָבן זיך דאַן זייער ווייניק אונטער־שיידט פון די „זשאַרגאָנישע" ספורי־מעשיות פאַר ווייבער און פאַרן פּראָסטן עולם. פרץ אַליין האָט אפשר נישט געוווסט, אַז זיין אַרויסטריט וועט נאָך זיך ברענגען אַ גאַנצע ליטעראַרישע איבערקערעניש. ער האָט נאָך נישט געהאַט דאָס באַוווסטזיין פון זיין כּוח. מיט אַ מאַגישער האַנט האָט ער באַרירט דאָס אָרט, ווו אויף דעם בוים פון יידישן לעבן איז שוין רייף־געוווען די נייע פרוכט.

פרץ דעביוטירט אין דער יידישער ליטעראַטור מיט דעם ערשטן ווירקלעכן קונסטווערק אויף יידיש, מיט „מאָניש". אין „מאָניש" קלינגען שוין זאָגאַר אָפּ ווייטע טענער פון „ביינאַכט אויפן אַלטן מאַרק" און פון די „פאָלקסטימלעכע געשיכטן". נאָר, אַזוי ווי אין אַלע זיינע ערשטע זאַכן, ווייסט דאָ פרץ נאָך אַליין נישט דעם וועג, וואָס ער וויל באַטרעטן. נישט קוקנדיק אויף דעם, וואָס אין „מאָניש" דערגרייכט שוין זיין דיכ־טונג אין דעם הויפּט-טאָן צו אַ ריין קינסטלערישער טענדענץ, גייט ער אין זיין שפּעטערן שאַפן אַוועק פון אָט־אָ דער טענדענץ. אין „מאָניש" איז נאָך פרץ דער איינזאַמער קינסטלער, ער פילט נאָך נישט אויף זיך די פאַראַנטוואָרטלעכע לאַסט פון אַ מורה־דרך. דער בית־המדרש־בחור מאָניש, איינגעטונקט אינגאַנצן אין אַלטן יידישן מיליע, דער עילוי, דער תורה־לערנער און מתמיד, — ער איז שוין דער אָנזאָגער פון אַ ניי לעבן ביי יידן.

אין „מאָניש" האָט פרץ באַשריבן זיין יוגנט. ער האָט זיך געגעבן ווי אַ קינד פון זיין דור — דער רעוואָלוציאָנערער אַפּיקורסישער משכּיל.

אָבער דאָך אַנדערש, ווי אַלע זיינע צייט־חברים, די קעמפערישע משכּילים. דער איראָנישער וויץ, מיט וועלכן עס ווערט געשילדערט דאָס לעבן אין דעם שטעטל „גרויס ווי אַ גענעץ", איז פול גוטמוטיקייט און פיעטעט. עס פילט זיך שוין דער שפּעטערער דיכטער פון חסידיש און פאָלקסטימלעכקייט. מיט רירנדיקער פּאָעזיע אַנטפּלעקט ער איינציקווייז פאַר דעם לעזער, ווי דאָס איינגעשלאָסענע לעבן אין שטעטל צעפאַלט, ווי עס באַווייזט זיך דער „דייטש", ווי עס דרינגען פּאַמעלעך אַריין אַלגעמיין־מענטשלעכע ווערטן און פאַרלאַנגען אין דער, אין זיך און פאַר זיך אָפּגעזונדערטער, יידישער וועלט.

אין „מאָניש" טרעט פרץ אַרויס מיט זיך אַליין. דעמאָלט איז ער געווען יונג און האָט אפשר גאָרנישט געטרוימט פון „אויפשטעלן אַ דור". ער איז בלויז קינסטלער. הגם ער קוקט נאָך נישט אַליין אויף זיך ווי אויף אַזעלכן. עס איז אינטערעסאַנט, וואָס דער דיכטער אַליין האָט געגלויבט, אַז דאָסדאָזיקע ווערק איז נאָר אַ צופעליקער קאַפּריז און אַז יידיש, וואָס „האָט פאַר ליבע, פאַר געפיל, נישט קיין פּאַסנד וואָרט, קיין סטיל", וועט קיינמאָל נישט דערהויבן־ווערן צו דער מדרגה פון ליטעראַטור. מ'דאַרף נישט פאַרגעסן, אַז פרץ איז אייגנטלעך דאַן לגמרי נישט געווען דער פאָרקעמפער פאַר יידיש. ער האַלט די שפּראַך יידיש, ווי אַלע, פאַר אַ „דינסטמויד" און דערלויבט זיך מיט איר נאָר אַ לייכט־זיניקן פלירט. אין דערזעלבער צייט, ווען איבער „מאָניש" ציטערט אַ שטילער עלעגישער שלייער פון ראָמאַנטישער בענקשאַפט, פאַרעפנטלעכט פרץ אין העברעיִש אַ קליין ביכעלע לידער — „העוגב". זאַכן אין סטיל פון די העברעיִשע דיכטער פון מיטלאַלטער. ווי עס שיינט, כּדי שוין צו זיין אַן „ערנסטער" דיכטער. דידאָזיקע לידער־זאַמלונג איז אינגאַנצן פאַרגעסן־געוואָרן.

נאָר ווי געזאָגט, בלייבט נישט פרץ ביי דערדאָזיקער ריכטונג. ער קומט־אַרויס אויפן ליטעראַרישן פעלד און זעט ווי ווייט די צייט איז נאָך נישט רייף פאַר ווירקלעכער, אָביעקטיווער קונסט. אויך אַ קינסטלער מוז האָבן באַזונדערע צייט־באַדינגונג ן, כּדי צו קאָנען שאַפן אָביעקטיוו; אין יידישן לעבן האָט זיך דאַן ערשט אָנגעהויבן אַ ברויזנ־דער שטורם פאַר פריידענקעריי און רעפאָרמען. שטורם־און־דראַנג. די אָרטאָדאָקסיע איז נאָך געווען ביי איר פולשטענדיקער מאַכט. די איינ־

ציקע באַהערשערין פון שטעטל. פּרץ שילדערט זי אין „מאַניש". ווייל זי איז דאַן געווען פיל אידעעלער, כאַראַקטערפולער און לעבנספעיִקער ווי איצט, האָט טאַקע די אָרטאָדאָקסיע איר שטעלונג פּאַרטיידיקט מיט דעם פאַרביטערסטן פאַנאַטיזם. אויך די יונגע פרייהייטס-קעמפער, די משכּילים, האָבן וואָפן געשמידט, כּדי די פאַרעלטערטע כינעזישע מויער אַרום דעם יידישן לעבן און יידישן געדאַנק דורכצוברעכן. די יידישע געזעלשאַפט איז דאַן געווען געגליכן צו אַ קריגס-לאַגער. פון ביידע זייטן האַס און פאַראַכטונג, פון ביידע זייטן — קיין שום פּרווו פון פאַרשטיין איינער דעם אַנדערן; פון ביידע זייטן האָט מען געקעמפט אויף טויט און אויף לעבן. די אָרטאָדאָקסיע איז אייגנטלעך געווען די הערשערין פון דער לאַגע. זי האָט געהאַט געזונטערע ווערטן (ווי היינט), האָט געהאַט הינטער זיך די אַבסאָלוטע מערהייט פון דער יידישער געזעל-שאַפט און דעריבער גאָרנישט געווען גענויטיקט עפּעס אָפּצוטרעטן. די משכּילים האָבן פאַר זיך געהאַט די ערשט-אָנגעהויבענע אַרבעט. אידעעל, נאַיִוו, דאָס האַרץ פול שטרעבונג צו ליכט און פרייהייט, צו שאַפן און קאַמף. אַ באַוואָפנטע יוגנט, רעוואָלוציאָנערן, אידעע-מאַרטירער. פון זיי האָט מען געוויס נישט געקאָנט פאַרלאַנגען קיין אָביעקטיוויזם. דאָס פייער פון דער שלאַכט האָט זיך ערשט געהאַט צעברענט, די משכּילים האָבן אַלדאָס זייעריקע אויפן שפּיל געשטעלט פאַר אַ נייער וועלט און נייע געדאַנקען.

דער יונגער טעמפּעראַמענטפולער פּרץ ווערט מיטגעריסן און אַריינגעצויגן אין די רייען פון די קעמפער. אויך דאַן, ווי אין זיינע עלטערע יאָרן, האָט ער נישט קיין אייגנטלעכן געזעלשאַפטלעכן שטאַנד-פּונקט און ער צעברעקלט זיך איבער אַלע אויפגעשטעלטע געזעלשאַפט-לעכע פּראָגראַמען. אין זיין כאַראַקטער ליגט די שנעלע, איבערגעטריבענע באַגייסטערונג, דאָס קאַפּריזנע קינסטלער-געמיט. ער שרייבט אויפזאַצן מיט היץ און סאַטירע און זיי ווידערשפּרעכן איינע די אַנדערע. ער אַגיטירט פאַר אַלצדינג, אַפילו פאַר אַסימילאַציע און קעגן אַ יידישער נאַציאָנאַלער שפּראַך.

אין דעמדראָזיקן זין הייבט זיך אָן צו נויגן אויך פּרצעס בעלעט-ריסטישע טעטיקייט. אָנשטאָט צו שילדערן און צו טרוימען, ווי אין „מאַניש", קריטיקירט ער, לאַכט ער אָפּ. אונטער דערדאָזיקער ווענדונג

מוז זיין קונסט אָנהייבן צו ליידן. זי ווערט שאַבלאָן, טענדענציעז, נישט פריי פון אַ געוויסער ביליקייט. ער שרייבט אין דעמדאָזיקן טאָן אַ גרויסע צאָל נאָוועלן. צווישן זיי איז באַקאַנט: „דאָס שטריימל", „געמויזעכץ", „העכט", „די פרומע קאַץ" און אַנדערע. פרץ איז דאַן אַרומגעגאַנגען אין דער יידישער גאַס מיט אַ צינד־פּאַקעל. אַלץ, וואָס ער טרעפט נאָר, צעטרעט ער אין זיין צאָרן. אַלץ, וואָס ער זעט, איז צעפוילט, איבערגעלעבט, אינהאַלטסלאָז. מען מוז איבערבויען פון גרונט-אויס.

דער דיכטער פון „מאָניש" מאַכט אַלס „פרעמדער" באַאָבאַכטער אַ „רייזע" דורכן יידישן שטעטל. דאָס שטעטל איז שוין מער נישט פּרצס היים, ווו ער האָט געלעבט און געליבט. ער איז נישט מער איר ליבלינגס־קינד, איר „עילוי". ער האָט זיי פאַרלאָזט, די „אַלטע בעלי-בתים מיט מעשענע און זילבערנע בתים". ער האָט זיי אָנגעזאָגט מלחמה. ער איז אַוועקגעפאָרן אין דער גרויסער שטאָט, אין דער שטאָט פון ליכט און השכלה. דאָרט קומט ער אַריין אין אַ גאַנץ אַנדערער ספערע, צווישן די ראַדיקאַלע טרעגער פון בילדונג און רעפאָרמען.

פרץ פאָרט אין שטעטל אַריין עס „פאַרשרייבן". ער מאַכט אַן „אינספעקציע" און פירט איבערן יידישן מיליע אַ „סטאַטיסטיק".

II

עס איז אייגנטלעך שווער צו באַשטימען די כראָנאָלאָגישע צייט פאַר די פאַזן פון פרצעס פערזענלעכקייט. פון זיינע „זכרונות" קאָן מען כמעט גאָרנישט וויסן. זיי טראָגן מער דעם כאַראַקטער פון אַ שטעטל־באַשרייבונג. פון פרצן אַליין איז דאָרט זייער ווייניק פאַראַן. עס איז אויך אוממעגלעך צו פאַרלאַנגען אַ סיסטעמאַטישע אַנטוויקלונג פון אַזאַ אויסגעשפּראָכענעם שטימונגס־מענטש, ווי י. ל. פרץ. דאָך קאָן מען אָננעמען, אַז די ערשטע פינף־און־צוואַנציק יאָר פון זיין ליטעראַרישער טעטיקייט ביז צו זיין יובילעום (ווי מיר געפינען עס אין די צוויי בענדער „יובילעום־שריפטן") גייט ביי אים כמעט אַלץ אין דער אויבנדערמאָנטער ריכטונג. ערשט נאָך זיין שריפטשטעלער־יום־טוב איז פרץ מיטאַמאָל אויסגעוואַקסן צו דעם, וואָס ער איז פאַר אונז געווען: צו דער ערשטער און גרעסטער פערזענלעכקייט אין דער יידישער ליטעראַטור — דער „רבי".

פרצעס טאַלענט איז אויף זיינע עלטערע יאָרן אומגעהייער אויסגעוואַקסן. ער האָט זיך זיין גאַנץ לעבן געזוכט אין אַלע מעגלעכע פּראָבלעמען און ליטעראַרישע פאָרמען. עס איז נישטאָ קיין ליטעראַריש געביט, אויף וועלכן פרץ האָט נישט געאַרבעט און געשאַפן. נישט בלויז מיט אַ ריין אינדיווידועלן טריב, נאָר אויך מיט דער טענדענץ צו שאַפן אַ מוסטער פאַר אַ מאָדערנער ליטעראַטור אין דער יידישער שפּראַך. אין זיין יעטוועדער נאָוועלע פילט זיך, ווי דער שריפטשטעלער פרץ שטייט הינטער איר, און ווייזט: „אַזוי מוז עס ווערן געמאַכט, אַזוי איז רעכט." געוויס ליידט זי קינסטלעריש דורך דערדאָזיקער טענדענץ. מען דאַרף אָבער נישט פאַרגעסן, אַז דאָס טוט פרץ נישט גאַנץ באַוווסטזיניק. עס ליגט מער אין דער נאַטור פון זיין פערזענ־

לעכקייט. דער צעשטרייטער פרץ זוכט זיך אַליין אַרום אין זיינע מעגלעכקייטן. ערשט שפּעטער, נאָך פינף-און-צוואָנציק יאָר בלאָנדזשען, ווערט ער רייפער און הייבט-אָן צו דערקענען זיין אייגענע געשטאַלט— דעם ראָמאַנטישן זוכער.

אַזוי, צום ביישפּיל, זעען מיר, ווי אַפילו פאַר די מאָטיוון פון דעם פאָלקס גלויבונגען און אָנשויונגען, אין וועלכע ער ווערט ביסלעכווייז אַ מייסטער, האָט ער (אין די „יובילעום-שריפטן") אַ שוואַכע אינטויִציע. אין „אויב נישט העכער", „צווישן צוויי בערג" און אַנדערע, באַוועגט ער זיך צווישן אַ ליטעראַריש-מאָדערנער און פּרימיטיוו-פאָלקסטימלעכער פאָרם. ער ווייסט נישט, צי איז עס אַ נאָוועלע, אָדער אַ פאָלקס-געשיכטע. ער ווייסט אָבער אויך נישט, צי איז עס אַ פּאָעטישער נאַיִווער גלויבן, אָדער אַפּיקורסישע פּאַראָדיע. אין דערדאָזיקער וואָג-שאָל בויגט זיך, וואַקלט זיך זיין סטיל.

דאַן, ווען די יידישע ליטעראַטור איז נאָך נישט דרייסט-געווען צו האָבן די פּרעטענזיע אויף דער נאַציאָנאַלער ליטעראַטור, האָט אויך פּרץ אין זיין שאַפן נישט געוווּסט, צי איז ער נאָר אַ מאָראַליסט, אַ דערציער מיט אַ טענדענץ, צי איז ער אַ קינסטלער. פּרץ וואַרפט זיך אויף אַלע ליטעראַרישע געביטן, כדי צו בויען דעם ערשטן פונדאַמענט פאַר אַ יידישער ליטעראַטור. פּרץ איז דאַן נישט געווען דער איינצלנער יידישער שריפטשטעלער, ער איז געווען דער ליטעראַרישער פּרוּוו אויף יידיש, די ליטעראַטור אויף יידיש. ער האָט אַלע ליטעראַרישע דערשיינונגען געמוזט אויסבויען, ער האָט אַלע געדאַנקען און פּראָבלעמען געמוזט פאַרטרעטן. דערין ליגן זיינע היסטאָרישע פאַרדינסטן.

שוין דאַן אָבער, פון צווישן דער גרויסער מאַסע פון ליטעראַרישער אָנפאַנגעריי, שיילט זיך אַרויס פּרצעס פיגור אַלס ראָמאַנטיקער. נישט אין די זאַכן אין דעם שניט פון „שטריימל", האָט ער זיך דערקענט. דאָס זענען זיינע בלאָנדזשענישן. דאָס קריטיקירנדיקע, דאָס אַפּיקורסישע און ראַדיקאַל-רעוואָלוציאָנערע איז אים אויפגעצווּנגען-געוואָרן פון זיין דור. דערווירקלעכער תּוך פון פּרצעס וועזן איז באַהויכט מיט דער פּאָעזיע פון גלויבן, מיט דעם ראָמאַנטישן. אין „מאָניש" און „העוגב" שטייט פּרץ אונטערן איינפלוס פון היינען (פון וועלכן ער

האָט זיך שפּעטער באַפרייט). אין זיינע עלטערע ווערק ווערט ער דער זעלבשטענדיקער, דער יידישער ראָמאַנטיקער.

פּרצעס צעשטערנדיקער גייסט ווערט צאַרטער, שטילער (נאָך אין זיינע „יובילעום־שריפטן"), ווען ער טרעפט זיך אָן מיט דער ליידנדיקער בענקשאַפטלעכער נשמה פון דער יידישער פרוי.

די יידישע פרוי, אין די באַגריפן פון יענע צייטן, איז געווען די אָממערסטן באַדויערונגסווערטע און אַמווייניקסטן פאַרשטאַנענע פערזאָן אין אונזער לעבן. ווען דער יידישער מאַן האָט פאַר דעם אָפּזאָגן זיך פון עולם־הזה באַקומען פאַרגיטיקט מיט עולם־הבא, איז די נשמה פון דער פרוי געווען געגליכן צו אַ פאַרוואָרלאָזטן גאָרטן. אָן ליבע, אָן זון־שיין, אָן דעם מינדסטן, וואָס זאָל איר דאָס שווערע, פאַראומערטע לעבן מאַכן לייכטער און שענער. שוין י. ל. גאָרדאָן רופט צו איר אויס אין „קוצו של יוד": „אשה עבריה, מי יודע חייך?" אין „מאָניש" שילדערט פרץ מיט ביטערער איראָניע די לאַגע פון דער יידישער פרוי. מ'האָט זי פאַרקויפט, ווי אַ שקלאַפין. ווי נאָר ס'האָבן אָנגעהויבן צו רייפן איר יוגנט און איר ליבע, האָט מען איר ווי אַ פאַרברעכערין אָפּגעשוירן די האָר און זי צוגעפירט צו דעם מאַן, וועלכן זי האָט נישט געקענט אַפילו — אָבער אויך אין דערדאָזיקער אומנאַטירלעכער אַטמאָספער האָט די שטילע צערטלעכע ליבע אינם האַרץ פון דער יידישער פרוי נישט אויסגעלאָשן איר הייליקן ציטער. ווי אַ בלאַסע שעמעוודיקע רויז האָט זי געעפנט אירע קנאָספּן אויך דאָרטן, ווו פול מיט דערנער איז געווען דער וועג פון איר מזל. ווי שיין, ווי קרענקלעך־שיין, איינגעהילט אין דעם צאַרטן שלייער פון צניעות, איז געווען דידאָזיקע יידישע ליבע.

פּרצעס נאָוועלן באַקומען דעם אָוונטלעכן דופט פון ראָמאַנטיק, ווען זיי שילדערן די נשמה פון דער יידישער פרוי. דווקא דאָס ראָמאַנטישע — וואָס זוכט גאָט אין די ווייטסטע הימלען, וואָס קאָן אים קיינמאָל נישט געפינען און ווערט אויפגעלעזט אין אַן אומבאַקאַנטן גלויבן — דווקא דאָס ראָמאַנטישע פאַרנעמט די איידלסטע טענער פון דער ווייבלעכער נשמה. ליבע — די שטילסטע טאָכטער פון דעם גלויבן, ליבע — דאָס הייליקטום פון דעם וועלט־וויי, ליבע — טיפסטער סוד, די טריי־

מער אין וואַך־זיין, די ראָמאַנטיקער, זענען די גרעסטע דיכטער פון
דער ליבע.

אין „חתונה־געהאַט” ווערט מיט פיינע שטריכן באַשריבן די טראַ־
געדיע פון אַ מיידל, וואָס וועלקט אין איר שיינקייט און ווערט פון אָרי־
מע טאַטע־מאַמע „אויסגעגעבן” פאַר אַן אַלטן, ר' זיינוועלע. איר ליבע
צו דעם קראַנקן רופא־יונג קלינגט־אָפּ אין לייכטע אַקאָרדן. אויך אין
דערדאָזיקער נאָוועלע איז פאַראַן די געזעלשאַפטלעכע קאַמף־טענדענץ
קעגן דעם פאַרשוואַרצן די יאָרן פון יידישע טעכטער און זיי פאַרהאַנד־
לען ווי סחורה אויפן מאַרק; דאָך ווערט דאָ דער געזעלשאַפטלעכער קעמפער
פרץ כמעט אָן אַ זייט געשטעלט פאַר פרצן דעם קינסטלער און לי־
ריקער. אַן אַנדערע זאַך, „אין אַ קעלער־שטוב”, איז אפשר שוואַכער
אין איר האַרמאָנישער גאַנצקייט, נאָר ווי רירנדיק ווערט דאָרט גע־
שילדערט די סצענע, בעת אין דעם שוידערלעכן נעסט פון עלנט
קומט דער מלמד יאָסל אַהיים צו זיין יונגער פרוי. דערהויפּט דאָס
געשפּרעך צווישן זיי ביידע. דער פינאַל איז דורכגענומען מיט טיפי־
שער יידישער עראָטיק.

III

איך וויל מיך נישט לאַנג אָפּשטעלן אויף פּרצעס יוגנט־ווערק. כמעט אַלע זענען זיי צו באַטראַכטן ווי פאַרשידענע פּרוון, ווי פונדאַ־מענט-שטיינער פאַרן שפּעטערדיקן בוי. אַנדערש אָבער קומען זיי אַרויס, ווען מיר קוקן אויף זיי ווי אויף אילוסטראַציעס פאַר פּרצעס פּערזענלעכקייט. דאַן איז דאָס „שטריימל“ אויך זייער וויכטיק. ביי קינסטלערישע מענטשן מוז מען אַרויסגעפינען דאָס פּערזענלעכע אין זייערע שאַפונגען. ווערק זענען נישט קיין צופעליק אָפּגעריסענע עקזיסטענצן. קינסטלערישע ווערק זענען ווי פּערל, אויפגעצויגן אויף אַ שנור. צווייגן פון אַן איין־און־איינציקן שטאַם — פון אַ מענטשלעכן כאַראַקטער. קונסט איז — פּערזענלעכקייט.

פּרץ האָט שטענדיק געהאַט די קראַפט און דעם מוט זיך אָפּצו־שטעלן אויף זיין שטורמישן וועג, זיך אומצוקוקן. דאָס איז די סיבה פון זיינע אָפטע ווידערשפּרוכן. פּרץ האָט פיל געזוכט, אָבער דאָך נישט אין זיין זוכן איז ער אַזוי פיל אויסגעוואַקסן, כדי עפּעס צו גע־פינען.

עס איז אייגנטימלעך: ווען פּרץ ווערט שוין אַן עלטערער מענטש, ער פייערט שוין זאָגאַר אַ יובילעום, דאָס פּובליקום אָנערקענט אים פאַר אַ פאַרטיקע ליטעראַרישע פּערזאָן, — איז פּרץ דער ערשטער, וואָס זעט, אַז ער האָט נאָך אייגנטלעך זייער ווייניק־וואָס געטון. פאַר שריפטשטעלער, קלענערע פּערזענלעכקייטן ווי פּרץ, וואָלט — צוזאַמען מיט די יובילעום־יאָרן — אויך געקומען די צייט פון אָפּרו, און זיי וואָלטן אָנגעהויבן צו שניידן די געזייטע אַרבעט. פּרץ אָבער הייבט־אָן צו זען, ווי ער האָט די גאַנצע צייט געווירקט נישט אין זיין אייגנט־לעכער ליניע. זיין קינסטלערישער „איך“, זיין ווערן האָט נאָך נישט

באקומען קיין געשטאַלט. פּרץ ווערט רויִקער. דער טומל פון השכּלהשן קאַמף ליגט הינטער אים. פּרץ הייבט-אָן צוריקצוגיין צו זיין אייגענער איינזאַמקייט.

אין אַ מעשהלע, „די טויטע האַנט", דערציילט פּרץ פון „אים" און „איר", וואָס שטייגן, „די ליבע טראָגט זיי צו פרייד, צו ליכט, צום געטלעכסטן שמייכל אויף די גאָלדיקסטע פליגל..." „זי" טרעפט זיך יעדעס מאָל מיטן אונטערגיין און האָט דערפאַר מורא. זי וויל בויען אַ פעסטונג אַרום זייער ליבע. דאָס גרויסע געהיימניש — דאָס אונטערגיין — נישט אַריינצולאָזן. „ווי אַ בלאַסער קרענקלעכער שאָטן, — ענטפערט ער, — וועט זיך דאַן אַרומדרייען אונזער ליבע צווישן טויטע, פאַלש וועט קלינגען יעדעס וואָרט. ווער עס וויל לעבן, מוז שטאַרבן".

„— פאַרגיין און אויפערשטיין:

— אַלע שטייען אויף?

— די, וואָס גלויבן."

„ער" זאָגט: שפּעטער, נאָך דעם אונטערגיין, וועט אַ נייער שטראַל פון דער זון וועקן זייער האַרץ צום „אויפערשטיין". אין „איר" גרויסער ליבע צו „אים" גלייבט זי. דאָך נישט אין דעם סוד פון אונטערגאַנג. „זי" „לייגט איר האַנט אויף זיין האַרץ, „ער" זאָל אָן איר וויסן נישט אויפערשטיין".

ווען עס איז געשען און דער נייער שטראַל פון דער זון האָט זיין האַרץ געוועקט, האָט ער אויפאָטעמען נישט געקאָנט. „אַ טויטע האַנט ליגט אויף דעם האַרץ, אויפלעבן קאָן עס נישט..."

„זי" האָט נישט געגלויבט, „זי" איז נישט „אויפערשטאַנען"!

די דאָזיקע דיכטונג איז אייגנטלעך פּרצעס אַ ווידוי. ער פילט, ווי אויף זיין האַרץ ליגט אַ טויטע האַנט. דאָס פּובליקום פּרייזט אים אַלס דיכטער. ער האָט שוין אַפילו געשאַפן אַ געוויסע שול. עס טומלט אַרום אים. פּרץ איז אָבער כּמעט די גאַנצע פינף-און-צוואַנציק יאָר נישט געווען מיט זיך אַליין. אַלע רופן זיין נאָמען, ער אָבער, אין זיין אינער-לעכסטן, ווייסט נישט ווער ער איז. אין דער צייט פון דער גרויסער אַרבעט האָט זיין האַרץ העפטיק געקלאַפּט. ער איינער האָט נאָך דעם אייגענעם פולס נישט פאַרנומען. פּרץ הייבט-אָן צו בענקען צו שטילער התבודדות.

אַ מתבודד און אַן איינזאַמער ראָמאַנטיקער, הייבט פרץ אָן צו־ריקצוגיין צו זיין יוגנט, נישט ווי אַ „יוגנטלעכער", ווי מען האָט אים איבערפלעכלעך פאַרשטאַנען, אַן ערנסטער און מידער בעל־תשובה, מיט דעם שטויב פון פיל וועגן אויף זיינע געווענדער, קערט ער צוריק צו דער „אַלטער היים". ער וויל נאָכאַמאָל זיין לעבן איבערלעבן. איצט שוין פאַר זיך אַליין, אַלס קינסטלער און זוכער.

„כ'וויל צוריק זיין דיין אַמאָליק קינד,
דיין אַמאָליק גלויביק קינד,
דערציי̆ל עפּעס, דערציי̆ל."

און ער זאָגט:

„אין דער שטילער נאַכט,
גיי איך איינער אַליין
אויפן אַלטן מאַרק אַרום.
ניין, נישט אַליין,
עס גייט מיין גאַנץ געשלעכט".

„שאָטנס רירן אים אָן. שאָטנס פון אַלעבן. יידישע ווירקלעכקייט; פאַר פרצן ווערט זי, די יידישע ווירקלעכקייט, דער שאָטן פון אַ הע־כערער, ראָמאַנטישער ווירקלעכקייט. דאָס עבן־בילד פון אַ בענקשאַפט. דאָס יידישע לעבן — געזען פון דעם שטאַנדפּונקט פון זיין יוגנט־פּער־יאָד — פון שטאַנדפּונקט פון פרץ סמאָלענסקין, פון מענדעלע מוכר־ספרים — צי איז עס דען, דאָסדאָזיקע יידישע לעבן, איבערהויפּט ווערט געלעבט צו ווערן? אומנאַטירלעך איז עס, קראַנקהאַפט איז עס. ניין. אונטער דעמהאָזיקן מיסט־הויפן, וואָס הייסט יידיש לעבן, מוזן זיכער ליגן באַהאַלטן טייערע איידל־שטיינער, וונדערלעכע אוצרות.

פרץ וואַגט זיך צוריקצוגיין. אַ מידער, אַן אַנטוישטער. ער זאָגט אַליין: „זיין וועג היטן טרויער־ווידן, שאַרבן־קעפּ וואַלגערן זיך אונטער זיינע טריט". ער וויל צוריקרופן אויסגעלאַכטע טרוימען, מיט שוואַכע הענט צוזאַמענקלעבן די שפּליטער פון צעבראָכענע געטער. פרץ איז אַזוי־אַרום געוואָרן דער ערשטער, וואָס האָט אויפגעהערט דאָס יידי־שע לעבן צו שטעלן צום שאַנד־סלופּ, ווי מענדעלע מוכר־ספרים. ער האָט עס געוואָלט אָנהייבן באַגרייפן.

ער גייט אַליין. קיינער פון זיינע חברים גייט דאָן מיט אים נישט

מיט. זיין וועג איז נישט זיכער, ער צווייפלט, אין זיין יידישן גלויבן נאָגט דער וואָרעם.

אין די פּאָעמען „גיי נישט מיט מיר" און „עס זענען קיין ווונדער געשען" שטעלט זיך פּרץ אַליין פאָר אַלס וואַנדערער, וואָס זיין ציל איז שטרויכלדיק און נישט־קלאָר.

„נעם, — זאָגט ער, — אַלטע פאַרפרוירענע נשמה, אַ פייער־טאָפּ, נעם און גיי פון הויז צו הויז, פון טיר צו טיר, און בעט אַ פונק פייער... מיד בין איך, שטערבלעך מיד".

„קיינער וועט מיר נישט ווינטשן: לעבעדיק צי טויט זאָל דיך גאָט טרייסטן, וואַנדערער! מיט פרישע מאַנדלען זאָל אויפבליען דיין וואַנדער־שטאָק!"

פּרץ קומט „צוריק אין דער אַלטער היים". ער הייבט־אָן צו נישטערן אונטער אירע האַלב־פאַרשיטע חורבות, ער הייבט־אָן צו שרייבן — די פאָלקסטימלעכע געשיכטן.

מיט דידאַקטישע זאַכן הייבט זיך אָן די גייסטרייכסטע עפּאָכע אין פּרצעס ליטעראַרישער טעטיקייט. עס טרעט ענדלעך אַרויס י. ל. פּרץ אין זיין קינסטלערישער געשטאַלט. י. ל. פּרץ — דער טיפּישסטער יידישער ראָמאַנטיקער.

אין דער צייט פון דידאַקטישע ווערק ווערט ער אינערלעך רויִקער. עס דוכט זיך אים, אַז עס איז דאָך אַמאָל זיין שיפל צוגעקומען צו אַ זיכערן ברעג. דער געדאַנק, וועלכן ער האָט זיין גאַנץ לעבן אַרומגעזוכט און וועלכער ליגט נישט קלאָר פונאַנדערגעוואָרפן איבער אַלע זיינע פריערדיקע ביכער, שטייט איצט ענדלעך פאַר אים אין אַ דייטלעכער געשטאַלט. ער קאָן אים איצטער באַנעמען מיט אַלע זיינע קינסטלערישע מעגלעכקייטן. פון פּרציִשן כאַאָס שיילט זיך אויס אַ נאַציאָנאַלער גלויבן, אַ היסטאָרישע ליניע.

דאָס יידישע לעבן אין טרוים אומגעוואַנדלט, — דאָס איז דער וועג, וואָס פּרץ באַטרעט אים. אונזער יידישע ווירקלעכקייט אַלס אַ קאָמפּלעקס לעבנס־חלומות. „שבת־יום-טובדיקע יידן", ווי ער דריקט זיך שפּעטער אויס אין דער „גאָלדענער קייט".

נאָר אין טרוים קאָנען מיר זיך געפינען און זיך רעכטפאַרטיקן. פּרץ איז דער אויסגעשפּראָכנסטער גלותיִסט. זיין גלותיִזם

איז נישט בלויז נאַציאָנאַלע אייגנאַרט, זי איז פיל מער: ווייטערדיקע און העכערע פאָלקס־אַנטוויקלונג. מיר האָבן זיך באַפרייט פון אַ „לאַנד", נישט בלויז דערפאַר, ווייל מיר זענען פון שטאַרקערע אומשטענדן באַזיגט־געוואָרן. מיר האָבן זיך א י נ ע ר ל ע ך באַפרייט פון אַ פאָטערלאַנד. מיר האָבן זיך פאַרגייסטיקט. טרוימען זענען נישט בלויז אַ שיינבאַרעווירקלעכקייט, טרוימען זענען די סטיליזירטע, איידעלערע ווירקלעכקייט, די ווירקלעכקייט אַלס אַבסטראַקציע. פון דעמדאָזיקן שטאַנדפּונקט איז פאַרשטענדלעך פּרצעס קעגנערשאַפט צום ציוניסטישן געדאַנק.

די פאָלקסטימלעכע געשיכטן, זענען נישט בלויז קיין סטיליזאַציע פון פרימיטיווע מיתן. זיי זענען פּרצעס יידישע וו ע ל ט - אָ נ ש ו י ו נ ג. דער נאָמען „פאָלקסטימלעך" איז גאָר אייגנטלעך פאַר זיי נישט צוגעפּאַסט. דאָרט רעדן יידישע אינדיווידועלע פּערזענלעכקייטן, וואָס טראָגן אין זיך דעם כאַראַקטער פון דעם היסטאָרישן ייִהישן וועזן. יידישער נאַציאָנאַלאון ראַסן־באַוווסטזיין. יסודות פון אַ וועלט, וועלכע ער, פּרץ, וויל אויפבויען און אין איר זיך אויסלעבן. טרוימען. די אַלע פּערזאָנען, וואָס קומען דאָרט פאָר, קענען מיר שוין פון זיין פריערדיקן אַפּיקורסישמשכילישן פּעריאָד. זיי זענען אַלע פאַראַן אין זיינע ביכער פון דער יוגנט. דאַן האָט ער זיי אָנגענומען פאַר טרוקענער. אַלטעגלעכער ווירקלעכקייט און ער האָט זיי פאַראַכט. קעגן זיי געקעמפט. איצט אָבער, הייבט ער זיי אָן זעעלישער תּופס צו זיין. פּרצעס יידן דערשיינען ווי סימבאָלן פון גרויסע היסטאָרישע כּוחות.

דאָס יידישע לאַנד און דאָס יידישע מיליע האָט אויפגעהערט צו זיין אַן ערדישע ווירקלעכקייט. עס האָט אַראָפּגעוואָרפן פון זיך די גראָבע גשמיותדיקע קליידער פונם טאָג, עס איז אַן „ערגעץ־לאַנד", אַן אידעאַל, אַ הימל.

עס איז זייער אינטערעסאַנט, אַז דערזעלביקער פּרץ, וואָס אין „מאָניש" שפּעט ער אויס די יידישע ליבע און דאָס לעבנס־ווייטע צניעות פון דער יידישער טאָכטער, שטעלט עס פאָר אַלס קרענקלעך און העסלעך און זאָגט:

„ווייבער האָבן מיר סאַמע צנועות:
ס'וועט קיין ליבע נישט פאַרלאַנגען!
אונזער טאָכטער מאַכט קיין שהיות:

נדן, תנאים, חופה-שטאַנגען!" —

אָט דערזועלביקער פּרץ, אין פּיל, פּיל יאָרן שפּעטער, נאָך אַ מי-פּולן אינערלעכן וואַנדערן, קומט-צוריק אין דער אַלט-נייער היים. ער האָט דערקענט די „אַנדערע" זון, די „געטלעכע" זון. „חורבות" — דאָס איז נאָר דעם שטנס אַ פאַרבלענדעניש. די „חורבות" שיינען פאַר זיינע אויגן ווי ליכטיקע צויבערשלעסער, ווי די היכלות פון גן-עדן. אָנשטאָט די מיאוסע אָפּגעגאָלטע ווייבער זיצט דאָרט שרה-בת-טובים, „אין אַ הויב אַ הויכער, אין אַ טערקישן שאַל, אַ פּנים אַ אַלטס, אָבער אויגן לייכטזעליקע און יונגע". יידישע טעכטער ליבן אַנדערש ווי גויישע מיידלעך, די יידישע ליבע איז אַן אַנדערע. איר צניעות גלייכט צו די שטילע, הייליקע שעהן פון דער מלכה שבת. און ווען דאָס טעכטערל פון דעם אָרימען קוילן-ברענער לייענט אין קלאָרע נעכט קעגן דער לבנהביים פענסטערל אירע „הייליקע ספרים" אויף „עברי-טייטש", צאינה-וראינה, קב-הישר, תחינות פון שרה-בת-טובים און „ס'קומט איר אַמאָל אַ זייער האַרץ-ווייכיקע תחינה אין דער האַנט אַריין, אַ תחינה, וואָס אַ מאַמע זאָגט, ווען זי בעט זיין ליבן נאָמען אַ זיווג פאַר איר קינד, — הייבט דאָס מיידל אָן צו פאַרשטיין וועגן וואָס עס גייט, האַקט זי אָפּ און וויל אַן אַנדערע תחינה נעמען".

IV

מיט דערדאָזיקער נאַציאָנאַל-היסטאָרישער אָנשויונג — וואָס אין די „פאָלקסטימלעכע געשיכטן" האָט פּרץ פּאַר איר געקליבן מאַטעריאַל און מאָטיוון — מאַכט ער אַ טריט ווייטער. ער וויל זי דראַמאַטיזירן אין דער „גאָלדענער קייט". ער פּרוּווט דעם אַבסטראַקטן אידעאַל אַריינצופירן אין אַקציע, אין באַוועגטקייט, אין לעבן. אויף אַ יידישן ראָמאַנטיזם וויל פּרץ בויען דעם גאַנצן אינערלעכן קאָנפליקט פון דער נאַציאָנאַלער יידישער נשמה.

ווי פּאַר יעדן ראָמאַנטיקער, זענען אויך פּאַר פּרצן די מיסטישע טרוימערייען די העכסטע און אַבסאָלוטסטע וואָרהייטן. מיסטעריען זענען זעעלישע אַנונגען. אַנונגען זענען די איין-און-איינציקע שפּראַך פון דעם וועלט-וועזן.

פּרץ נעמט דאָס חסידות אַלס די לעבעדיקסטע — אין איר תּוך עכט גלותיסטישע — אַרט פון יידישן מיסטיציזם. חסידות איז אַ יידישע ראָמאַנטיק און האָט אירע וואָרצלען נישט בלויז אין דער יידישער פילאָזאָפיע ווי, צב"ש, די קבלה — נאָר אין יידישן לעבן. חסידות איז געווען די בענקשאַפט און דער חלום פון אַ יידישער ווירקלעכקייט. אין דערדאָזיקער יונגער און זייער נאַטירלעכער יידישער ראָמאַנטיק וויל פּרץ זען סיי דעם אידעאַל אין סיי די טראַגיק פון דעם יידישן וועלט-דאַזיין.

די „גאָלדענע קייט" איז, אין דראַמאַטישן זין, נישט אינגאַנצן געלונגען. אין דעם בוי פון דעם ערשטן אַקט שטייגט, אמת, דער דראַמאַטישער פּאַטאָס אין זיין ריכטיקן וועג. די דראַמע אָבער אין איר פולער קאָנסטרוקציע ברענגט נישט אַרויס דאָס, וואָס פּרץ האָט געוואָלט געבן: דאָס טיפע, טראַגישע שיקזאַל פון אַ יידיש געשלעכט. פּרצן האָט

אפשר געפעלט די קראַפט אַריינצופירן אַזאַ פּראָבלעמאַטישע טראַגעדיע אין אַ האַנדלונג און זי צו באַלעבן. פּרץ איז אַ מענטש פון גרויסע פּראָבלעמען, אָבער זיינע פּלאַסטישע מעגלעכקייטן, די מעגלעכקייטן צו געבן זיינע געדאַנקען געשטאַלט, האָט ער צו ווייט נישט אַנטוויקלט. אַזוי איז, צב"ש, די פּערזאָן פון ד"ר בערגמאַן — וואָס אין אים איז אייגנטלעך קאָנצענטרירט דער גאַנצער שיקזאַל־שטאָף פון דער זאַך: דאָס, וואָס לויערט הינטער דער גאָלדענער קייט, — גאַנץ שוואַך אָנגעצייכנט, דאָסזעלבע אויך לאה. דער גאַנצער דראַמאַטישער מאָמענט. עס זענען אָבער פאַראַן אין זייער גרויסער פּערזענלעכער וואָגיקייט די אידעעלע פיגורן: די טרעגער פון דער גאָלדענער קייט. די, וואָס טראָגן אויף זייערע אַקסלען דאָס שווערקייט פון יידישע געשיכטלעכע אויפגאַבן, די אומגעהייערע אינערלעכע פאַראַנטוואָרטלעכקייט.

שלמה איז דאָ דער רייפסטער ראָמאַנטישער טיפּ. אין אים פאַרקער־פּערט זיך דער גרונט־געדאַנק פון דער דראַמע. פון אים פּליסט זי אַרויס, צו אים שטרעבט זי צוריק. שלמה איז דער פאַרטרעטער פון פּרצעס אידעאַל, נעמלעך: די היסטאָרישע „שבת־אויפפאַסונג" אין נאַ־ציאָנאַלן יידישן וועזן. מיר „אַקערן" נישט, מיר „זייען" נישט: מיר זענען נישט קיין קאָנקרעטע ווירקלעכקייט. מיר זענען „שבת־יום־טוב־דיקע יידן". דאָס איז אונזער אינהאַלט און אַזוי מוזן מיר זיך אויסלעבן. פּרץ מאַכט אויס שלמהן אַ טראַגישע פיגור, אַ געבונדענעם משיח, וואָס טראָגט אין זיך דאָס וואָרט פון דער גרויסער אויסלייזונג. ער פּרייזט דעם אייביקן שבת. ער פאַרמאָגט דעם ווילן און די קראַפט פון גלויבן. די לעבעדיקע אַלטעגלעכקייט אָבער איז נאָך צו דעמדאָזיקן שבתדיקן געדאַנק נישט דערוואַקסן. עס פעלט איר דאָס באַוווסטזיין דערפון. די טראַגעדיע פון דעם שבת איז די וואָך. שלמהס אייביקע טרוימען, דער הייליקער שיר־השירים־טאַנץ, ווערט אַ קרבן פון דער וואָכעדיקייט. דאָס הבדלה־פייער פאַרשוואַכט די הייליקע דעמערונג אין די טונקעלע שלייערס פון דער מלכה שבת. די וועלט־ווירקלעכקייט, די ערד, פאַר־דרענגט דעם הימל. שלמה פאַלט.

„שבת זאָל זיין!

שבת!

נישט געאַקערט, נישט געזייט,

Public Library, Newark

נישט געבויט און נישט פאַרריכט...
נישט געהאַנדלט, נישט געוואַנדלט."

און ווייטער:

„און אַזוי,
אַזוי גייען מיר,
זינגענדיק און טאַנצנדיק...
מיר גרויסע, גרויסע יידן,
שבת־יום־טובדיקע יידן."

פרץ וויל פאַרקערפערן אין אַ דראַמאַטישער האַנדלונג די נאַציאָ־נאַל־היסטאָרישע אידעאָלאָגיע פון די „פאָלקסטימלעכע געשיכטן". אין די „פאָלקסטימלעכע געשיכטן" איז געטראַכט־געוואָרן דער געדאַנק; אין דער „גאָלדענער קייט" זאָל זיך אָנהייבן צו באַוועגן די טאַט. אין גע־לונגענער שטימונג גיט פרץ איבער, ווי ווייט די יידישע גרזעלשאַפטלע־כע ווירקלעכקייט איז נאָך נישט רייף פאַר אַזאַ דערהויבענער מיסיע. די גאַנצע אומגעבונג שלמהס ווערט דערציטערט פאַרן „אייביקן שבת". „חרוב זאָל ווערן די וועלט?" – פרעגט די יידישע עדה. „חרוב זאָל ווערן די וועלט!" – ענטפערט איר שלמה אין הייליקן עקסטאַז.

„מיר שבתדיקע,
מיר יום-טובדיקע,
מיר נשמה-יתרהדיקע יידן
וועלן איבער אירע חורבות גיין."

די ליניע פון דער יידישער נאַציאָנאַלער צוקונפט. די העכערע אידעאַליסטישע ווערטן. דערמיט, און נאָר דערמיט, ווערט באַרעכטיקט די אומנאָרמאַלע לאַגע פון דער יידישער נאַציע. דער אידעאַליסטישער שלמה איז דער באמת נאַציאָנאַלער ייד. ער באַגרייפט זיין היסטאָרישן חוב. „צווישן טויט און לעבן וואַקלט זיך אַ וועלט" –

„איין עולם...
דער עולם...
צוויי, דריי, פיר...
פינף מנינים קליינע, קליינע יידעלעך...

איינגעשרומפּענע,
קליינע יידעלעך...
און יעדעס וויל פאַר זיך,
פאַר זיך,
פאַר אייגן ווייב און קינד,
פאַר אייגן הויז־געזינד."

דעם פּראָזאַישן מיליע פעלן פליגל מיטצופליען.

ווען זיי קומען, אָט־אָ די ראָמאַנטישע פליגל? פּרץ גלויבט, אַז יאָ, זיי וועלן קומען. דעריבער איז ער יידיש־נאַציאָנאַל. יונתן וועט קומען. דעם זיידנס שבתדיק אייניקל. שלמה איז געווען דער אידעאַל, יונתן וועט זיין די טאַט. אמת, דער טאַט פעלט די פּייערלעכקייט פון דעם אידעאַל; די אָפּפערוויליקייט. דערפאַר איז זי אָבער ניכטערער. האָט מער ממשות. שלמה האָט מיט דער ווירקלעכקייט נישט געוואָלט קיין שום קאָמפּראָמיסן. ער האָט זי מבטל־געווען. דעריבער האָט ער (צו פּרצעס גרעסטן באַדויערן) געמוזט אונטערגיין. יונתן אָבער האָט זי איבערגעלעבט, די ווירקלעכקייט, אין דער פּערזאָן פון לאהן. ער האָט דערקענט אירע שוואַכקייטן און איר מוטלאָזיקייט. ד״ר בערגמאַן איז די וועלט, ער איז — דאָס נאַקעטע שיקזאַל. ער באַדראָט דאָס הייליקע טרוימען מיט זיין ראַציאָנעלער קלאָרקייט. ער איז שניי. אָבער — „שניי איז קאַלט, שניי איז טויט". „קלאָרקייט" איז אַ מעסער, וואָס קוילעט די טויבן פון גלויבן.

„גלויב! גלויב! גלויב!"

אַזוי פליסטערן זיי, די ווייסע טויבן, פון אונטערן כסא־הכבוד. און פאַלן זיי אויפן קאַלטן חלף און פאַרגייען זיי אין בלוט, פליסטערן זיי ווייטער: „גלויב, גלויב!"

פּרצעס אידעאַל, דער ראָמאַנטישער אידעאַל.

* *
*

ווען זיי אָבער, די וונדער, געשען? —

„נעם, וואַנדערער, דעם וואַנדער־שטאָק און גיי...
מיט אַ נייער וונד אין האַרץ, מיט אַ נייעם וויי"...

V

אין די פריערדיקע קאַפּיטלען האָב איך מיך באַמיט צו געבן אַ געוויסע פּאָזיטיווע פאָרשטעלונג פון פּרצעס אָנשוויונגען וועגן יידן און יידישקייט. פּרץ איז אָבער געווען פון די נאַטורן, וואָס טראָגן אין זיך די ברכה און די שטראָף פון אייביקער אומרויִקייט. אומרויִקייט איז געווען די שטאַרקסטע אייגנשאַפט אין פּרצעס פּערזענלעכקייט.

ווען פּרץ האָט זיך נישט געקאָנט באַגניגענען מיט זיין ליטעראַרישן שאַפן פון דער — אַזוי-צו-זאָגן — פאַר-יובילעום-עפּאָכע, און פון דעם מיטלמעסיקן נאָוועלן-שרייבער איז געוואָרן אַ גרויסער פּראָבלעמען-מענטש, — וויפל נאָך האָט ער געמוזט ווערן צעריסענער, ווען ער האָט זיך געשטעלט אויג-אויף-אויג מיט די געשטאַלטן פון זיינע הימל-זעונגען! אויב ער האָט דאָרט געהאָפט צו געפינען זעלישע רו, — ווי טיף האָט ער זיך אַנטוישט! פּרצעס שיפל האָט געזוכט אַ שטילן ברעג — און עס האָט פּלוצלינג פאַרבלאָנדזשעט אין די, אין אייביקן שטורעם געהילטע וואַסערן פון אַן אוקינוס.

ווי ווייט האָבן זיך טועה-געווען די, וואָס האָבן געוואָלט געפינען אין די יידישע פּראָבלעמען אַ באַשטימטן אויסגאַנג. דער וועג, וואָס פירט-אַרויס פון זייער געהיימנישפולן לאַבירינט — איז נאָך נישט באַטרעטן-געוואָרן. ווערט אפשר אויך קיינמאָל נישט באַטרעטן-ווערן. עס היט אים משיח, אָדער עס היט אים גאָר אפשר דער שטן.

אויך פּרצן האָט געמוזט טרעפן דערדאָזיקער טראַגישער יידישער גורל. אמת, זיין מקום-מקלט איז געווען די ראָמאַנטיק, אָבער אויך דער, וואָס זוכט דאָס יידישע רעטעניש אין הימל, אין די טרוימען, ווערט פון דאָרטן פאַרשטויסן.

טרוימען. צי קאָן מען שוין זאָגן, אַז אין זיי ווערט מען פאַרוויגן

דעם גרויסן יידישן ספק? אַז דער פרעג-צייכן, וואָס הענגט איבערן
יידישן לעבן, ווי אַן אייביקע קללה, וועט זיך אויסלעשן אין זייער
געפל? צי איז ווירקלעך אין אונזער דאָזיין פאַראַן דידאָזיקע היסטאָרי-
שע אויפגאַבע, וואָס מאַכט אונז פאַר אויסדערוויילטע, אָדער פשוט, מיר
זענען שוין שוואַך אַפילו צום אונטערגיין, דעריבער נאַרקאָטיזירן מיר
זיך מיט הוילע, קלינגענדיקע פראַזן. מיר פאַררויכערן די לעערע און אינ-
האַלטסלאָזע יידישע עקזיסטענץ מיט פאַרשיכורנדיקן אָפּיום. אינדער-
אמתן איז עס גאָרנישט, דאָס גאַנצע יידישע לעבן.

טרוימען? אַפילו טרוימען זענען דאָך שיין נאָר דאַן, ווען אונטער
זיי שפּרייטן זיך די פרישע, גרינע טאָלן פון אַ ווירקלעכקייט. אונטער
אונזערע יידישע חלומות אָבער, צי וואַכט זי דען, דידאָזיקע ווירקלעכע
מעגלעכקייט? די האָפנונג? צי איז עס פון אונזער זייט נישט מער,
ווי קראַנקע פאַנטאַזיע? ווער וואַרט אונז, יידן, דאָרט אָפּ, ביים ציל
פון אונזער וואַנדערן? די גרויסע אידעע? אָדער אונזער מיפולער יידי-
שער וועג — צי פאַרלירט ער זיך אפשר אין אַ טראַגי-קאָמישן זעלבסט-
אָפּנאַרן? אונזערע יידישע נאַציאָנאַלע ווערטן — זענען זיי פוסט, אָן
צוקונפט?

פעסימיסטישע גריבלערייען, אומגליקלעכע און הילפלאָזע. ווי בי-
טער עסן זיי אין דער נשמה פון יעטוועדן יידישן אינטעליגענט! וויפיל
העגט זענען שוין אָפּגעשטאַנען אין מיטן דער פרוכטבאַרסטער אַרבעט,
פשוט ווייל עס האָט געפעלט דער באָדן, וואָס זאָל זיכערן דעם מאָרגן.
דער קעמפער אין דער יידישער געזעלשאַפט האָט נישט איין מאָל גע-
פילט די אומעטיקע איינזאַמקייט פון אומנוצלעכן מאָהיקאַנער. צי וועט
עמיץ שניידן אונזער פאַרזייטע מי?...

פרץ בלייבט שטיין אינמיטן דעם יובל-געזאַנג פאַר יידן און
יידישקייט אין אַ פלוצלינגדיקער אָנמאַכט. די מאַיעסטעטישע געשטאַלטן-
בילדער, וואָס באַגייסטערן אים, צערינען מיט איין מאָל פאַר זיינע
אויגן. פרץ פילט זיך שוואַך. נישט זיכער. מידער יאוש. אַ פויגל, וואָס
מ׳האָט אים אין העכסטן פלי די פליגל אונטערגעשאָסן. עס דוכט זיך
פרצן, אַז זיין הייליקער גלויבן איז אינדעראמתן נאָר אַ פאַרכישופט
אָפּלייקענען. קינסטלערישע פרייד? קברים-פריילינג. ער האָט עס נאָר

נישט באַמערקט. ווי אַ נאַרישער קאָמעדיאַנט האָט ער געטאַנצט דעם סקעלעטן-טאַנץ פון מתים.

„העלדן אָן קעפּ
ווילן שעפּן אויס דאָס מעער —
און געלעכערט איז די שעפּ!"

פּרץ לאַכט אַליין אויס די „גרויסע" אידעאַלן. ער האָט געמיינט: ס'איז אַ פעסטונג פאַר אַ יידישן לעבנס-גייסט. ס'איז נאָר אַן אָרים קאָרטן-הייזל. צי קאָן עס דען באַשיצן די פון שטורעם פאַרבלאָנדזשע-טע וועלט-וואָגלער? שוין אין דעם, ווי פּרץ ענדיקט די „גאָלדענע קייט", בעת יונתן ווערט „רבי", פילט זיך דידאַקטיקע אינערלעכע אָנמאַכט. אינם פייערלעכן פּרצישן ליד האָט זיך אַריינגעגנבעט אַ באַהאַלטענער צווייפל. שפּעטער, „אין פּאָליש אויף דער קייט", שטייגט עס ביז צו אַ קראַנ-קער, פיינלעכער עראָטיק. פּרץ וויל עס פאַרהוילן פאַר זיך אַליין. פּרץ ציטערט אין פורכט פאַר דעם גרויזאַמען מעפיסטאָ-שאָטן, וואָס איז פּלוצלינג אַרויסגעוואַקסן פון זיינע „טאַנצנדיקע", „זיכערע" טריט.

„צווישן טויט און לעבן וואַקלט זיך אַ וועלט". איז עס פּרץ אַליין? איז עס דאָס גאַנצע יידישע פאָלק? ער ווייסט נישט. פּרץ האָט מורא אַרויסצוזאָגן דאָס שרעקלעכע וואָרט: ניין, איך גלויב נישט מער אין יידישן לעבן. צי קאָן ער פאַרלייקענען? אונטער דעם נישט-גלויבן, — איז פאַראַן אַ פינסטערער, האָפענונגסלאָזער אָפּגרונט, — דאָס גאָרנישט. דער אונטערגאַנג? ניין, אַן אייביק אָפּשטאַרבן, וואָס קאָן קיינמאָל נישט געפינען דעם טויט.

פּרץ וואַרפט זיך אין קראַמפּן פאַר דעם שאָטן פון זיין אייגענעם געדאַנק.

אין דערדאָזיקער שטימונג, אין וואַנזיניקער פאַרבלאָנדזשעטקייט הייבט פּרץ אָן צו שאַפן זיין לעצט און גרעסט ווערק: „ביינאַכט אויפן אַלטן מאַרק".

„ביינאַכט אויפן אַלטן מאַרק". וויפל מוז מען האָבן געליטן, גע-ליטן און רעזיגנירט, כדי צו קאָנען אויפשרייבן אַזאַ שוידערלעך בוך!

געוויס קאָן מען עס — ווי כמעט אַלע פּרצעס זאַכן — פאָרוואַרפן דעם חסרון פון ליטעראַרישער אומפּולקאָמענקייט. פּרץ האָט דעם שטאָף

ניִשט איִנגאַנצן באַהערשט. דאָס ווערק האָט אויך פעלערן איִן דער סצעניִשער טעכניִק. אָבער ניִשט איִן דער סצעניִשער טעכניִק ליִגן די ווערטפולע אייגנשאַפטן פון אָט דעם בוך. עס איִז אַ פּערזענלעך, בלויז אַ פערזענלעך בוך.

דאָ זעען מיר איִם, פּרצן, איִן זיין אומרו-עלעמענט. ער ווערט פאַרצערט איִן דעם פלאַם פון זיין אייגענעם לעבן, פון זיין אייגענעם גלויבן. פרץ האָט זיך געוואָלט באַהאַלטן הינטער זיינע אַלע איבעריקע זאַכן, דאָ אָבער וויל ער געבן זיין עבן-בילד; זיך אַליין, פרצן, איִן אַלע פאַזן פון זיין אַנטוויקלונג. ער וויל פון זיך אַראָפּרייסן די אייגענע מאַסקע און אַרויסשטעלן זיין געזיכט, ווי עס זאָל ניִשט אויסזען. איִן „ביינאַכט אויפן אַלטן מאַרק" איִז פרץ די הויפּט-פּערזאָן. הגם ער האָט ניִשט באַוויזן זי צו קאָנסטרויִרן איִן איין גאַנצער פיִגור. ער צע-ברעקלט זיך איִן דער דראַמע איִן עטלעכע מיטשפּילער: איִן „בדחן", איִן „וואַנדערער" און איִן „דיכטער". טענערווייז — אויך איִן דער גע-שטאַלט פון „נתן-שיכּור".

פרץ, וואָס האָט כמעט אַלע מעגלעכקייטן איבערגעפּרוווט איִן יידישן לעבן, שטעלט זיך דאָסדאָזיקע לעבן צום סוף פאָר ווי אַן „אַלטער מאַרק". די שול-גאַס איִז אַ חורבה, אירע פענסטער — מיט ברעטער פאַרשלאָגן. פון הינטער-גאַסן איבער די הייזער הויבט זיך אַפער אַ טורעם פון אַ קלויסטער. — אַן אַנדרוגינוס, אַן אומגעהויער, דער סימבאָל פון יידישן ספינקס, — ער איִז, אייגנטלעך, דער אמתער באַהערשער פון דעם מאַרק.

דער אַנדרוגינוס איִז דאָס גרויסע רעטעניש פאַר דעם מידן וואַנ-דערער. ווער עס קומט-אַריין און ווערט געפאַנגען איִן צוויבער-קרייז פון דעם אַנדרוגינוס, איִז פאַרלוירן אויף אייביק, ווי איטלעכער, וואָס צעשלאָגט זיך דעם קאָפּ ביי אַ וועלט-מיסטעריום. טיילמאָל ביינאַכט צעלאַכט זיך דער אַנדרוגינוס; די פייערן, וואָס שטיקן זיך איִן איִם, הייבן-אָן אויפצושיינען. דאַן באַקומט ערשט דער מאַרק זיין טראַגישע געשטאַלט. נאָר איִן דער באַלויכטונג פונם אַנדרוגינוס קאָן דאָס יידי-שע וועלט-שוישפּיל געזען-ווערן איִן זיין אינערלעכער ווירקלעכקייט.

ווער איִז ער?

„ אַן ער צי אַ זי?

— צוזאַמען...״

דער בדחן — ער האָט די ערשטע ראָלע אין דעם שוישפּיל. טי־פּע און איראָנישע פּערזענלעכקייט. ער האָט געהאַט הינטער זיך אַ פאַרשידנאַרטיקע און „טאַנצנדיקע״ פאַרגאַנגענהייט. איצטער איז ער פאַרצויבערט פונם אַנדרוגינוס. דער בדחן וואַכט הינטער דער חורבה. נאָר ער איינער מאַכט דעם אָנשטעל, ווי ער וואָלט געוווּסט דאָס שרעק־לעכע געהיימניש פון דעם אומגעהויערן ספינקס. דער בדחן קען רעדן מיטן אַנדרוגינוס. מיט דעם וועכטער־פייפל אים וועקן צו טאָטן.

מים פאַרביטערטן יאוש שלענדערט זיך דער מיזאַנטראָפּישער בדחן אַרום אויפן אַלטן מאַרק. פרעמד צו אַלע און פרעמד פאַר אַלע. אָבער אין דעם גרויסן פּעסימיזם זיינעם ליגט דער היי־ליקער טרוים פון תחית־המתים.

— וועלן אפשר די טויטע דערוואַכן? וועלן זיך עפענען קברים?

עס איז נאַכט. (ווי אין אַלע מיסטעריומס איז אויך דאָ די נאַכט דער זעעלישער אויסדרוק פון אַ ווירקלעכקייט). דער „ערדישער״ טאָג פאַרשווינדט אַראָפּ פון דעם מאַרק. די קרעמער פאַרמאַכן די קלייטן, די „שרעקיקע״ שול פאַרציט זיך מיט נעפּל. דער גאַנצער ערשטער אַקט איז געווידמעט דעם „ווערן נאַכט״ — דאָן ערשט, אין דער נאַכט, הייבט דער בדחן אָן אַרומצוגיין מיט זיין „רויטער פּאַטשיי־לע״ איבער דעם „אויסגעשטאָרבענעם״ יידישן לעבן. ביים קוואַל פון איר וועזן, אין דער מיסטישער יידישער נאַכט, קאָן ער אויפשטעלן דאָס טראַגישע שפּיל פון דער יידישער עקזיסטענץ:

„אויפגעפּראַלט מיט אַ פייף
די שאָטן־טיר.
(אויסרופנדיק אין דער לופט אַריין)
קומט, ליבע געסט.
און אַלע, וואָס גלויבן פעסט
אָן זיך, אָן לעבן, —
פון טרוים,
שוים
און נעפּל צוזאַמענגעוועבט געזינדל,

— זיין ליבן נאָמענס הייליקער שווינדל!

אייך פאַרבעטן מיר
אויף אַ נאַכט־שפּאַציר —
קומט געפלויגן, קומט געפלויגן!

(צום אַנדרוגינוס:)
...דו, וואָס זעטיקסט זיך אַליין,
ביזט אין זיך אַליין אַ וועלט —
באַלויכט דאָס פעלד!
גיס אַרום דיין צויבער־פּראַכט!
(מיט אויסגעלאַסענער פרייד:)
ס'איז אונזער נאַכט! ס'איז אונזער נאַכט!

זיי קומען, די שאָטנדיקע. לעבנס אָן גלויבן, אָן וועלכן עס איז רעאַלן באָדן. קראַנקע טרוימער. אידעאַליסטן, וואָס וועלן קיינמאָל נישט עפּעס פאַרווירקלעכן, פאַרמשפּטע צום גאָרנישט. מעבר־יבוקניקעס. אַ בלינדע געפירט פון אַ לאָמען „זעט" דעם נייעם מענטש. דער געהאַנ־גענער „זעט" „אים" כלומרשט די אָרעמס צעשפּרייטן. אַ געקעפּטער וויל דערפּאַר גוטזאָגן מיט זיין... „קאָפּ".

פּרץ פירט־אַדורך (אין דעם צווייטן אַקט) דאָס גאַנצע טרויעריקע אומבאַהאָלפנקייט פון יידישן לעבן, אַלע יידישע פּאַרטייען און שטרע־מונגען זענען דאָרט פאַרטרעטן, אַלע שטאַנדפּונקטן און פּראָגראַמען. זיי שווימען-אַדורך פאַר די אויגן פונם בדחן, וואָס זיצט צופוסנס דעם אַנדרוגינוס, ווי מטושטשע אילוזיאָן-בילדער. נאַקעטע, אומבאַהאָל־פענע נשמות צווישן ערד און הימל. ווער נעמט דאָס אַלצדינג פאַר ערנסט? אויך די „קדושים", די הייליקע יידישע מאַרטירער, וואָס צייכענען מיט בלוט דעם וועג, ווי קאָמיש טרעטן זיי מיט די ווונדן אין זייער פלייש. יאָ, „וואָס דאָס האָט איבערגעליטן, אָבער—וואָס באַשטריטן?"

דער בדחן שפּעט נישט אָפּ מיט זיין „וואָרט", וואָס ער האָט פאַר אַלע, וואָס דערשיינען. ער איז נישט קיין ציניקער. טיפער ווייטיק, גרויסער מיטלייד. ער גלויבט אין יידישן גאָט. צי קאָן ער דען

דער יידישער גאָט, אדומען באַצאָלן ? צי קאָן ער, דער יידישער גאָט, אָפּגעבן דין־וחשבון און אַן ענטפער אויף דעם אומגעהייערן בלוטיקן געהיימניש פון יידישער ווירקלעכקייט, ווען — „גאָט איז — באַנקראָט" ?

וואָס בלייבט נאָך דאַן איבער פאַר פרצן ?

פרץ קאָן אויך נישט זיין דער גאָט־באַקלאָגער, דער גאָט־באַגראָ־בער. ער קאָן נישט זאָגן : „גאָט איז געשטאָרבן", ווי עס האָט יענער אַלטער געענטפערט זאַראַטוסטראַן. וואָרים, צי לעבט נישט אַמאָל אונ־טער דעם ציינישן און שגעונדיקן פאַרלייקענען — אַ הייליקע, אַן אייבי־קע האָפנונג ? צי פאַרשטעלט ער זיך נישט, דער יידישער גאָט, אין זיין גרעסטער מאַיעסטעט הינטער די רויטע געוועינדער פונם שטן ?

„אָבער ער, וואָס האָט געמיינט ?
ער, וואָס האָט צום טויט געקוועלט
און לאָזט אייך שערן, ווי אַ שאָף ?
און שיצט דעם הונט, דעם וואָלף, דעם בער, —
פון זיין לאַם, וואָס וויל ער מער ?
איז עס ראַכע ? איז עס שטראָף ?
און לאָזט אייך אָן אַ וואָרט, אַ צייכן,
ס'קוקט אַ הימל שטאָלן־קאַלט, —
אָדער שוואַך און קורץ זיין האַנט,
קאָן דעם שונא נישט דערגרייכן,
און פאַרוואָלקנט זיך פאַר שאַנד ?"

פרץ שטייט אַ צעבראָכענער, אַ נידערגעשלאָגענער ווי אַן איוב, פאַר אַן אומבאַקאַנטער מאַכט. אויף די לעפצן אַ ביטערע קללה, און אין האַרץ — שטאַרקער און הימלישער גלויבן.

„און גאָט
ענטפערט איובן פון שטורעם:
וואָרעם,
וואָס האָט זיך אונטערגעגאַרטלט די לענדן
זיך צו מיר צו ווענדן,
מיך צו פרעגן

אויף מיינע פארבארגענע וועגן,
וואס וויל מיינע צייכן לעזן..."

אין דריטן אקט שטייגערט דאס פראבלעם צו וויטערע געשיכט־לעכע מיסטעריען. עס איז אינטערעסאנט: דאס יידישע „בית־עולם" ווערט נישט גראד אויפגעשטעלט דורכן בדחן. עס איז מער א פראפע־טישע וויזיע, „צופעליק" ארויסגערופן פון דעם „עמיצן". דער „עמי־צער" איז דאס אומגעהייערסטע עלעמענט אין דער וועלט — די זינד זי ווייסט נישט, ווער זי איז, זי ווייסט נאר, וואס זי וויל. ביי פרצן, ווי אין פארסיפאל, ווארטן די גרעסטע וועלט־רעטענישן, אז דאס „נישט־וויסן" זאל אויף זיי געבן ענטפער. אין „פארסיפאל" איז עס די אבסאלוטע אומשולד. ביי פרצן איז עס די זינד. שוין אין „פאליש אויף דער קייט" זאגט פרץ ארויס דעמדאזיקן געדאנק: דער זינדער איז דער גרעס־טער נישט־זינדער. צוויי ביימער זענען פאר דעם באוווסטזיניקן מענטש פארהוילן, — דער פון דער זינד און דער פון דעם וויסן. בלינד און הפקר זיך ארייננווארפן אין די אפגרונטן פון דער וועלט, — ווי קינדיש אומשולדיק איז עס! דעם זינדער אנטפלעקט זיך אלצדינג, און ער קאן באפעלן, „נאר דער אומבאקאנטער אפגרונט ציט, נאר אין זיין פארבארגענער שויס פלאמט די מיסטישע רויז" —

„שווייג, דאס מינדסטע וויסן לעמט!" — זאגט דער „עמיצער" אין זיין אומרויקייט. דער זינדיקער „עמיצער" געפינט זיך אין זיין פארלוירן־ווערן. פרץ וויל אין א ווילדן און גרענעצלאזן עקסטאז אויפ־זוכן דעם יידישן גאט. עס איז שוין נישט מער, ווי אין דער „גאלדע־נער קייט", רעליגיעזע און פאעטישע פייערלעכקייט. דער פארטראגענער צווישן שטורעם און נאכט, אן וועג און שטעג, וויל אים פון דארט ארויסרופן, פון דעם שטורעם און פון דער נאכט. שוין נישט מיט דער־דאזיקער ליידנשאפט, ווי „אין פאליש אויף דער קייט". אין דער קראנ־קער און זינלאזער פארשיכורטקייט נאגן מידקייט און צווייפל. „עמי־צער" אנטלויפט פאר זיינע אייגענע ה!-דער „אנטזעצט"! די מתים אין סובות און טליתים, וואס וועקן זיך אין שווארצע פינסטערע שעהן דורך דעם ווילן פון אן אומגעהויער און דורך דעם „נישט־וויסן" פון א זינ־דיקן, — צי קאן פון זיי קומען משיח?

„משיח וועט וועקן בייטאָג.
צינד איז נאַכט. שטאָק נאַכט.
עמיץ האָט אַ שוואַרצע קונץ געמאַכט!...
עס הערט זיך קיין צייכן פון ווייטן,
קיינער קומט נישט צו רייטן — — — — — —
— — — — — — — — — — — — — — —
נישט פון אָרט,
נישט גאָטס וואָרט—
נישט זיין צייכן!"

אַזוי זאָגט פּרץ צו זיין אייגענעם גלויבן. דער בדחן, דער פּרוּ-ווער, דער דענקער, דער פאַרביטערטסטער אינם יידישן לעבן, ער רופט צו דעם גרויסן געהיימניש, דעם אַנדרוגינוס, דעם ספינקס פון אונזער עקזיסטענץ:

„פאַרשפּרייט פון עק צו עק
דעם צויבער-רינג,
ווי אַ פלעק
פון שווינדזוכט אויף דער שאַנד.
...עי, מתים, לעבט!"

מתים. קיין אַנדערן נאָמען פאַרמאָגט נישט פּרץ פאַר דעם חלום, וואָס ער האָט אויסגעטרוימט. זיינע יידן ווערן ווי שקלאַפן געטריבן פון אַן אומבאַקאַנטער מאַכט, פון אַ בלוטיקן און גרויזאַמען שפּאַס, זיי ווערן געשמיסן מיט די ריטער פון עמיצנס צאָרן, וואָס פּייניקט זיי, נישט צו וויסן פאַרוואָס.

צי זענען דאָס די יידן, די אויסדערוויילטע, די שבת-ברענגער און וועלט-באַפרייער? די יידישע נאַציע, — אָ, איר טראַגעדיע איז אַ גרויסע האָפנונג, וועלכע איז אָפּגענאַרט, אַ דערהויבן און קלינגענדיק וואָרט, וואָס איז הויל און פּוסט, — די יידישע נאַציע, — זי טראָגט די פאָן פון אַ געשיכטע, וואָס שפּעט זי אויס הינטער איר רוקן. „העלדן" און „וועלט-באַצווינגער", „זונען און שטערן", וואָס ווערן „פּאַרלאַשן, ווי ליכטלעך מי'גראָשן"...

די מתים פּילן-אָן מיט אַ ביינערדיק קלאַפּן דעם אַלטן מאַרק

דער פּאַרנעם פון זייער אידעאַל איז „מעכטיק", זיי ווילן באַקעמפן דעם טויט. דאָס אויסגעטריקנטע קברים־פעלד באַיונגען מיט אַ גרינעם אייביקן פרילינג. שוין דער גאַנצער פּאַטאָס פון דערדאָזיקער אידעאַלאָגישער אונטערנעמונג איז פאַרמשפּט צום אויסגיין. אינערלעך פעלט דער ווירק־לעכער גלויבן, פעלט דער אינהאַלט, וואָס זאָל עס באַפרוכפּערן. דער בדחן אַליין, וואָס פירט־אָן מיט דעמדאָזיקן „פייערלעכן" קאַמף און העצט־אונטער די מתים מיט דעם צוזאָג, אַז דאָס לעבן „שיקט זיי נייע פלאַמען", ווייסט, אַז דאָס איז בלויז מתים־קראַפט און מתים־ווילן, ווייל „ווי לאַנג לעבן טויטע?" דאָך אָבער פאַרמאַכט ער די אויגן פאַר דער ביטערער וואָרהייט. ער וויל זיך גופא פאַרלירן אין דעם אַלגעמיינעם טומל, זיין ספק פאַרלייקענען. אפשר דערשעצט ער זיי נישט ריכטיק, און פון דעמדאָזיקן עקסטאַטישן פאַרלאַנג קאָן זיך אַרויסרייסן די פאַר־באַהאַלטענע טאַט?

„טאַנצן, טאַנצן! פלאַמט כאָטש איין מאָל אויף אינגאַנצן!" — אַזוי שרייען זיי זיך צו. דער מאַרק הייבט־אָן צו ווירבלען אין אַ משו־געגעם עקסטאַטישן טאַנץ. מתים טאַנצן. עס גייט אַ ווילדע אָרגיע. אַ מתים־אָרגיע. די באַגייסטערונג פאַרן „לעבן" און פאַרן „קאַמף" איז גע־וואַלטיק. פּרצן איז וואונדערלעך געלונגען צו שילדערן, ווי טיף אין אָט די „יוגנט־הימנען" עסן קברים־ווערעם. עס איז קינסטלעכער טעמפּעראַ־מענט. געמאַכטע לעבנס־לוסט. די מתים ווייסן גאַנץ גוט, אַז ווי נאָר די נאַכט וועט בלייכן און דער מאָרגן־שטערן וועט אויפדעקן די באַ־שאָטנטע ווירקלעכקייט, וועט פון דעם אַלעם ווערן הוילער רויך, ווייל ער, זייער טרוים, וואַקסט אויף איר נישט, אין דער רעאַלער ווירקלעכ־קייט, אינם לעבן. האַרט ביי זייערע טריט געפינען זיך נאָך די אָפענע קברים — זייער שיקזאַל, וועלכעס וועט זיי רופן. זיי וועלן מוזן בויגן די קעפּ און האָרכן. דאָס שיקזאַל, דאָס שרעקלעכע שיקזאַל, עס האַלט זיינע פיס אויף זייער נאַקן און זיי זענען זיינע אייביק־געמאַטערטע קנעכט. דאָך אָבער —

„שפּילט, קלעזמער, שפּילט!
לאָמיר טאַנצן, לאָמיר טאַנצן!
לאָמיר זיך דרייען, דרייען!
זאָלן די סובות ווייען, ווייען

זאָלן די אויגן גלאַנצן — —
כ׳וועט געפּרווּירן, כ׳וועט געפּרווּירן...״

און אַז די קלעזמער, די, וואָס זאָלן דעמדאָזיקן טאַנץ צושפּילן, זאָגן:

„זאָל אונז עמיץ דיריגירן!“ —

ענטפערט דער אָפּגעשטאַנענסטער פון אַלע, נתן שיכור (ער זוכט אין דערדאָזיקער, פון פאַרפלוכטע האָפנונגען צעריסענער וועלט, דעם הייליקן סוד פון דער ליבע, ער האָט דעריבער זיין נשמה דעם טייוול פאַרקויפט):

„איך וועל פירן, איך וועל פירן!
איך בין סיי־ווי־סיי פאַרלוירן!“

דאָס פּראָבלעם פון דער זינד. דאָס גרויסע געפינען אין דעם פינסטערן, וועגלאָזן לאַנד פון פאַרלוירן־ווערן.

אַזוי מיינט פּרץ.

דער פערטער אַקט ברענגט די אַנטוישונג. די נאַכט — וואָס די מתים גלויבן אין איר אייביקייט און וועלכע פאַרהוילט פאַר זיי זייער טויט־זיין — גייט צו ענד. דער מאָרגנשטערן וועט באַלד דעמערן. די מתים וועלן מוזן דערקענען זייער אמתדיק אָרט — די קברים. שוין ווען די האַנדלונג הייבט זיך אָן, פילט זיך די דערוואַכנדיקע אויסניכטערונג. די מתים הייבן־אָן צו אַנען, אַז זיי נאַרן זיך אָפּ. אַז זיי קאָנען נאָר „קעמפן“ אין אַ פינסטערער נאַכט, ווו זייער וועזן און רעכט אויף לעבן ווערט דורך איר באַהאַלטן. וועט נאָר קומען דער טאָג, וועלן זיי זען זייער אָנמאַכט „איבער דער ערד“ און דאָס נוצלאָזיקייט פון דעם „גרויסן שטרעבן“.

זיי הייבן ביסלעכווייז אָן צו קוקן אויף זיך, ווי אויף זינדיקער קעגן זייער שיקזאַל. דאָס שיקזאַל וועט זיי האַרט באַשטראָפן פאַר דער באַגאַנגענער טאַט — פאַר דעם „מוט צום לעבן“ — און זיי האָבן די שטראָף כשר פאַרדינט. ווי האָבן זיי זיך עס געקאָנט אונטערשטיין צו טראָצן דעם שיקזאַל? זיי האָבן געטאַנצט ווי צעלאָזענע קנעכט היג־

טער די אויגן פון געביטער און נאָכגעמאַלפּעוועט די פרייד פון באַ־פרייטע. איצטער וועט דער געביטער קומען אין זיין גאַנצער גרויזאַמ־קייט. ער וועט זיי ווייזן זיין מאַכט.

„ווי צו אונזער קראַפט, ווי צו אונזער דויער!
אונז שיצט קיין וואַנט, אונז שיצט קיין מויער...
אַ הויב, אַ וואָרף, אַ הויב...
עס יאָגט אונז, עס טראָגט אונז,
ווי פּלעוועס, ווי שטויב."

דאָס שיקזאַל אין דער יידישער געשיכטע. פּרץ אין זיין פּאַרבי־טערטקייט איראָניזירט עס אויף דעמזעלבן אופן, ווי ער איראָניזירט דאָס יידישע פאָלק: „אַ האָן, אַ טרוקענער שפּאָן, שטייט, ווי אַ בלעכערנער וועטער־ווייזער, אויפן שול־דאַך און רופט „קוקוריקו". פאַר דעמדאָזיקן „רופער" דערשרעקן זיך די מתים און אַנטלויפן צוריק אין דעם טויט. צי גלויבט ער ווירקלעך, פּרץ, אַז נאָר דאָסדאָזיקע געשטאַלט, די פּוס־טע סטראַשידלע, איז דער אייגנטלעכער אויסדרוק פון דעם אומבאַ־קאַנטן לענקער פון אונזער היסטאָרישן עקזיסטענץ־קאַמף? אַז עס איז נאָר אַן איינגעבילדעטע לאַסט, וואָס מיר טראָגן אויף אונזערע אַקסלען און אַז אינדעראמתן זענען מיר איבריק אינם ליידן, אַזוי ווי מיר זע־נען איבריק אינם לעבן? אָבער — ער איז דאָך ערגעץ פאַראַן, דער קרייץ, אויף וועלכן מיר דאַרפן אייביק בלוטיקן, דער קרייץ, וועלכער איז דער זין און די טראַגעדיע פון אונזער זיין!

ביי פּרצן איז דידאָזיקע איראָניע — טיפער און טייוולאָנישער ווייטיק, איובס ספקות, דער דראַנג זיך און גאָט צו לעסטערן.

אויך זיי, די „העלדן", די מתים, וואָס מאַטערן זיך אונטער פּרצעס פעדער, זענען פאַרמשפּט צום שוועבן צווישן גלויבן און לייקענען, צווישן אינערלעכן שטאָלץ און אינערלעכער פאַראַכטונג. צווישן טויט און לעבן. דער מאָרגן־שטערן גלאַנצט... עס וואַרט אויף די מתים דאָס בית־עולם, און זיי ווייסן אייגנטלעך נישט, צו וואָס זיי פאָלגן און גייען אפשר איז עס נאָר אַ בייזער און פאַלשער כישוף. זיי קאָנען דאָ בלייבן, לעבן און קעמפן. ווען נאָר אַביסל מער אַנטשלאָסנקייט — געפינט זיך, אפשר הינטער דעם אַלעם דער זיג און דער אינהאַלט. ווער קאָן עס זאָגן?

די שטילערע און באַשיידענערע מתים, וואָס קומען־אַרויס פון דעם דאַ־וועגען, דערזעענדיק דאָס ווילדע געטאַנץ, וווּנדערן זיי זיך און פרעגן:
„איר זענט נישט טויט?"

פון וואַנען נעמט זיך דידאָזיקע קראַפט, דערדאָזיקער ווילן, ביי בר־מינננס? „נאָר פאַר לעבעדיקע טאָגט!"

„שאָטנס נאָכגעיאָגט,
נאָך אַ זייפן־בלאָז געלאָפן, —
האָט אונז זיין האַנט געטראָפן."

ווען דאָס שפּיל איז שוין פאַרלוירן און דאָס שיקזאַל באַקומט די אויבערמאַכט, — ערשט דאַן שטייגערט ביים בדחן דער מוט צום וואַגן. ער וויל זיך אַנטקעגנשטעלן. זיין אָדער נישט זיין. ער וויל איינ־מאָל וויסן, וווּ דאָס לעצטע וואָרט שטעקט: ביים שיקזאַל, אָדער אינם טראָצן קעגן שיקזאַל. איצטער מוז עס קלאָר־ווערן, צי די האָפנונג איז הויל, אָדער צי ס'איז דאָ אין איר וועלכער עס איז קערן. „אין וואָס מ'גלויבט — עקזיסטירט." דער בדחן וויל דורך דעם גלויבן באַ־שאַפן אַ ווירקלעכקייט. אויך שלמה אין דער „גאָלדענער קייט" וויל ברענגען אַ ניי לעבן, אַ שבת. דאָרט אָבער איז ער, שלמה, טיף איבער־צייגט אין דער פייערלעכער היסטאָרישער אויפגאַבע פון דעם יידישן שיקזאַל. דאָ, אין „ביינאַכט אויפן אַלטן מאַרק", ווייסט שוין דער בדחן דעם ביטערן אמת: דער שבת איז אַ פוסטער חלום. אונזער דאָזיין איז אַ בלוטיקער און האָפנונגסלאָזער וועג. דווקא אויף דעם ראַנד פון דעם אָפגרונט מוזן מיר זיך פּרוּוון אָפּשטעלן. פאַרלוירענע, אָן וואָפן אין די הענט, מיט דעם בלויזן אומגעהייערן יאוש אין האַרץ, מוזן מיר זיך אַריינוואַרפן אין דער שרעקלעכער מלחמה קעגן שיקזאַל. לעבן אָדער טויט. אונטערגיין אָדער עקזיסטירן. נאָר נישט דאָס מידע, ענדלאָזע צווישן, נאָר נישט דאָס הין־און־צוריק:

„ווייניק נאָך אין די קברים געליטן!
ר'ווילט דאָך ליכט און לעבן!
זאָל ער די גריבער פאַרשיטן,
נייע נשמות אייך געבן,
אַנישט — זאָל ווערן געשטריטן!

זאָלט איר אים טראָצן!

— — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — —

גייט נישט צוריק אין די קברים!
זאָלט איר זיין רופן נישט הערן!״

א טייל פון די מתים ווילן נאָך דעמדאָזיקן אָנגעשטרענגטן טאַנץ פאַרטזעצן. זיי ווילן נישט הערן, און מיט שוואַכע כוחות דערגרייכן דאָס, וואָס איז נישט מעגלעך. זיי ווילן מיטשטורמען מיט דעם מיזאַנטראָפּישן פּעסימיסטישן בדחן, וואָס איז פּלוצלינג אויסגעוואַקסן אויף אַ העלד. — טיף באַמערקט פון פּרצן: דווקא ביים שטראָפער און פאַרלייקענער קאָן אויפוואַכן דער גרעסטער מאָמענט פון העלדישן גלויבן. די מתים ווילן „פאַרגעסן די פינסטערע קברים, די ווערעם, וואָס פרעסן״ און „אַריינטאַנצן אין גרויסן טאָג דעם גרויסן טאַנץ״.

מעג קומען וואָס עס וויל, זיי טראָצן דעם טאָג, דעם מאָרגנשטערן, וואָס שמייכלט ציניש אַרויס פון דעם נעפּל, דעם האָן, וואָס קרייעט אויפן דאַך. אַזוי פאַרלן זיי, די „אויפגעוויגטע״ מתים, און זיי פילן נישט זייער שוואַכלעכקייט צום לעבן, צו ווירקלעכער טאַט און צו ווירקלעכן ווילן, ווייל —

„— ווען מיר דען קענען?
— קענען מיר דען ווען?״

עס רוקט-אָן דער טראַגישסטער מאָמענט. קלינגענדיקע ווערטער ווערן אַרויסגערעדט פון די „שטרויענע״ קעמפער, ווערטער אָן אינערלעכער וואָרקייט. דאָס פייער, וואָס איז אויפגעפלאַקערט, וועט נאָך שנעלער פאַרלאָשן-ווערן. דער פּאַטאָס גייט-אויס. קילט-אָפּ. זיי בלייבן הינטערשטעליק, די „העלדן״. קאָנען נישט מיטגיין. נשמות אָן גופים באַווייזן גאָרנישט אויפצובויען. מיט אַראָפּגעלאָזענע קעפּ רעזיגנירן זיי און טוען-אָן דעם יאָך פון שיקזאַל. זיי אַליין, די מתים, ווען די קברים נישט פאַרשיטן, זיי ווען זיך קיין לעבן נישט באַשאַפן. סקעלעטן, וואָס קאָנען נאָר קלימפּערן, וואָס קאָנען נאָר מאַכן אַ פּוסט גערויש... מחנותווייז, ווי זינדיקע, אומגעלומפּערטע, קערן זיי אונטערטעניק

צוריק אין די ווערעמדיקע גריבער, מיט דער בלוטלאָזער, אָרימער האָפ-נונג, אַז „זיי וועלן וואַרטן אין שטילן, ביז דו וועסט וועקן...״

צעטרעטענער שטויב פאַר אַ גרויזאַמער אומבאַקאַנטער מאַכט! זיי וועלן וואַרטן. — אומבאַהאָלפענער צוזאָג! פּרץ גלויבט נישט מער אין דעם ג ר ו י ס ן ה י ס ט אָ ר י ש ן וו אַ ר ט ן פון דער יידישער נאַציע.

וואָס ווייטער עס שטעלט זיך אַרויס דאָס טרויעריקע אומבאַ-האָלפנקייט פון דעם „טויטן לעבן״, אַלץ מער שטאַרקט זיך ביים בדחן די לוסט צו... פּרוּוון. עס שטייגערט ביי אים ביז צו אַ פאַרשיכּורטן מוט. ער וויל זיי מיטרייסן מיט דער קראַפט פון איינעם, וואָס האָט שוין גאָרנישט צו פאַרלירן. אפשר וועט ער אויסהאַלטן מיט זיי צוזאַ-מען און בייקומען דאָס שיקזאַל. איצטער טרייבט ער זיי אַליין צום טאַנץ, צו אַ וואַנזיניקן טויטן-טאַנץ.

„טאַנצט, טאַנצט,
ווער האָט אין אייך די שרעק פאַרפלאַנצט?
וואָס ציטערט איר פאַר מאָרגן-גרוי?
וואַשט די קעפּ אין מאָרגן-טוי!
— — — — — — — — — — — — —
נישט אָפּגעשלאַפט!
דער ד י ן דינט די קראַפט,
פרעגט נישט ווער די זיגער זענען,
ווילט נאָר, זינגט און טאַנצט אין העלן!״

און די מתים? זיי הערן שוין קוים. דער טויט איז זייער געבי-טער. דער טויט איז געוואָרן דער מייסטער איבער זיי. די האָפנונג פון מתים און די אמונה זייערע — איז דאָס בית-עולם. אַהין פירט אַן אומעטיקער וועג. אַפילו צו טרעטן אויפן וועג צו די קברים, אַליין, אָן פרעמדער הילף, פעלט זיי שוין דער כּוח. הוילער קאַמף אָן זיג, אָן צוקונפט, שוואַכט-אָפּ... ברענגט נאָך שאָדן. ווינטלעך, קליינע נישטיקע ווינטלעך, בלאָזן-אָן און טראָגן-אַוועק די פאַפּירענע העלדן צו זייער אייביקער רו, צו אַ פויל קברים-פעלד. —

דער בדחן מאַכט נאָך די לעצטע אָנשטרענגונג. ער ווענדט זיך צום יידישן סאָציאַליזם:

„און איר, דאַך-באַשלעגער, בלעכער,
און אַלע, וואָס שטייגן הויך און העכער,
מיט מיר צו אים אויפן דאַך!"

פרץ קאָן זיך אויך נישט אַנטשיידן פאַרן יידישן סאָציאַליזם. דער מאָדערנער יידישער קעמפער, דער יידישער סאָציאַליסט, באַגרייפט נישט, לויט פרצן, די טראַגישע אייגנאַרט פון יידישן נאַציאָנאַלן קאַמף:

„ קיין קלאַסן-קאַמף — נישט אונזער זאַך !..."

* * *

דאָס שפיל איז צו-ענד. אַלצדינג איז פאַרלוירן. ווי אַ נעפל זע-נען צערונען פרצעס לעצטע חלומות. אַן אומעטיק פאַרצווייפלט ליידיקייט פילט-אָן דאָס קראַנקע האַרץ. אַ וועג אָן אַ סוף, אַ מיזאַמער און האָפ-נונגסלאָזער. וווהין פירט דאָס אַלץ?

דערשלאָגן, דעם קאָפּ אַראָפּגעהאָנגען, רעזיגנירט, קומט דער בדחן צוריק אַרויס פון שול-געסל. אַן אָפּגעמאַטערטער קהלת. לעבנס-מיד. גלויבנס-מיד. צו וואָס האָט ער געליטן? צו וואָס האָט ער די וואָרהייט אויף דער פרווו געשטעלט און „מיט בענקשאַפט געזינדיקט?"

אויף דעמדאָזיקן האָפנונגסלאָזן וועג שטייט ער איצט איינער אַליין. לאָזט-אַראָפּ די הענט:

„נאַריש, נאַריש אַלץ און אייטל...
אַ רינגל נאָך אַ רינגל ציט זיך אַ קייטל..."

קהלת-ליד!

באַמערקט ער די קלעזמער, וואָס שטייען נאָך ביים ברונעם, גרייט ווייטער דעם טרויעריקן טאַנץ צוצושפילן, לויפט ער צו זיי צו מיט די פויסטן און טרייבט זיי:

„אַראָפּ! אַראָפּ!
איך זאָג מיך אָפּ, פון אַלעם אָפּ!"

נאָר ער איינער נאָך, דער אַנדרוגינוס, דאָס יידישע רעטעניש, דער גרויסער היסטאָרישער ספינקס, וויל זיך נישט אויסלעשן. דאָסדאָזיקע אומגעהויער — זיינע אויגן טליען נאָך מיט שטומער און גרויזאַמער

בקשה צום בדחן: דערקען מיך! ווער בין איך? לייד פאַר מיר! בלוטיק פאַר מיר!

דער בדחן-קהלת,—האַס און שרעק אין זיין נשמה, האַס און שרעק פאַר זיך, פאַר אַלעם, פאַר גאָט —

„לעש דיך, ווילדע זאַך!" — פלוכט ער מיט צאָרן דעם אַנדרוגינוס און ווענדט-אָפּ דאָס פּנים, ווייזנדיק אויפן הימל:

„ער איז וואַך! ער איז וואַך!
די אויגן שליס, דאָס מויל פאַרמאַך!"

דאָס שיקזאַל האָט געזיגט. דער יידישער מענטש מוז זיך אונטער-געבן.

* * *

„און עס געשעעט". דער מאַרק איז אויפגעוואַכט. עס עפענען זיך פענסטער און טירן. פון די גאַנקעס טרעטן-אַראָפּ קרעמער, קלינגענדיק מיט די גרויסע שליסלען. „זיצערקעס" קומען-אַרויס פאַר די טויערן.

די „גרויסע" נאַכט איז פאַרשוווּנדן. דער טאָג, די אָרימע יידישע ווירקלעכקייט, פאַרנעמט איר אָרט.

VI

מיט דעם שרייבער פון דידאַזיקע שורות האָט פּרץ עטלעכע מאָל גערעדט פון אַ צווייטער טייל „ביינאַכט אויפן אַלטן מאַרק". פּרצן האָט געגרוילט אַפּצושליסן זיין ליטעראַרישע טעטיקייט מיט אַזאַ מין בוך, ווי דער אויפגעשריבענער „ביינאַכט אויפן אַלטן מאַרק".

די צווייטע טייל האָט געזאָלט זיין אַ מער פּאָזיטיווע, אָפּטי-מיסטישע. דער בדחן האָט דאָך ערגעץ-ווו געפונען קאָנקרעטע יסודות פאַר זיין גלויבן. עס איז שווער צו זאָגן, אויב ס'וואָלט פּרצן געלונגען דאָסדאָזיקע ווערק, די צווייטע טייל פון „ביינאַכט אויפן אַלטן מאַרק" ווען-עס-איז אויפצושרייבן. אין די געשפּרעכן מיט מיר איז מער געווען אויפגעצוווּנגענער ווילן צום פּאָזיטיוון, ווי אינערלעכע, אידעיִשע איבער-צייגונג.

פּרץ און זעעלישע קלאָרקייט, — ווי ווידערשפּרעכן זיך דידאָ-זיקע באַגריפן!

דאָך אָבער האָט אים דער געדאַנק נישט געלאָזט רוען. אַוועקגיין פון דער וועלט מיט אַ טרייסטלאָזן יאוש — איז געווען פאַר אים עטוואָס שרעקלעכס. פּרץ האָט געהאַט בלויז כוח צו גלויבן, ער האָט נישט גע-האַט קיין כוח נ י ש ט צו גלויבן. ער האָט געקאָנט זיין אומרויִק, אָבער אים האָבן געפעלט די טיפע אייגנשאַפטן פון אַ צווייפלער.

פּרץ האָט אויף זיך געטראָגן אַן אומגליקלעכן גורל: צו זיין דער אידעיִשער פאָרשטייער פון דער נייער יידישער ליטעראַטור.

מערקווירדיק: דאָס בוך „ביינאַכט אויפן אַלטן מאַרק" האָט פּרצן נישט געגעבן קיין מנוחה. ווי אַ שווער געוויסן, האָט עס געהיט זיינע טריט. ער האָט בשום-אופן נישט געקאָנט אונטערציִען דעם לעצטן פּע דער-שטריך און זאָגן: איצט האָב איך עס פאַרטיק.

ער האָט עס ביי זיך נישט געקאָנט פועלן.

און ער האָט „ביינאַכט אויפן אַלטן מאַרק" „איבערגעאַרבעט". יאָרן־לאַנג — און אומצייליקע מאָל. זיין גאַנצע עלטער האָט ער דערביי פאַרבראַכט. וואָס ווייטער אָבער, ער האָט „אַרומגעשליפן" זיינע העלדן, אַלץ בולטער איז אַרויסגעקומען די טראַגעדיע פון פאַרבלאָנדזשעטקייט. פּרצעס פאַר־בלאָנדזשעטקייט.

ער האָט שווער געקאָנט אַרויסטרעפן פון זיין אייגענעם אידעישן לאַבירינט, דערדאָזיקער אומעטיקער זוכער, י. ל. פּרץ. דאָס לאַנד פון זיינע טרוימען איז געלעגן ערגעץ־ווו אין אַ ראָמאַנטישער ווייטקייט און ער אַליין האָט זיך נישט געקאָנט קאָנסעקווענט אויסלעבן אין די אייגענע געדאַנקען. נישט געוווסט וווהין צו גיין...

יידישיזם און יידישע געשיכטע

(פאלעמישע שריפט)

געשריבן 1930

„Es gibt ein Grad von Schlaflosigkeit, von Wiederkäuen, von historischen Sinne, bei dem das Lebendige zu Schaden kommt und zuletzt zu Grunde geht, sei es nun ein Mensch, oder ein Volk, oder eine Kultur.

פרידריך ניטשע

פאָררעדע

דער חשובער און זייער נאָבעלער אָנדענק פון אַן אַלטער און גרויסער היסטאָרישער טראַדיציע, דאָס איז דער וויכטיקסטער פאַקטאָר, מיט וועלכן עס ווערט זיך גערעכנט אין אונזער יידישער געזעלשאַפט. אויף אים שטעלט מען דעם טראָפ סיי אינם נאַציאָנאַלן לעבן, סיי אינם נאַציאָנאַלן באַוווסטזיין. דערצו האָבן מיר ספעציעלע קרייזן, וואָס פילן זיך אַלס די וועכטער פון דער פאָלקס-נשמה. ביי זיי ווערט יעדע באַדייטנדיקע טאַט, יעדער דעצידירנדיקער שריט, וואָס וויל געטון ווערן פאַר דער אַנטוויקלונג פונם יידישן לעבן, פון צופריער געוויגן און געמאָסטן. שטימט נאָר דידאָזיקע אַנטוויקלונגס-טאַט מיט דער אַלטער יידישער געשיכטע? טרעט זי נישט אַמאָל אָפ פון היסטאָרישן דרך-הישר? שטייט זי אונז אָן צום היסטאָרישן יחוס? די חשובע שומרים פונם יידישן אָנזעען טראָגן דערמיט באמת אַ גרויסע פאַראַנטוואָרטלעכקייט: שטיין כסדר אויף דער וואַך איבער די מעשים

פון אַ פאָלק, צוקוקן מיט גרויס געלערנטקייט, צי דאָס פאָלק גייט נאָר ריכטיק אין דעם היסטאָרישן שפּאַן.

זענען מיר דאָך די לייבלעכע אייניקלעך פון אַן אַלטער קולטור.

ערפורכטיקייט און אָפּשיי פאַר דער געשיכטע. זייער שיין. אינם יידישן לעבן טראָגט דאָס אָבער נישט קיין לבוש פון אומשול־דיקער יום־טובדיקייט. געפיל פון נאַציאָנאַלן דרך־ארץ, הערב און יחוס. ניין. די ערפורכטיקייט און די פּיעטעט פאַר דער געשיכטע ווערן פאַרוואַנדלט אין אַ צענטר, אַרום וועלכן די יידישע ווירק־לעכקייט מוז זיך האַלטן, דער ברונעם מיט דעם לעבנס־וואַסער, אַרום וועלכן די גאַנצע נאַציע מוז „הויערן". פון יענע לעבנס־וואַסערן מוז זי טרינקען. לויט דער דעה פון די היטער פון דער „היסטאָרישער" יידישער נשמה, איז די געשיכטע דער איינציקער אַטעסטאַט פאַר דער יידישער געזעלשאַפט אויף צו לעבן, דער „זכות" פאַרן יידישן פאָלק אויף צו עקזיסטירן. לאָמיר זיין אויפריכטיק: דאָס יידישע אַלטער־טום איז דאָס „נאַציאָנאַלע קאַפּיטאַל", וואָס די היינטיקע יידישע גע־זעלשאַפט האָט אויפצווייזן, כדי צו אַקצעפּטירן אירע נאַציאָנאַלע רעכט אין דער מענטשלעכער געמיינזאַמקייט.

די לאָגישע פועל־יוצאס פון דעמדאָזיקן „היסטאָרישן" בליק אויפן יידישן לעבן זענען קלאָר. קוים איז די געשיכטע אונזער איינ־ציק ביסל פאַרמעג, די ווערטן און די פּריווילעגיעס פון דער יידי־שער נאַציע, דאַן איז די געשיכטע דער פאַקט, וואָס טראָגט אויף זיך אַלץ, און זי מוז פון דער יידישער נאַציע געשטעלט ווערן אויפן ערשטן פּלאַן. שפּילט זי די נאַציאָנאַלע הויפּט־ראָלע. יעדער פּרווו זיך אָפּצוקערן אויף אַ טריט פון דער געשיכטע, הייסט: באַדראָען די פונדאַמענטן, אויף וועלכע דאָס יידישע לעבן איז געבויט, האָט זכות־הקיום. אַלע געעברויכן און נויטן פון דער יידישער געזעלשאַפט, אַלע אידעאַלן פון דער יידישער נאַציע — נישט אָפּהענגיק דערפון, צי זיי טראָגן אַן עקאָנאָמישן, אַ נאַציאָנאַלן, צי אַ קולטורעלן כאַ־ראַקטער — ווילן זיי האָבן באַרעכטיקונג צו עקזיסטענץ, רעכט און ווערט, דאַן מוזן זיי זיך האַלטן אין די זכותים, אין וועמענס נאָמען די יידישע נאַציע בכלל האָט עקזיסטענץ־רעכט. די זכותים פון דער

געשיכטע. יידישער נאַציאָנאַלער רענעסאַנס? יידישע צוקונפט? מהיכי-תיתי. מ'דאַרף אפילו קעמפן פאַרן יידישן נאַציאָנאַלן רענעסאַנס, תמיד מ זן מיר אָבער האַלטן אין דער האַנט דעם היסטאָרישן ספר-הזכרונות: דעם לעבנס-אַטעסטאַט. יידישער נאַציאָנאַלער רענעסאַנס הייסט: אויפבויען דאָס לאַנד פון יידישן אַלטערטום. פּאַלעסטינע. די נאַציאָנאַלע היים. יידיש קולטור-שאַפן: שאַפן אויף דער שפּראַך פון דער היסטאָריע — העברעיש; שאַפן אויף דער שפּראַך פון יידישן מענטש, יידיש, הייסט נישט קיין נאַציאָנאַלע טאַט, וואָרים דער יידישער מענטש איז נאָר דאָס ראַכיטישע אייניקל פון דעם היסטאָרישן יידישן אַלטערטום, ער איז דאָס אומפעיקע נעבעכל, דער טפל און די נעבן-זאַך, ער לעבט בלויז פון זיין היסטאָרישן זכות. די געשיכטע פון די אַלטע יידן איז דער נאַציאָנאַלער ווערט פונם היינטיקן ייד, זיין מענטשן-ווערדע.

אַזוי ווערט די יידישע געמיינזאַמקייט דורך אַט-אָ דער נאָבעלער איבערגעטריבענער ערפורכטיקייט פאַרוואַנדלט אין אַ נאַציע פון עפּיגאָנען. דאָס, וואָס איז דערלויבט לעבעדיקע און פרייע מענטשן: אַנטוויקלען זייערע לעבנס-כוחות און זייערע אינערלעכע מעגלעכקייטן, דאָס איז אונז נישט דערלויבט, טאָרן מיר נישט. מיר יידן זענען שקלאַפן פון אַלטע פאַרגאַנגענע עפּאָכעס, מוזעאַלע פאָסילן, זכרונות, אָנדענקענישן. דעריבער באַדאַרפן מיר אָפּטייטן אונזער קעגנוואַרטיקע עקזיסטענץ, זיך אַליין איגנאָרירן, כדי טרייער צו טון אונזער פליכט. אַזוי געביט אונז דאָס שיקזאַל. מיר דינען דער געשיכטע! אונזער רוקן דאַרף זיך בייגן אונטער דעמדאָזיקן הייליקן שקלאַפנטום. טרויעריקע פליכט! „איר עפּיגאָנען, באַגראָבט אַלץ, וואָס לעבט אין אייך און וויל זיין לעבנדיק — איר מאַכט דערמיט געשיכטע!" *). דער שפּרוך פון די „נאַציאָנאַלע" היטער פון דער פאָלקס-נשמה.

ווען די חשובע וועכטער פון דער יידישער געשיכטע ווערן ביי זיך האָפערדיקער, קעמפערישער און „נאַציאָנאַל" שטאָלצער, דאַן גורטן זיי אָן די לענדן און טרומייטערן-אויס אַ גרויסע בשורה צו דער וועלט: איר פעלקער און איר גויים, קומט און זעט, דאָס פאָלק

*) ניטשע.

ישראל טוט זיין חוב, עס „שאַפט" געשיכטע. איצטער האָט עס אין דער דעה צו רעקאַפּיטולירן די „עברים-קדמונים", די אַלטע יידן פונם תנ"ך, די נביאים. די נאַציאָנאַלע פּני און די „פירער" פון דער יידישער אומה וואַקסן אין דער ברייט, צוזעענדיק ווי דער יידישער נאָמען ווערט „געגרויסט צווישן די פעלקער". יידן באַקומען גאָר חן און לייטזעליקייט אין אַלעמענס אויגן. נישקשה, יידן זענען אַ נאַציע. מיר האָבן דערויף באַקומען באַשטעטיקונג. חכמים, מיניסטאָרן און שרים גיבן אונז אייגנהענטיק אַ קניפּ אין בעקל.

דער „נאַציאָנאַלער שטאָלץ" פון יידן ווערט כשר פאַרדינט.

שטעלט מען אַוועק דאָס יידישע נאַציאָנאַלע באַוווסטזיין, דעם „מהות היהדות" אונזערן, אויף אָט אַזאַ מין „היסטאָרישן" באָדן, מוז זיך סוף-כל-סוף דער גאַנצער יידישער נאַציאָנאַלער קאַמף פאַרוואַנדלען אין איין גרויסן פרעג-צייכן. איז דאָס דער אידעאַל פון דער נאַציאָנאַלער אַנטוויקלונג? דער נאַציאָנאַלער תכלית? בעת מיר רעדן פון דאָזיקן שטאַנדפּונקט וועגן די יידישע נאַציאָנאַלע האָפנונגען, באַקומען מיר צום אָנבליק אַ האָפנונגסלאָזע מענטשלעכע טראַגעדיע; אַ גאַנץ פאָלק זעען מיר פאַרשפאַרט אין אַ גייסטיק געפענגעניש, אַ קולטור איינגעשנורט אין אַ סדום-בעטל. אין דעם פרייען וועט-לויף פון די מענטשלעכע דורות ווערט די יידישע נאַציע אָפּגעצוימט, אָפּגעגרעניצט און אַרומגעקריידט אויף אַ געוויסן שטח. נאָר דאָרט דאַרף זי זיך געשיכטלעך באַוועגן, אויסלעבן איר מהות, אַנטוויקלען. מען בינדט זי צו מיט אַ קייט צו דער געשיכטע און זי ווערט דערמיט אָפּגעשניטן פון אַלע מעגלעכקייטן פון פרייער זעלישער טעטיקייט. פאַר דער יידישער נאַציע איז שוין אַלצדינג אָפּגעטון געוואָרן פון צופריער, אין אַלטערטום. די איינציקע לעבנס-טאַט, וואָס איז נאָך פאַר איר איבערגעבליבן: קייען און איבערקייען און „נאָכמאַכן" דאָס, וואָס די פריערדיקע יידישע דורות האָבן געשאַפן. מעלה-גרהנען קולטור, — אַזוי פאַרלאַנגט די ערפורכטיקייט. וואָרים די אַלטע יידן, די עברים-קדמונים האָבן פון די הייִנטיקע יידן אַראָפּגענומען דאָס אחריות פון זעלבשטענדיקער געשיכטלעכער טעטיקייט. די פיזיאָנאָמיע

פון דער יידישער געשיכטע ליגט אָפּגעשלאָסן ווי אַ מומיע אין די סאַרקאָפאַגן פון אַן אַלטער פאַרגאַנגענהייט. דידאַקטישע איבערפלעכלעכע געדאַנקען ווייזן גוט, אויף וואָסער האָפנונגסלאָזיקייט מען וויל בויען די יסודות פון דעם נאַציאָנאַלן יידישן רענעסאַנס; אויף דער שענדלעכסטער מענטשלעכער שוואַכקייט: עפּיגאָנענטום. יידן בלייבן שטיין טאַטלאָז אינמיטן דער געשיכטע, בעת ווען עס ווערט אויסגעפאָכטן דער גרויסער קאַמף פון דער מענטשהייט פאַר דעם זין פון איר לעבן. דערדאָזיקער קאַמף איז נאָך גאָר נישט געענדיקט. ער הייבט זיך ערשט אָן. אַלע קאַמפן און האָפנונגען פון דער מענטשהייט ציען זייער יניקה פון דעם גלויבן, אַז אין דער געשיכטע שטייען מיר ערשט ביים אָנהייב, בשום אופן נישט ביים סוף פון אונזערע מעגלעכקייטן. אַ יעדע מענטשלעכע טאַט אין דער געשיכטע שטאַמט פון דעם גלויבן, אַז די שפּעטערע דורות וועלן זיין בעסער און ווערטפולער און מענטשלעכער, ווי די ערשטע דורות, און אַז מיר גייען באַרג-אַרויף. דעריבער וואַגן תמיד די מענטשן אָנצוהייבן פונדאָסניי. זאָל מען די יידישע נאַציע איזאָלירן פון דידאָזיקע פּרוכטבאַרע און שעפערישע האָפנונגען פון דער מענטשהייט? זאָל מען פאַרשקלאַפן די יידישע געמיינזאַמקייט און אָנטון היסטאָרישע קייטן אויף די פיס? וואָס איז דאָן יידישע צוקונפט? ווו איז דער שווונג, וואָס זאָל באַפליגלען דעם יידישן נאַציאָנאַלן אידעאַל?

„זיי ווילן נישט, אַז דאָס גרויסע זאָל געבוירן ווערן, וואָרים זיי זאָגן — זעט, דאָס גרויסע איז שוין דאָ", — זאָגט ניטשע וועגן די אַלע, וואָס פאַרגעסן דאָס לעבן פון צו גרויסער „ערפורכטיקייט" פאַר דער געשיכטע.

געשיכטע

שטייט די געשיכטע בכלל נישט אין קיין באַציִונג צו דער קעגנוואַרט? באַפרוכפּערט זי נישט אונזער קולטור? דאָס זאָגט קיינער נישט. אַלע מענטשלעכע דורות בינדט צוזאַמען איין שיקזאַל. איין לעבנס-גורל.

האָט מען אָבער נישט דעם ריכטיקן שטאַנדפּונקט פאַר דער געשיכטע, דאַן ווירקט זי שעדלעך אויפן לעבן.

נאָר אַמשעדלעכסטן ווירקט דאַן די געשיכטע אויפן לעבן, ווען דער פלאַך-קאָפּ ווערט איר „פירער", וויל זי אויסטייטשן און נעמט זיך אָן איר קריוודע. פלאַך-קעפּלדיקע ערפורכטיקייט איז דאָס מעסער אין רוקן פון יעדער קולטור, פון יעדער אידעע. סם-המות.

דער פלאַך-קאָפּ קוקט אויף דער געשיכטע ווי אויף אַ געטערבאַרג. אָלימפּוס. די דיסטאַנס צווישן דעם לעבן און דער געשיכטע איז פאַרן פלאַך-קאָפּ ווי דער דיסטאַנס צווישן הימל און ערד. אין הימל הויזן די געטער. די היסטאָריע, — זי איז אויך באַפּעלקערט מיט מאָדנע מיטישע באַשעפעניש, וואָס זענען נישט געקנאָטן פון אונזער זינדיק בלוט-און-פלייש און שטייען פאַרן פלאַךקאָפּ מיט טויזנט קעפּ העכער פון דעם קעגנוואַרטיקן לעבנדיקן מענטש. דער פלאַך-קאָפּ באַקומט דעריבער גרויס דרך-ארץ פאַר דער היסטאָריע, וואָרים דער פלאַך-קאָפּ האָט ליב די דיסטאַנס. די דיסטאַנס פטרט אים פון דער אַמביציע אַליין עפּעס ווערט צו זיין, די דיסטאַנס באַרעכטיקט די נישטיקייט זיינע, דאָס ווערמדיקייט, דאָס קליין-זיך-מאַכן. פאַרערט דער פלאַך-קאָפּ עמיצן, דאַן פאַרערט ער נישט דאָס גרויסע, די דערגרייכונג, פאַרערט ער נישט דעם מענטש אין

דער גרויסקייט. ער פאַרערט זיין אייגענע אויסזיכטלאָזיקייט גרויס צו ווערן.

„דאָס אַמאָל איז דער גאָט אויפן פיעדעסטאַל, איך וויל זיין די מויז אין דעם געטער-טעמפל", – זאָגט דער פלאַך-קאָפּ צו זיך. ער מיינט דערמיט צו זיין זייער טיף.

עס באַטאַפּט זיך דער עפיגאָן דעם גוף. ער האָט נישט קיין פליגלען. וויל! געלויבט זאָלן זיין די געטער! עס האָט זיך אויסגעלאָזט פאַר די מענטשן די טאַט: דאָס שאַפן לעבן. דער עפיגאָן איז צופרידן, ער קאָן זיך רויק איצטער פויזן אין זיין בלאָטע און ציען ווי אַ פּאַראַזיט חיונה פון די טאַטן פון די פריערדיקע דורות.

דער יידישער פלאַך-קאָפּ איז דערצו איבערצייגט, אַז די געשיכטע פון דער יידישער נאַציע איז אַ בלוט-דורשטיקער מולך. זי שטייט אינמיטן דער קעגנוואַרט און איר מויל איז אָפן, ווי אַ שאול-תחתיה. זי פרעסט מענטשן לעבעדיקערהייט. אבר מן החי. און ער שניידט פון זיך פּאַסן און וואַרפט איר צו און מאַכט זיך פאַר אַ קאַליקע.

דער טיפערער מענטש – טיפקייט איז לעבעדיקע באַציִונג צו דער וועלט –- ער קוקט אויף דער געשיכטע, ווי אויף דעם גרויסן קרייז פון לעבן. די געשיכטע איז אַ לעבן, וואָס פליסט רעלאַטיוו אין דער צייט, איז אָבער תמיד קעגנוואַרטיק אַלס אַבסאָלוטער פענאָמען. נאָר די, וואָס קוקן אויף דער געשיכטע ווי אויף אַן אַבסאָלוטער קעגנוואַרט פון מענטשלעכן לעבן, פאַרשטייען דאָס וועזן פון דער געשיכטע. וואָרים די קעגנוואַרט איז די אוממיטלבאַרסטע, די אַמנענטסטן צום מענטשלעכן עמפינדן שטייענדיקע געשיכטע. דער מענטש, וואָס דענקט טיפער און באַנעמט טיפער די וועלט, פאַר אים איז די קעגנוואַרט נישט דאָס בלויזע קליינע רינגעלע אין דער קייט פון היסטאָרישער אַנטוויקלונג, נאָר דאָס איינציקע קריטעריום און דער איינציקער אויסבליק אויף די פאַרפלאָסענע היסטאָרישע ווייטקייטן. פון דער קעגנוואַרט קוקט דער טיפערער מענטש אַרויס אויפן היסטאָרישן געשעען און אַזוי שאַצט ער אָפּ די געשיכטלעכע ווערטן. ער פאַרנעמט דעם פולס פון דעם היסטאָרישן לעבן אין דעם קעגנוואַרטיקן לעבן. דער עכטער היסטאָריקער באַאורטיילט דעם היסטאָרישן

מענטש לויט דעם וועזן און כאַראַקטער פון דעם קעגנוואַרטיקן מענטש. פאַר דעם עכטן היסטאָריקער איז דער מענטש נישט דאָס צופעליקע שאַך-פיגורל אין שפּיל פון די געטער. (די היסטאָריע. דער פלאַך-קאָפּ מיינט, אַז די געטער שפּילן זיך אין „היסטאָריע", טוישן און מאַכן זיך זייערע „מענטשעלעך" צו דעמדאָזיקן שפּיל איטלעכס מאָל פון אַן אַנדער מאַטעריאַל). נאָר ער, דער לעבעדיקער מענטש, איז דאָס פּרימערע און די מאָס פון דעם היסטאָרישן געשעען. דער מענטש און דאָס מענטשלעכע לעבן זענען דער אויסגאַנגס-פּונקט פאַר דער געשיכטע. די געזעצן פון מענטשנס וועזן, די מענטשלעכע האָפנונגען, די מענטשלעכעליידנשאַפטן, די שוואַכקייטן און הערא̇יש-קייטן פונם מענטש, די מענטשלעכע פּסיכאָלאָגיע, — דאָס זענען די טרייב-כוחות, וואָס באַוועגן די געשיכטע. איבער די טויערן פון די פאַרגאַנגענהייטן, ווי איבער דעם טויער פון דעם אַפּאָלינישן היילִיקטום אין דעלפי, שטייען אויפגעשריבן די ווערטער: Nosce te ipsum — דערקען דיך אַליין.

דערקען דיך אַליין! אַזוי רופט אויך די געשיכטע צו דער קעגנוואַרט. אין דער היסטאָרישער אַנטוויקלונג איז דער מענטש בכוח צו דערקענען דעם גאַנצן סך-הכל פון זיינע מעגלעכקייטן; אַלע וויבּרירונגען פון זיין מהות, זיינע אינערלעכע רייכטימער און אָרימ-קייטן, זיינע האָפנונגען און האָפנונגסלאָזיקייטן, די וועגן, וווהין ער קאָן זיך נאָר וואַגן מיט זיין טאַט, די גרענעצן און די מויערן, וואָס זענען געשטעלט געוואָרן קעגן מענטשלעכן ווילן. די געשיכטע איז דאָס חשבון-בוך, און דער חשבון-הנפש, און דער פּרווו-שטיין, און דער שיקזאַל-זייגער פאַר די לעבעדיקע כוחות פון דער קעגנוואַרט. די קעגנוואַרט שפּיגלט זיך אין די פליסנדיקע וואַסערן פון דער גע-שיכטע און קוקט זיך דאָרט אָן דאָס אייגענע פּנים. וואָרים תמיד איז די קעגנוואַרט דער צענטער, דער אויסדרוק. די העכסטע מדרגה פון דעם דאָזיין. די קעגנוואַרט באַהערשט אַלצדינג, אַלצדינג באַדאַרף שטיין איר צו דינסט. די גאַנצע צייט, וואָס פליסט, — איז חלום און מיראַזש, די קעגנוואַרט איז דער איינציקער רעאַלער פּונקט אין דער עקזיסטענץ פון דער צייט: דאָס ליכטיקע אויפבליצן פון אַ זיין אין דעם תהום פון נישט-זיין; די אַזוע אין דער ענדלאָזער שטומער

מדבר פון די צייטן. די קעגנוואַרט באַרעכטיקט די היסטאָריע, קלערט זי אויף, גיט דער היסטאָריע זין, ממשותדיקייט. אָן דעם לעבעדיקן שייכות און אָן די באַציִונגען פון דער קעגנוואַרט צו דער היסטאָריע, בלייבט די היסטאָריע אַ טויטע מאַסע, אַן אומפּרוכטבאַר בית-הקברות-פעלד. ווערטלאָז. וואָס רייכער, שעפערישער, ווערטפולער ס׳איז די קעגנוואַרט, אַלץ באַדייטונגספולער איז די געשיכטע. אויך די געשיכטע ווערט אָנגעטרונקען פון די קוואַלן פון דער קעגנוואַרט און וואַקסט צוזאַמען מיט דער קעגנוואַרט אין איר חשיבות.

דער „היינט” דעצידירט און וואַרפט זיין ליכט אויפן „נעכטן”.

אַפילו די אויסגעצערטלטסטע האָפנונג פון דער מענטשהייט — די צוקונפט — זי איז אויך נאָר דאָס ליידיקע קעסטל, אין וועלכן דער היינט לייגט-אַריין דאָס שענסטע, וואָס ער פאַרמאָגט.

דאָס היסטאָרישע לעבן איז נישט קיין ליניע. אַ קרייז איז דאָס היסטאָרישע לעבן.

זעען מיר, ווי עס האָבן געשריבן געשיכטע אַזעלכע באַדייטנדיקע מענער, ווי טוקידידעס, ווי פּלוטאַרך, ווי מאָמסען. נישט די געשיכטלעכע פאַקטן און נישט דאָס מאַטעריאַל (געשעעענישן פון דער פאַרגאַנגענהייט) איז דער אייגנטלעכער הויפּט-ציל פון זייערע אַרבעטן. ניין. גרויסע היסטאָריקער זענען נישט קיין אַקאַדעמישע קברים-גרעבער. אין דעם היסטאָרישן מאַטעריאַל זוכן זיי דאָס וועזן און די אייביקייט פון לעבן. דאָס לעבן. דעם מענטש זוכן זיי אין דער געשיכטע פון דער מענטשהייט, דאָס פּסיכאָלאָגישע — אין דער קאַוואַליטעט פון די געשעענישן, דעם קרייז פון דעם וועלט-אָטעם — אין דער ליניע פון דער אַנטוויקלונג. פון די פאַרגאַנגענע היסטאָרישע טאַטן האָט די פעדער פון יענע אומשטערבלעכע מענער אַרויסגעצייכנט דאָס מענטשלעכע נפש. דאָס אומגעשטילטע מענטשלעכע נפש, וואָס קעמפט, וואָס ליידט, וואָס וויל. דאָס מענטשלעכע נפש אין דער אייביקייט פון דער וועלט, דעם קאָסמישן מענטש, אין וועלכן צייט-אַלטער, אין וועלכער תקופה, אין וועלכער סיטואַציע ער זאָל נישט זיין, ווו ער זאָל זיך נישט מאַניפעסטירן. אין אינדיע, אין כינע, צי אין פּאַלעסטינע, אין דער רוימישער טאָגע, אין גריכישן בילאַמיס, צי אינם מלבוש פון דעם לעצטן מאָדערנעם שניט;

אַלס קייזער, אַלס שקלאַף, — אומעטום און תמיד שטייט דערזעלבער מענטש פּנים-אל-פּנים מיטן אייגענעם שיקזאַל.

ווונדערבאַר, פול מיט איידעלער און דערהויבענער איראָניע, דערציילט אונז אַנאַטאָל פראַנס פון איינעם אַ פּערסישן חכם. דער-דאָזיקער חכם האָט געזאָגט צו אַ שטאַרבנדיקן פּערסישן קעניג: „די געשיכטע פון די מענטשן, אָ קעניג, וועל איך דיר צוזאַמענגעמען אין דריי ווערטער: זיי ווערן געבוירן, זיי ליידן און זיי שטאַרבן". די לעצטע שורה און די קווינטעסענץ פון לעבן. דער נמשל פון דעם משל, וואָס הייסט: געשיכטע פון די מענטשן. דער היסטאָרישער קרייז אָן זיינע פאַרבן און אילוזיעס. די אָרימע בינע פון דער וועלט אָן דער שיינער פאָרשטעלונג. אַלע גרויסע היסטאָריקער זענען נישט אַוועקגעגאַנגען פון דידאָזיקע דריי הויפּט-מאָמענטן פון דער געשיכטע, זיי האָבן זיך נאָר באַמיט וואָס טיפער און וואָס ברייטער צו שילדערן דאָס רייכע, טראַגישע און פאַרשידנאַרטיקע היסטאָרישע געשעען אַרום אַט-אָ דעם איינציקן מענטשלעכן שיקזאַל, צו שילדערן דאָס גרויסע שוישפּיל פון דער היסטאָריע אַרום אַט-אָ דעם טראַגישן אמת. דעם אייביקן בלוטיקן קאַמף פון דער מענטשהייט אַרום איר שיקזאַל. עס איז באַקאַנט דער קלאַסישער אופן, ווי אַזוי פּלוטאַרך פלעגט שרייבן זיינע היסטאָרישע ווערק. פון צוויי פאַרשידענע צייט-פונקטן אין דער גריכישער און רוימישער געשיכטע האָט פּלוטאַרך אַרויסגענומען צוויי היסטאָרישע פּערזענלעכקייטן און ער דערציילט דעם גאַנג און דעם סינטעז פון זייער לעבנס-שיקזאַל, און ער ווייזט, אַז, נישט קוקנדיק אויף דער פאַרשידנקייט פון דור, צייט און אָרט, הערשט דערזעלביקער גורל הינטער אַלע מענטשלעכע מעשים. איין קול, אַן איין-און-איינציק קול, רופט פון מענטש צו מענטש איבער אַלע דורות.

וווהין רופט עס אונז?

דערפון שווייגן אַלע געהיימנישן.

לאָמיר נעמען פאַר אַ ביישפּיל טעאָדאָר מאָמסענס געשיכטע פון אַלטן רוים. מאָמסען אַרבעט מיט גרויסער אַקאַדעמישער רוטינע, מיט געוואַלטיקן היסטאָרישן מאַטעריאַל. מיט קלאַסישער היסטאָרישער אָביעקטיווקייט דערציילט דער געניאַלער מאָמסען די געשיכטע פון

רוימישן פאָלק. וואָס הערן מיר אין דעמדאָזיקן בוך פון רוימישער היסטאָריע? נאָר דעם גרויסן אַקט פון לעבן. דאָס מענטשלעכע לעבן. העלדנטאַטן און טראַגעדיעס, האַפנונגען און אַנטוישונגען, צוזאַמענשפּיל פון גרויסקייט און קלייגלעכקייט, דער היסטאָרישער וועג, ווי עס באַוועגן זיך די פּערזענלעכקייטן, און דער וועג — ווי עס באַוועגן זיך די מאַסן. דער קאָלעקטיוו. אַלע מעגלעכקייטן און אויסזיכטלאָזיקייטן פון מענטשנס ווילן. מיט איין וואָרט: תמיד די אייגענע גאַמעס, פון וועלכע עס באַשטייט די רייכע און פאַרבנפולע סימפאָניע פון דער געשיכטע. די אַלטע ליטעראַטורן, אַלטע טעקסטן, אויפשריפטן, מטבעות, דענקמעלער, כלים און מצבות, קברים, אַלטע מנהגים, רעליגיעס, געטער און געזעצן, די פאַרקלונגענע אַנטיקע שפּראַכן — אויס די אַלע קולטור-פאָסילן, וואָס זענען נאָר די אויסערלעכע דערשיינונגען פון דער לעבנס-ענערגיע, רעקאָנסטרויִרט מאָמסען דעם אייביקן קרייז פון לעבן: דאָס איבער-צייטלעכע לעבן (ניטשע רופט עס — דאָס איבערהיסטאָרישע לעבן). דערמיט בויט מאָמסען אויף די לעבעדיקע קעגנוואַרט פון די היסטאָרישע שפּליטער. ער רופט-אַרויס דאָס אייביקע לעבן, וואָס ליגט פאַרבאַהאַלטן הינטער די חורבות פון אַ היסטאָרישער קולטור. די קעגנוואַרט איז דער טיפסטער ברונעם פון לעבנס-וואַסער, און זי באַהויכט און באַלעבט אין גרויס-געשריבענער געשיכטע דאָס טויטע מאַטעריאַל פון דער פאַרגאַנגענהייט.

אויך אַ סך מייסטער פון דער בעלעטריסטישער קונסט האָט געלאָקט דאָס איבערהיסטאָרישע לעבן אין די היסטאָרישע מאָטיוון. נישט אַזוי אָנגעבונדן אָן די שטרענגקייטן פון וויסנשאַפטלעכער פאָרשונג, האָבן די בעלעטריסטן — גיכער ווי די פאַך-היסטאָריקער — די מעגלעכקייט פריי לאָזן צעשפּילן זייער פאַנטאַזיע אַרום דעם היסטאָרישן מאַטעריאַל. (אָן פאַנטאַזיע קאָן אויך דער וויסנשאַפטלעכער היסטאָריקער נישט רעקאָנסטרויִרן קיין היסטאָריש בילד). דאָס קינסטלערישע שאַפן אויפן באָדן פון אַ היסטאָרישן מאָטיוו בויט פרייער און זעלבשטענדיקער אויף די היסטאָרישע כאַראַקטערן און צייכנט מיט מער דרייסטקייט די באַוועגונגען פון דעם איבערהיסטאָ-

רישן מענטש אויף דעם הינטערגרונט פון דער וועלט. די פֿאַנטאַזיע שוועבט פרייער אַריבער איבער דער דיסטאַנס פון די צייטן און איבער די פֿאַרשידנקייטן פון לעבנס־שטייגער. זי דערנענטערט דעם בעלע־טריסט אוממיטלבאַר צום היסטאָרישן מענטש און צו דער היסטאָרי־שער עפּאָכע. דורך דער licentia poetica ווערט מיט פיל עלאַן און שוווּנג רעקאָנסטרויִרט דער אייביקער קרייז פון לעבן. אין דער נאָענטקייט פון אייביקן לעבן פילט אויף זיך דער בעלעטריסט דעם וואַרימען אָטעם פון דעם פאַרגאַנגענעם און ער דערלויבט זיך דע־ריבער צו האָבן פאַר דער היסטאָריע ווינציקער אַקאַדעמישע פער־ספּעקטיוו ווי דער וויסנשאַפטלעכער היסטאָריקער. דער קינסטלער לעבט זיך פולקום איין אין דעם איבערהיסטאָרישן לעבן פון דער היסטאָרישער עפּאָכע. נישט בלויז וואָס ער דערציילט אונז פון איר ווי אַ צוקוקער, נאָר זיין פּערזענלעכקייט באַטייליקט זיך אינערלעך מיט אין דעם היסטאָרישן לעבן. ער ווערט אַקטיוו. ער ווערט מיט־געריסן מיט די ליידן און מיט די ליידנשאַפטן פון די העלדן און פון די געשעענישן. דערביי איז דער קינסטלער אָביעקטיוו אין זיין שטעלונג צו די היסטאָרישע מאָטיוון. אָביעקטיוו אין זיין לעבנס־חכמה, אין זיין פילאָזאָפיע. אָביעקטיוו איבערהויפּט אין זיין איראָניע. נאָר די אָביעקטיוויטעט פון דעם קינסטלער, ווי בכלל יעדע אָביעק־טיוויטעט, מיט וועלכער עס רעאַגירט אויף דער וועלט דער מענטש, וואָס איז וואָך אין זיין גייסט — איז די אָביעקטיוויטעט פון אַ זעלן־קאָנסטרוקציע, אָ ר ג אַ נ י ש ע אָביעקטיוויטעט. סוביעקטיווע — אויב מ׳קאָן אַזוי זאָגן — אָביעקטיוויטעט. די סוביעקטיווע אָביעקטי־וויטעט פונם לעבעדיקן גייסט, וואָס איז בשום־אופן נישט ענג־האַר־ציקייט, נאָר וועלט־אָנשויאונג, האָריזאָנט, כאַראַקטער. די סוביעקטיווע אָביעקטיוויטעט, ווו דער פרייער פערזענלעכער מענטש באַטאָנט מיט זיך דאָס מענטשנטום. די הויכע מדרגה פון באַוווּסטזיין; דאָס אינ־דיווידואום באַטאָנט אין זיך די וועלט. די היסטאָרישע באַטראַכטונג אויף יענעם שטאַפּל פון קינסטלערישן שאַפן ציט נאָך ענגער צו־זאַמען דעם איבערהיסטאָרישן קרייז פון לעבן, דעם מהות, דעם אייביקן א י צ ט, וואָס איז תמיד סטאַביל אין דעם פליסן פון דער צייט. אַ שעקספּיר צי אַ פראַנס האָבן פונם היסטאָרישן מאָמענט

אויפגעבויט דאָס מאָנומענטאַלע פון לעבן. מאָנומענטאַל שאַפן — הייסט מאָנומענטאַל לעבן. שאַפנדיק אָבער, האָבן זיי מיטגעליטן און מיטגעקעמפט דעם א ײ ב י ק ן ק אַ מ ף פונם מענטש מיטן שיקזאַל:

ד י ג ע ש י כ ט

ר ע נ ע ס אַ נ ס

איך לייען נאָכאַמאָל דאָס בוך פון יאַקאָב בורקהאַרד: „די קולטור פון דעם רענעסאַנס אין איטאַליע". עס וועט מיר דעריבער כדאי זיין צו מאַכן אַן אַנאַלאָגיע צווישן דעם הומאַניסטישן קולטור-רענעסאַנס אין איטאַליע און צווישן דעם וועלטלעכן קולטור-רענעסאַנס היינט-צו-טאָג ביי אונז יידן.

הומאַניסטישע קולטור. יידיש-מענטשלעכער גייסט. יידישער הומאַניזם. יידישע מענטשלעכקייט. יידישע וועלטלעכקייט. אַרום דידאָזיקע באַגריפן גייט אייגנטלעך דער דיספּוט און דער קולטור-קאַמף אין די רייען פון אונזער יידישער נאַציאָנאַלער אינטעליגענץ. וועלכער איז דער אופן און וועלכע די וועגן צום יידישן הומאַניסטישן רענעסאַנס? אויף וואָסערע פון „אונזערע שפּראַכן" דאַרף געטון ווערן אָט דידאָזיקע היסטאָרישע טאַט: שאַפן דעם יידישן הומאַניזם. די יידישע הומאַניסטישע קולטור. שפּראַך? דערווייל האָבן מיר נישט קיין אויסגעשפּראָכענע פאָרם פאַר יידישער קולטור, אַחוץ דער ליטעראַרישער פאָרם. די שריפט. דער בוכשטאַב. דאָס יידישע וואָרט. וועגן רענעסאַנס פון יידישער פּלאַסטישער קונסט קאָן דאָ קיין רייד נישט זיין. אויף דעמדאָזיקן געביט פון שאַפן האָבן מיר נישט קיין טראַדיציע, קיין ווירקלעכע אייגנאַרטיקייט, קיין כאַראַקטער. אַלע פּרווון פון יידישער פּלאַסטישער קונסט זענען נישט פון דער ערשטער מדרגה, נישט איבעריק אָריגינעל. אַנטפּלעקן צו-ווייניק דעם יידישן מהות. ביז איצט זענען מיר אין דער קולטור-געשיכטע אַן עם-הספר. די נאַציע מיטן בוך. די יידישע קולטור איז אַ קולטור פון דער שריפט. ליטעראַרישע קולטור. וואָס עס גייט אונז אין תוך — איז:

צו פֿאַרוועלטלעכן די קולטור פֿון יידישן וואָרט. אַלזאָ: וואָסער וואָרט איז יידישער — דערמיט אויך, אין זיין וועזן, היסטאָרישער? דאָס וואָרט אויף יידיש, דאָס וואָרט פֿונם יידישן מענטש? צי דאָס וואָרט אויף העברעיש — דאָס וואָרט פֿון אַ יידישער פֿאַרגאַנגענהייט?

דער פֿלאַכקעפּלדיקער נאַציאָנאַליסט וועט מיך באַלד כאַפּן פֿאַר דער האַנט: יידישער און היסטאָרישער? קאָן מען בכלל אַזוי שטעלן די פֿראַגע? דער איבערפֿלעכלעכער „היטער פֿון דער היסטאָריע" האָט זיין באַקאַנטן פּזמון: העברעיש איז די שפּראַך פֿון יידישן אַלטערטום, די שפּראַך פֿון די נביאים, העברעיש איז אונזער „רום" צווישן די פֿעלקער, איז די שפּראַך פֿון יידישער געלערנטקייט, די שפּראַך פֿון „יהדות", פֿון רבנים, לומדים, חוקרים און פֿילוסופֿים. אַכציק טויזנט העברעישע ספֿרים קאָן מען אָפּציילן אין די ביבליאָטעקן. די העברעישע שפּראַך אַליין איז שוין דער רוב בנין ומנין פֿון יידישער היסטאָריע. אין דעם באַגריף פֿון היסטאָריע קאָן דאָס יידישע לשון אַפֿילו נישט אָנהייבן וואָגן דעם וועט-קאַמף מיט דער טויזנטיעריקער העברעישער שפּראַך.

פֿון דער זייט פֿון היסטאָריע — העברעיש מיט אַ ליטעראַטור פֿון טויזנטער יאָרן.

פֿון דער אַנדערער זייט — יידיש. אַ שפּראַך אָן שום טראַדיציע, אָרים אין די פֿעדערן. אַן „אויפֿגעקומענער זשאַרגאָן". די טעג פֿוןווירקלעכער יידישער ליטעראַטור קאָן מען ציילן אויף די פֿינגער. זינט מענדעלי מוכר-ספֿרים.

דער פֿלאַכקעפּלדיקער יידישער נאַציאָנאַליסט מיינט, אַז ער איז אויסטערליש אָריגינעל מיט דידאַזיקע „וואָגיקע" אַרגומענטן. ער האָט אַ טעות. פֿון תּמיד-אָן, אין אַלע צייטן און אין יעדן דור, קעמפֿן די שריפֿטגעלערנטע און די „היטער פֿון מענטשלעכן גייסט" זייער פֿינסטערן קאַמף אַקעגן דעם מענטשלעכן גייסט און זיין פֿרייהייט. אַזעלכע און ענלעכע אַרגומענטן זענען זייער וואָפֿן, זייערע שלאָג-מאַטיוון. דער מענטשלעכער גייסט! וואָס זעען אין אים די אַקאַדעמישע ווילגעלערנטע? אַ מאַנעקען, אַ בלוט-אָרימען געטש, וואָס איז אויסגעקלעבט מיט באַגריפֿן ווי מיט עטיקעטן און היעראָגליפֿן און וואָס האָט נישט קיין שום אינערלעכע שייכות צו דער

עקזיסטענץ און צום וועזן פון לעבן. ער געהערט נישט צום לעבן. „דער גייסט שטייט אין ווידערשפרוך צום לעבן,״ — די פאטעטישע פראזע פון אקאדעמישער פחדנות. דער מענטשלעכער גייסט, אלע גייסטיקע באגריפן זענען נאר די אבסטראהירטע מענטשלעכע עקזיס־טענץ, — די מענטשלעכע עקזיסטענץ, וואס קומט זיך אליין צום באוווסטזיין, די מענטשלעכע עקזיסטענץ אלס אבסאלוטום. ניין. דאס שטימט נישט צום שאבלאן פון דער איבערפלעכלעכער ווילגעלערנט־קייט. „טייט יעדן גייסטיקן באגריף, רייסט־אפ דעם באגריף פון זיין לעבעדיקן שטאם־בוים, אזוי וועט איר אים בייקומען״, — די תורה פון דער ווילגעלערנטקייט. צו מומיזירן די פוחות פון לעבן, כדי אליין צו קאנען לעבן, — די לעבנס־טעטיקייט פונם אקאדעמישן פי־ליסטער. פועל־יוצא: די קולטור דערווייטערט זיך פונם מענטשלעכן וועזן, ווערט אן אבסטראקט באשעפעניש, זויגט פון די אייגענע פינ־גער און פארוואנדלט זיך אין א וויסטער טעאלאגיע. די קול־טור פון לעבן ווערט א בית־עלמין פון געשטארבענע געדאנ־קען, געשטארבענע געפילן און אנשויאונגען, וואס הגם זיי האבן אמאל אויסגעדריקט א לעבנס־באוווסטזיין, נאר, דערווייטערנדיק זיך פון לעבן, האבן זיי פארלוירן יעדע ווירקלעכע וואגיקייט און יעדן ווירקלעכן אינהאלט. זיי זענען אויסגעגאנגען, ווי בלומען אין דער טריקעניש. פון אזעלכע אפגעשטארבענע קולטור־באגריפן אנטשטייט דער גרויסער פרוכטלאזער בארג פון צונויפגעזאמלטן קולטור־שטויב. דער קולטור־שטויב, וואס לייגט זיך אויפן וועג פון גייסטיקער פריי־הייט, פון לעבעדיקער מענטשלעכער קולטור, און פארשטעלט איר דעם גאנג צו דער אנטוויקלונג, פארטונקלט איר די זון. אין דעמ־דאזיקן קולטור־שטויב פילט זיך די אקאדעמישע ווילגעלערנטקייט באקוועם. זי נורעט זיך דארט איין און שפייזט זיך דערפון, וואס הינטער דעם אקאדעמישן באגריף איז אויסגעלאשן געווארן דאס מענטשלעכע געפיל און מ׳קאן זיך פול אנשיטן די טאשן מיט אזעל־כע בר־מינן־באגריפן, וואס קוקן־אויס שווער לויט זייער אנגעבלאזנ־קייט, נאר זענען לייכט אין דער וואג ווי הוילע ניס. אזוי וואכן די ווילגעלערנטע איבער דער היסטאריע און „היטן די קולטור״. ווען דער לעבעדיקער מענטש, דער איין־און־איינציקער עיקר, וועגן

וועלכן עס גייט אין דער קולטור — וואָרים דער מענטש אַליין איז דער פונדאַמענט און דער באַזיס, אויף וועמען ס׳זענען אויסגעבויט אַלע גייסטיקע ווערטן — ווען דער מענטש, וואָס לעבט, וויל אַרויס־שטעקן דעם קאָפּ פון צווישן די הויפנס קולטור־שטויב, ווו די וויל־געלערנטע האַלטן אים פאַרשפּאַרט און ער רופט זיך צום לעבן און צו פרייהייט, דאַן טוט זיך חושך אין דעם „פוילן קעניגרייך דענע־מאַרק”. אַז דער מענטש רופט און עס וואַכט־אויף דאָס לעבן, ווערן די ווילגעלערנטע און די שריפטמייסטער געשטערט אין זייער טיפ־זיניקייט. יעדע באַוועגונג פון לעבן „דערצאָרנט” די שריפטגעלערנט־קייט און ברענגט זי „אַרויס פון די כּלים”. דער מענטש גאָר? וואָס איז דער מענטש? דאָסדאָזיקע אוניקום, דער מענטש, האָט אפשר געלעבט אַמאָל אין די מיטישע צייטן, — ער איז שוין פון לאַנג־אָן געשטאָרבן. מיר זיצן דאָ און „וואַכן” איבער דער חשובער ירושה.

יעדע קולטור־שפּראַך האָט פאַר אירע רעכט און פולווערטיקייט געהאַט אויסצושטיין אַ ביטערן קאַמף מיט דער „היסטאָריע”. אַפילו לאַטיין, וואָס במשך פון לאַנגע דורות איז זי פאַר די אייראָפּעישע פעלקער געווען די איינציקע שפּראַך פאַר גייסטיקער קולטור, די שפּראַך פון דער וויסנשאַפט, די שפּראַך פון פילאָזאָפן, דענקער און דיכטער, אויך זי איז אין אַלטערטום אויסגעשטאַנען אַ קאַמף מיט דער גריכישער שפּראַך, ווי אַלע שפּעטערדיקע קולטור־שפּראַכן — מיט דער לאַטייניַשער שפּראַך, און ווי היינט־צו־טאָג אונזער יידיש — מיט דער העברעישער שפּראַך. ווען מ׳האָט אין אַלטן רוים אָנגעהויבן צו שרייבן פילאָזאָפישע און דיכטערישע ווערק אויף דער שפּראַך פונם רוימישן לעבן — לאַטיין, אָנשטאָט אויף דער יחוסדיקער גרי־כישער שפּראַך, האָבן די קלוגע „היטער פון גייסט” — וואָס זענען גלייך איינער צום אַנדערן ווי צוויי טראָפּן וואַסער און געפינען זיך אין יעדן דור און צו יעדער צייט — זיך אַקעגנגעשטעלט דערדאָזי־קער „עם־הארצות”. די טענה איז אַלט ווי די וועלט: ווי קאָן מען טראַגעדיעס און פילאָזאָפישע טראַקטאַטן שרייבן אין דער שפּראַך פון די לאַטיומער פויערים און נישט אין דער קלאַסישער שפּראַך פון סאָפאָקלעס, פּלאַטאָן און אַנטיסטענעס?

די איבערפלעכלעכע ווילגעלערנטקייט איז זיך געטריי.

נאָר איך קער זיך אום צו יאַקאָב בורקהאַרדס בוך: „די קולטור פון דעם רענעסאַנס אין איטאַליע".

אין אַ זאַמלונג פון עסייען שילדערט יאַקאָב בורקהאַרד די לעצטע תקופה פון איטאַליענישן מיטלאַלטער און די אויפלעבונג פון דעם נייעם יאָרהונדערט. „אינם מיטלאַלטער זענען געלעגן דיביידע זייטן פונם באַוווסטזיין, דער בליק צו דער וועלט אַרויס און דער בליק צו דער אינערלעכקייט פון דעם מענטש גופא, ווי אונטער אַ געמיינזאַמען שלייער, טרוימעריש און האַלב-וואַך. דער שלייער איז געווען געוועבט פון גלויבן, קינדערישער נאַיִוויטעט און וואַנזיניקייט. די וועלט און די געשיכטע איז דורך אָט-אָ דעם שלייער דערשינען אין אַן אויסטערלישער פאַרב. אין איטאַליע ווערט דערדאָזיקער שלייער צום ערשטן צעווייט אין דער לופט. עס דערוואַכט די אָביעקטיווע באַטראַכטונג און די אָביעקטיווע באַהאַנדלונג פון דעם שטאַט און פון אַלע זאַכן אין דער וועלט. דערנעבן דערהויבט זיך מיט אַ זעלטענער מאַכט דאָס סוביעקטיווע. דער מענטש ווערט אַ גייסטיק אינדיווידואום. ער דערקענט זיך אַלס אַזעלכער. אַזוי האָט זיך אַמאָל דערהויבן דער אַנטיקער גריך אַקעגן די באַרבאַרן". אַזוי שילדערט יאַקאָב בורקהאַרד די אָנפאַנגען פון איטאַליענישן הומאַניזם. די איטאַליענישע רענעסאַנס-קולטור, — וואָס מיר לעבן נאָך אַלע אונטער איר איינפלוס, — זי האָט זיך נישט אַנטוויקלט, ווי די אַנטיקע גריכישע און עגיפּטישע קולטורן, פון פּרימיטיווע פאָרשטופן. די רענעסאַנס-קולטור אין איטאַליע איז געווען סיי דאָס קינד, סיי די רעאַקציע פון דער גרויסער לאַטיינישער קולטור. נישט מער: דידאָזיקע לאַטיינישע קולטור איז במשך פון מיטלאַלטער אָפּגעשטאַנען אין איר אַנטוויקלונג, זי האָט אָנגעהויבן צו פירן אַ זעלבשטענדיק לעבן מחוצן לעבן, דאָס לעבן צו איגנאָרירן, זיך שפּייזן בלויז פון אירע אייגענע באַגריפן. יעדע קולטור, וואָס רייסט זיך אָפּ פונם לעבן, פאַרטריקנט אינערלעך. דעגענערירט. דאָס מענטשלעכע געפיל פון דער וועלט, אויף וועלכן עס זענען אויסגעבויט די באַגריפן פון יעדער קולטור, קוים ווערט עס פאַרפרעמדט פון דער וועלט – שטאַרבט עס אָפּ. די לעבעדיקע אינהאַלטן פון דער קולטור פאַרלירן זייערע זאַפטן און צעפאַלן אויף אַש און שטויב. ווען די וועגן צו דער

וועלט ווערן אָפּגעשלאָסן, נעמט-אַרום אַ פינסטערניש און אַ בלינדקייט דעם מענטשלעכן גייסט. אין דערדאָזיקער פינסטערניש אַנטוויקלען זיך און שפּראָצן די ווילדע געוויקסן פון דער נשמה — דער אָבערגלויבן און דאָס סכאָלאַסטישע דענקען — אָט-אָ די עקזאָטישע וועלדער פונם געדאַנק, וואָס הגם אָפּט פאַרמאָגן זיי שיינקייטן, וואָס ווערן אונז געפעלן, דאָך איז דאָס אַ וועגלאָז פאַרבלאָנדזשעניש, וואָס פאַרפירט צו באַרבאַרישקייט און צו דער פאַרווילדונג פון גייסט. דאָס טרויעריקע שיקזאַל פון אַלע אַלטע קולטורן, וואָס פאַרגעסן צו טרינקען פון זייערע לעבנס-וואַסערן, די וואַסערן פון דער מענטשלעכערווירקלעכקייט, און טרייבן מיט זיך דעגענערירנדיקע זעלבסט-באַפרוכטונג — דאָסדאָזיקע שיקזאַל האָט אויך געטראָפן די לאַטיינישע קולטור. דער רוימישער הומאַניזם האָט זיך פאַרוואַנדלט אין מיטלאַלטערלעכער טעאָלאָגיע. די לאַטיינישע קולטור איז געוואָרן וואָסאַמאָל לעבנס-פרעמדער, דעריבער: וואָסאַמאָל פינסטערער, וויסטער, קרענקלעכער. נאָך היינט שרעקט אונז דאָס געדעכעניש פון דעם פינסטערן מיטלאַלטער, ווו מ'האָט אין אַ טויטער קולטור באַגראָבן דעם מענטשנס באַוווסטזיין וועגן זיך. דאָס ווערטפולסטע און געטלעכסטע אינם מענטש — די פרייהייט פון זיין פערזענלעכקייט און די פרייהייט פון זיין געדאַנק - האָט מען אָפּגעטייט. דער מענטש איז פאַרבליבן אַ נאַקעט און הויל געשפּענסט, ער האָט געהויזט און געלעבט צווישן זיינע אייגענע חורבות און געאָטעמט מיט דער פאַרפעסטעטער לופט פון געשטאָרבענע קולטורן. אין אַזעלכע געפערלעכע באַדינגונגען, ווער ווייסט, וואָס עס וואָלט געוואָרן פון אַלע אייראָפּעישע פעלקער, ווען דאָס אינערלעכע ווערט-באַוווסטזיין פונם מענטש וואָלט נישט רעוואָלטירט אונטער דער טעאָלאָגישער טויטקייט, זיך אָנגעהויבן צו באַוועגן און צו וועקן צום לעבן, צו דער ווידערגעבורט. דער רענעסאַנס איז געווען די רעוואָלוציע פון מענטשלעכן גייסט אַקעגן דער טויטער, איינגעבאַלזאַמירטער היסטאָריע. די ווידערגעבורט פונם לעבנס-קרייז. די פרוכטן פון דערדאָזיקער רעוואָלוציע האָבן נישט לאַנג געלאָזט אויף זיך וואַרטן. די סכאָלאַסטישע וויסטעניש פון מיטלאַלטער האָט זיך אָנגעהויבן צו באַדעקן מיט די גראָזן פון לעבן. אין זיין בוך וועגן אָט-אָ דער זייער באַלערנדיקער עפּאָכע פון

איטאַליענישן רענעסאַנס שילדערט יאַקאָב בורקהאַרד די באַוועגונגען פון לעבן, וואָס האָט אָנגעהויבן קומען צו זיך, נאָכדעם ווי דער מענטש האָט צוריק געפונען זיך און זיין מהות און דערקענט זיינע ווירקלעכע באַציִונגען צו דער וועלט. אין דער רענעסאַנס-עפּאָכע איז דער מענטש ענדלעך צוריק געוואָרן דער האַר איבער דעם גורל פון זיין געדאַנק און עס איז געשען דאָס גרויסע וווּנדער פון מענטש-לעכער פרייהייט: דער מענטש האָט ווידער אָנגעהויבן צו פילן די וועלט.

נישט דאָ איז דאָס אָרט איבערצודערציילן דאָס, וואָס יאַקאָב בורקהאַרד שרייבט וועגן איטאַליענישן רענעסאַנס. איך וויל נאָר אויפ-מערקזאַם מאַכן דעם לעזער אויף איין זייער וויכטיקן פאַקט אין דערדאָזיקער שעפערישער עפּאָכע, נעמלעך: אויף דער באַציִונג פון דעם רענעסאַנס-מענטש צום קלאַסישן אַלטערטום, צו דער היסטאָריע.

די ציוניסטן וועלן דאָ וועלן זען אַן אַנאַלאָגיע צווישן זייערע באַגריפן וועגן יידישן קולטור-רענעסאַנס און די אידעאַלן פונם רענע-סאַנס-מענטש. וואָרים אויך דער רענעסאַנס-מענטש האָט זיך גענומען פאַר אַ מוסטער דאָס גריכיש-רוימישע אַלטערטום.

עס ליגט אָבער אַן אָפּגרונט צווישן דעם איטאַליענישן הומאַ-ניזם און דעם ציוניסטישן העברעיזם. דאָס יידישע אַלטערטום פירט דעם ציוניזם אַרויף אויפן געדאַנק, אַז דער איינציקער-מעגלעכער וועג צו באַנייען און ווערטפולער צו מאַכן דאָס יידישע לעבן איז דער באַדינגונגסלאָזער צוריקגאַנג — צום יידישן אַלטערטום. דאָס יידישע אַלטערטום איז אונזער אַמאָליקער שטאָלץ. מיר, היינטיקע יידן, זענען בלויז די יורדים פון דער יידישער היסטאָריע, די שוואַ-כע אָפּגעקומענע דורות, די עפּיגאָנען, און דאָס אַלטערטום באַדאַרף אונז דינען פאַר אַן אָנהאַלט. איז וואָס-זשע באַדאַרפן מיר טון? האַלטן זיך ביי דער פּאָלע פון חשובן אַלטערטום: קאָפּירן און נאָכ-מאַלפּעווען די היסטאָריע, רעדן אויף דער שפּראַך פון דער היס-טאָריע, וווינען אינעם לאַנד פון דער היסטאָריע, דענקען די געדאַנקען פון דער היסטאָריע און לעבן אין איר וועלט-אָנשויאונג. זיך אָפּ-שירן מיטן אַלטערטום און באַקלעבן די „יידישע טאָרבע" מיט די חשובע רעליקוויעס — איז דער אידעאַל פונם ציוניזם. ווידערגע-

בּורט? האָפנונגסלאָזע וועגעטאַציע. אָפּזאָג פון יעדערווירקלעכער צוקונפט. פיל טיפער, לעבנספעיקער און פרוכטבאַרער איז דער רענעסאַנס-מענטש — צוריקגעגאַנגען צום אַלטערטום! באַפרייענדיק זיין מענטשלעכקייט פון דער גייסטיקער שקלאַפעריי — די מיטלאַלטערלעכע סכאָלאַסטיק — האָט דער באַפרייטער מענטש אָנגעהויבן זוכן דעם פרייען מענטש אין דער אייביקייט פון דער צייט. קוים וואָס עס האָט ערשט געגרויט דער מאָרגנשטערן פון לעבן איבערן פינסטערן מיטלאַלטער. דער יונגער ווידערגעבוירענער מענטש האָט מיט זיין געזונטן אינסטינקט פאַר דער ווירקלעכקייט געפונען דעם מענטש אין דער קלאַסישער עפּאָכע פון אַט-אָ דער, דורך דער טעאָלאָגיע פאַרקריפּלטער, לאַטיינישער קולטור. דער רענעסאַנס-מענטש האָט נאָר באַדאַרפט זיך אַליין צו געפינען, דערמיט האָט ער שוין געפונען דעם מענטש אין אַלע דורות און אין אַלע טאַטן פון דער קולטור. דעם מענטש, וואָס לעבט הינטער דעם מענטשלעכן גייסט און הינטער דעם מענטשלעכן געדאַנק. „זעטיקט אייערע נשמות ביי פלוטאַרכן און וואַגט אין זיך אַליין צו גלויבן, דערמיט וואָס איר גלויבט אין פלוטאַרכס העלדן". „דאָס, וואָס האָט אַמאָל באַוויזן דעם באַגריף „מענטש" צו אַנטוויקלען, צו פאַרטיפן, אים שענער צו מאַכן, דאָס מוז אויך תמיד פאַראַן זיין, און אייביק מוז עס זיין בכוח פונדאַסניי דאָסזעלביקע צו טון". פרידריך ניטשעס ווערטער וועגן די באַציונגען פון לעבן צו דער היסטאָריע. דעמדאָזיקן טיפן שעפערישן גלויבן אין זיך און אין זיינע מעשים האָט דער רענעסאַנס-מענטש געשעפּט פון די ברונעמער פון אַלטערטום. רענעסאַנס. ווידערגעבורט פון דער מענטשלעכער פערזענלעכקייט. אין דער אַנטיקער קולטור, אין די עשרותן פון גריכיש-רוימישן גייסט האָט דער רענעסאַנס-מענטש דערקענט אַלע מעגלעכקייטן פונם מענטש, און ער האָט דערפילט, אַז די אַלע מעגלעכקייטן זענען נישט אָפּגעשטאָרבן אין דעם קעגנוואַרטיקן לעבן, האָבן זיך נישט אויסגעלאָזט. דער מענטש באַדאַרף נאָר צוריקצוגיין צו זיין מהות, כדי דאָס גרויסע זאָל ווידערגעבוירן ווערן.

דער ציוניזם רעזיגנירט פונם לעבן פאַר דער היסטאָריע. קאַפּיטולירט פאַר איר. דער רענעסאַנס-מענטש האָט אויסגענוצט די

היסטאָריע פאַרן לעבן. די היסטאָריע האָט אים צוגעהאָלפן טיפער צו גראָבן די ברונעמער פון דער ווירקלעכקייט, כדי דאָרט פונדאַסנײַ צו געפינען די מענטשלעכע רייכטימער. די טאַט זיינע איז געווען היסטאָריש דערמיט, וואָס זי איז געווען דורכאויס קעגנוואַרטיק. ס׳איז אונטערגעשטראָכן געוואָרן די וואָגיקייט פון דער פאַרגאַנגענהייט, כדי נאָך דייטלעכער צו ברענגען צום באַוווסטזיין די וואָגיקייט פון דער קעגנוואַרט. די וואָגיקייט פון לעבן. דאָס אייביקע אין דעם לעבנס־קרייז.

פון היסטאָרישן שטאַנדפונקט קומט דער ציוניזם צום אויספיר, אַז מ׳דאַרף זיך אָפּווענדן פון יידישן לעבן מיטן פנים צו דער היסטאָריע, צום יידישן אַלטערטום. העבראיזם — ווייל דאָס יידישע לעבן איז אָרים און ווינציק אין מעגלעכקייטן, מ׳קאָן קיין גרויסקייט דערמיט נישט באַווייזן. דער רענעסאַנס־מענטש שטייט אויפן שטאַנדפונקט פון דער היסטאָריע מיטן פנים צום לעבן. גראָד אין, און דורך, זיין באַגייסטערונג פאַרן לאַטיינישן אַלטערטום גלויבט ער אינם מענטש און אין דער קעגנוואַרט. פון זיין קעגנוואַרטיקן לעבן אַרויס שאַפט דער רענעסאַנס־מענטש די נייע גרויסע טאַטן. די הומאַניסטישע קולטור. זיין ווידערגעבורט. דער רענעסאַנס־קינסטלער, דער תּלמיד פון קלאַסישן אַלטערטום, שאַפט און שרייבט אויף דער שפּראַך פון לעבן — אויף איטאַליעניש.

ייִדישיזם

דער העברעיִסטיש-ציוניסטישער נאַציאָנאַליזם וויל בשום אופן נישט איינזען, אַז די אַנטוויקלונג פון דער ייִדישער געשיכטע מוז גיין אין פּאַראַלעל צו דער געשיכטע פון דער מענטשהייט. אויך ייִדן זענען נאָר מענטשן, בלוט און פליש; די געזעצן פון לעבן, וואָס גילטן פאַר אַנדערע פעלקער, — גילטן אויך פאַר ייִדן. מ׳קאָן נישט לעבן אין ווידערשפּרוך צום לעבן. נאַציאָנאַלע אייגנאַרטיקייט איז נאָר אַן אייגן, אינדיווידועל זיך-אויסלעבן — אין לעבן. לעבנס-געפיל. אייגנאַרטיקייט הייסט אָבער נישט: לעבן — קעגן לעבן. אייגנאַרטיקייט און קאָפּויערדיקייט זענען נישט קיין סינאָנימע באַגריפן, שטייען נישט אין צוזאַמענהאַנג.

דענקט מען אין ווידערשפּרוך צו די געזעצן פון דער וועלט, הייסט עס: מען דענקט ענג, סוביעקטיוו-עגאָיסטיש; מ׳דענקט לויט אַ בלינדן פאָראורטייל, אַטאַוויסטיש; מ׳דענקט, לויט ווי מען איז דערצויגן. דאָס בלינדע היסטאָרישע דענקען פונם ציוניסטישן נאַציאָנאַליזם נעמט זיך דערפון, וואָס, ביי זיין גאַנצער פלומרשטער הומאַניסטישקייט, דענקט דער ציוניסטישער נאַציאָנאַליזם נישט פריי, נישט מענטשלעך-זעלבשטענדיק. ער דענקט נישט הומאַניסטיש. הגם דער גרויסער רוב פון די פּראָמינענטע פאָרשטייער פונם ציוניסטישן נאַציאָנאַליזם האָבן זיך אין זייער פּריוואַטן לעבן באַפרייט פון דער פאָרמעלער רעליגיעזער דאָגמאַטיק, לעבן פריידענקעריש און פירן זיך אויף ווי די אמתע אַפּיקורסים, פונדעסטוועגן — וואָס שייך צו דער קאָנסטרוקציע פון זייער דענקען (און דאָס איז דאָך דער עיקר) — זענען זיי פאַרבליבן דאָגמאַטיקער, רבנים. זייער געדאַנק באַוועגט

זיך אין אַן אָפּגעשלאָסענעם קרייז פֿון טראַדיציאָנעלע פּאַראָווּרטיילן וועגן מענטשלעכע קולטור-ווערטן. די ציוניסטן רירן זיך אויף אַ האָר נישט אַרויס פֿון פֿאַרעלטערטע קאָנווענציאָנעלע באַגריפֿן וועגן דעם וועזן, די אויפֿגאַבן און די היסטאָרישע וועגן פֿון דער מענטשהייט. ווייל זיי דענקען נישט זעלבשטענדיק, דעריבער דענקען זיי שאַבלאָנ-מעסיק, דעריבער דענקען זיי נישט מיט דעם לעבנס-געפּיל פֿון די פֿריערדיקע דורות, נאָר מיט די ווערטער און מיט דער גייסטיקער מעכאַניק פֿון די עלטערע דורות. דעריבער לעבן די ציוניסטן מיט אַזאַ „ציטער אין די לענדן" פֿאַר דער היסטאָריע און פֿאַר דער טראַדיציע. וואָרים אָט-אָ די „הומאַניסטישע" ציוניסטן קאָנען נישט שטיין אויף די אייגענע פֿיס. איז דאָס נישט דער גאַנצער אופֿן פֿונם סכאָלאַסטישן דענקען? זיין הומאַניסטיש און נישט קאָנען אָנ-הייבן פֿון זיך אַליין אַרויס, הומאַניסטיש — און נישט שטיין אויפֿן באָדן פֿון דעם קעגנוואַרטיקן, אויפֿן באָדן פֿון לעבן? אַזאַ קאָנצעפּציע פֿון הומאַניזם לייגט זיך נישט אויפֿן שכל. זי ווידערשפּרעכט זיך. מען מוז זיך פֿון צופֿריער גוט אָנפּשטלען און צונויפֿפֿירן אַ וואַנט מיט אַ וואַנט, כּדי אויפֿצושטעלן אַ טעאָריע, וואָס זאָל ווי-עס-איז צוזאַמענקניפּן אָט די צוויי קעגנזאַצן. פֿרייהייט פֿון געדאַנק? וועלט-לעכע אויפֿפֿאַסונג פֿון געשיכטע? דאָס איז דאָך די גוט-באַקאַנטע מיטלאַלטערלעכע חקירה. רבנישער „אמונה וחקר". יענע כּלומרשטע פֿיליסופֿיה, וואָס איז נאָר געווען די דינסט-מויד פֿון דער מעכאַני-זירטער טעאָלאָגיע, איר נושא-כּלים, פֿון דער סכאָלאַסטיק אַטראָפֿירט. דער העברעיסטיש-ציוניסטישער נאַציאָנאַליזם איז נאָר אַ מאָדערנע, באַדנלאָזע און פֿאַרפֿלאַכטע פֿאָרם פֿון רבניזם. די אייגענע יענטע, נאָר אַנדערש געשלייערט. ווען עס קומט-אויס אַן אינערלעך פֿרייען מענטש צו פֿאָלעמיזירן מיט די ציוניסטן, פֿאַרשאַפֿט עס אים תּמיד בייז בלוט — ווייל עס איז שווער צו רעדן צום ציוניסטישן מענטש-לעכן פֿאַרשטאַנד. די ציוניסטן ווילן נישט הערן. אַפֿילו אין זייער פּאָליטיש-געזעלשאַפֿטלעכער אידעאָלאָגיע בלייבן די ציוניסטן סכאָלאַס-טיקער. זיי האָבן אַ מאָדנעם ווידערווילן צו פּשטות, צו גלייכע זאַכן, און אויף די געזעצן פֿון דערווירקלעכקייט קוקן זיי ווי אויף קור יאָזן. דעריבער פֿאַרליאַרמען און פֿאַרשרייען די ציוניסטן די אַלע

וואָס קוקן ניכטערער און מענטשלעכער אויף די געשיכטלעכע פּער־ספּעקטיוון פון זייער אידעאָלאָגיע. דעריבער אורטיילן די ציוניסטן אַזוי אומבאַהאָלפן. באמת, אויף פאַרעלטערטע אינסטינקטן, אויף בלינדע פאָראורטיילן — ווען אַפילו דידאָזיקע בלינדקייט איז אידעאַליסטיש — איז שווער צו ווירקן. זייער אָפּט קומט גאָר אויס צו הערן פון די פירער פונם ציוניסטישן געדאַנק פאָלגנדיקע סענטענצן: דער ציוניזם איז אַ „דבר שבלב", אַ היסטאָרישע דאָגמע, דער ציוניזם באַדאַרף גאָר נישט צו זיין באַוווסטזיניק, פאַרנונפטיק. סכאָלאַסטישע פילאָסופיה! איך קאָן מיר נישט פאָרשטעלן קיין „דבר שבלב", וואָס קאָן נישט ווערן באַוווסטזיניק. דאָס איידעלסטע געפיל, דער אינטימסטער „דבר שבלב", קאָן בשום אופן נישט זיין מחוץ פון דעם גאַנצן גאַנג פון דער וועלט, סיידן עס איז אַ פּראָזנהאַפטע געפיל, אַ ליגנעריש געפיל, אליין זיך געשיט זאַמד אין די אויגן. וועלט־געפיל הייסט: פ י ל ן די ו ו ע ל ט, וועלט־אָנשוי־אונג הייסט — ז ע ע ן די ו ו ע ל ט. די ווירקלעכע מיסטיקער, די מיס־טיקער פון ווערט, — ווי ק ל אָ ר זיי זענען אין זייער דענקען! דע־רין שטעקט זייער גרויסער אמת. וואָרים וואָס הייסט קלאָר דענקען? קלאָר פילן? קלאָר שאַפן? די העכסטע מדרגה פון גייסט. די פרוכט־באַרסטע סינטעזע, ווו עס קומען זיך צונויפן וועלט־געפיל און וועלט־אינטעלעקט. דער וועלט־געדאַנק. דאָס וועלט־געפיל פונם פרייען מענטש, וואָס האָט זיך באַפרייט פון אַלע חיהשקייטן און פון פאָראורטיילן. דאָס וועלט־געפיל פון הומאַניזם. באַוווסטזיין איז נישט קיין הוילע מעכאַנישע קאָמבינאַציע. געפיללאָזער שכל. עס איז דאָס געפיל, וואָס האָט זיך אָביעקטיוויזירט און איז פאַר זיך אַליין קלאָר געוואָרן. דאָס געפיל אין דער גלאָריע פון מענטשלעכער זעלבשטענדיקייט. באַוווסט־זיין איז גייסטיקע פרייהייט. נאָר צו דעמדאָזיקן שטאַפל פון באַוווסט־זיניקייט אין אַלע געביטן פון גייסטיקער טעטיקייט מוז מען דעם מענטש פון צופריער דערציען, וועקן און אַנטוויקלען זיין פרייע פער־זענלעכקייט, זיין מענטשלעכקייט, וועקן דאָס געטלעכע אין אים: די גייסטיקע פרייהייט. הומאַניסטישע קולטור־אַרבעט.

ביי זיינע אַלע שיינע ווערטער וועגן וועלטלעכקייט און הומאַ־ניזם, קאָן דער העברעיסטיש־ציוניסטישער נאַציאָנאַליזם זיך נישט אַרויסרירן פון דעם קרייז, וואָס איז אַרום אים אָנגעצייכנט, — פון

דער מיטלאַלטערלעכער וועלט-אַנשויאונג. עס איז קיין חידוש נישט, וואָס יעדער פּרווו פון ווירקלעכן יידישן הומאַניזם קוקט-אויס אין די ציוניסטישע אויגן ווי אַ בונט פון עם-הארצים אַקעגן די „תּלמידי-חכמים” און די וווילגעלערנטע, ווי אַ פּראָפּאַגאַציע פון אַלע היסטאָריש-יידישע הייליקטימער. עם-הארצים און גראָבע יונגאַטשעס אין די ענינים פון דער געשיכטע — דאָס איז דאָך דער טאָג-טעגלעכער ציוניסטישער עפּיטעט, מיט וועלכן עס ווערן רוינט" די יידישיסטן אין זייער קאָנסעקווענטן קולטור-קאַמף.

וואָס איז יידישיזם?

די יידישיסטישע אידעאָלאָגיע איז דער געוואַגטסטער פּרווו פון עכטן הומאַניזם אין יידישן לעבן. אַלס היסטאָרישע באַוועגונג איז דער שטאַנדפּונקט פונם יידישיזם דער אייגענער, ווי דער שטאַנדפּונקט פונם איטאַליענישן הומאַניזם: זוכן דעם מענטש אין דער אַנטוויקלונג פון דער היסטאָריע, וואָרים דער מענטש איז דער עיקר אין דער היסטאָרישער אַנטוויקלונג. דער יידישיזם האָט דאָס וועלט-באַנעמען פונם רענעסאַנס-הומאַניזם אַריבערגעטראָגן אין אונזערע יידישע קולטור-פּאַרהעלטנישן. יידישע הומאַניסטישע קולטור. באַנייען און פּאַרוועלטלעכן דאָס יידישע לעבן. רענעסאַנס פון דער יידישער געשיכטע. ווי אַזוי ווערט עס געטון? איין-איינציקע פּאָזיטיווע מעגלעכקייט פירט צו דערדאָזיקער דערהויבענער טאַט: דער יידישער מענטש. געפינען דעם יידישן מענטש אין דער אַנטוויקלונג פון דער יידישער היסטאָריע, הייסט: געפינען דעם פונדאַמענט, די עלעמענטן, דאָס וועזן און דעם מהות פון דער יידישער קולטור. דער לעבנס-קרייז פון אַלע יידישע מעשים אין דער היסטאָריע. נאָר אויף דעמדאָזיקן, איינציק-רעאַלן באָדן — דעם יידיש-היסטאָרישן מענטש — קאָן מען פּרוון אויפשטעלן דעם ווינקל-שטיין פון אַ יידישן הומאַניזם. דעם יידישן רענעסאַנס. די שענערע און געזונטערע צוקונפט פאַרן יידישן כלל. די מענטשלעכע און נאַציאָנאַלע לעבנס-ווערטן פון דער יידישער נאַציע, אָן וועלכע דאָס נאַציאָנאַלע לעבן פון יידן איז אַ גייסטיקער גיהנם.

אַרויסהויבן דעם יידישן מענטש פון דער גייסטיקער פּאַרשקלאַפונג,

פון יידישן מיטלאַלטער. אינערלעך באַפרייען דעם יידישן מענטש און אים שטעלן בראש פון זיין היסטאָרישער אַנטוויקלונג. יאָ־זאָגן צום יידישן לעבן און צו דער יידישער קעגנוואַרטיקייט. געבן דעם יידישן מענטש די היסטאָרישע איניציאַטיוו אין דער האַנט, ער זאָל נישט זיין דער טויטער מוזעאַלער באַגאַזש, וואָס שלעפּט זיך נאָך נאָך אַ ווילגעלערנטער אַבסטראַקציע און וואָס די אַבסטראַקטע וויל־געלערנטקייט קאָן מיט אים מאַכן וואָס איר ווילט זיך נאַר. גייסטיק פריי זאָל זיין די יידישע פערזענלעכקייט. מיר דאַרפן טון די איינ־ציק־מעגלעכע טאַט פון אויפלעבונג: צוריקפירן דעם יידישן מענטש צו דעם היסטאָרישן גאַנג פון דער וועלט.

יידישער הומאַניזם.

ס׳מוז צוגעגעבן ווערן: דער ערשטער רוף צו דערדאָזיקער אַנטשיידונגספולער רעוואָלוציע אינם יידישן לעבן (אָן וועלכער אַלע פרוון פון אַ יידישן הומאַניזם מוזן בלייבן אויסזיכטלאָז) באַלאַנגט נישט גראָד צום יידישיזם. די השכלה, די ערשטע אויפלעבונגס־באַ־וועגונג ביי יידן, האָט געמאַכט דעם רעוואָלוציאָנערן אָנהייב. די השכלה־ליטעראַטור אין דער העברעישער שפּראַך האָט אָנגעהויבן דעם הומאַניסטישן קולטור־קאַמף. אויך דאָ גייט די אַנטוויקלונג פון יידישן הומאַניזם אַנאַלאָגיש מיט דעם קולטור־קאַמף פונם איטאַליענישן רע־נעסאַנס. די הומאַניסטישע באַוועגונג אין איטאַליע האָט זיך אָנגע־הויבן אין דער לאַטיינישער שפּראַך. דאַנטע, דער פאָטער פון דער נייער איטאַליענישער ליטעראַטור, האָט זיינע שוואַכערע ערשטלינג־ווערק אָנגעשריבן אויף לאַטיין. אַנטוויקלונגס־געשיכטלעך זענען אַזעלכע זאַכן פאַרשטענדלעך און נאַטירלעך: אינעווייניק, אין די באַשטייענ־דיקע פאָרמען פונם געזעלשאַפטלעכן לעבן, אַנטוויקלען זיך זייערע קעגנזאַצן. רעוואָלוציעס קומען נישט פון הימל. די זאָמען פונם נייעם לעבן, וואָס באַדאַרף קומען, ליגן אין שויס פונם אַלטן לעבן, וואָס מוז פאַרשווינדן. דאָס געזעץ פונם „שטאָף־אויסטויש” פון דער היסטאָריע. אַזוי איז עס. אין דער שפּראַך פון דער יידישער טעאָלאָגיע זענען געשען די ערשטע אָנגריפן אויף דער פעסטונג פון רבניזם. העבּרעיש — ווייל: די השכלה איז ערשט געווען דער אינעווייניקסטער פונאַנדער־פאַל פון דער דינים־סכאָלאַסטיק, די עלעמענטן פון רבניזם אין דער

אויפלעזונג און אין דעם צוזאַמענבראָך. די השכּלה איז נאָך נישט
געווען קיין פּאָזיטיווער הומאַניזם. דער קולטור-קאַמף פון דער השכּלה
איז געווען אַ נעגאַטיווער קאַמף. פּרווון צו צעשטערן. די משׂכּילים
זענען געשטאַנען פונדערווייטנס פון דעם יידישן מאַסן-לעבן, סוף-כּל-
סוף האָבן זיי נאָך געשטעקט מיט ביידע פיס אין דער רבנישער טעאָ-
לאָגיע, דעריבער האָבן זיי זיך נישט אָפּגעהאַלטן אַליין צו פאַרלאָ-
טעווען די צעשטערטע מויערן. טעאָלאָגישע רעפאָרמען. „תּיקונים
בדת". אַן אינערלעכער ענין פון דער יידישער טעאָלאָגיע. „הויף-
רעוואָלוציע אינם רבניזם". די משׂכּילים האָבן געקעמפט נאָר כּדי
מילדער צו מאַכן דעם שווערן טעאָלאָגישן רעזשים אינם יידישן לעבן.
די היסטאָרישע פּערספּעקטיוון פון דעמדאָזיקן קולטור-קאַמף זענען פאַר
די משׂכּילים אַליין געלעגן אין נעפּל. וואָס האָבן זיי געוואָלט?
נישט בויען פון די יידישע מאַסן אַרויס די נייע יידיש-הומאַניסטישע
קולטור, נאָר העלפן דער אונטערדריקטער יידישער מאַסע, זי „בילדן",
אויסגלייכן זי אַביסל מיט דעם „עם-הארץ", מיט דער אַרומיקער
לאַנד-באַפעלקערונג, מאַכן דערטרעגלעכער דאָס יידישע לעבן, דער
עיקר — באַפרייען די יידישע מאַסע פון די „פאַלשע צדיקים". ווי-
דער קאַמף קעגן רבניזם. געזעלשאַפטלעך אַ נוצלעכע טאַט, אָן וועל-
כער מ'וואָלט נישט געקאָנט טון אַ שריט ווייטער. ריכטיק. הוילער
נעגאַטיוויזם אָבער, אָפּשאַפן היסטאָרישע פאָראורטיילן און קאָנווע-
נאַנסן, איז נאָך ווייניק. יעדע היסטאָרישע טאַט איז די מוטער פון
אַ צווייטער, פון איר אַרויספאָלגנדיקער, טאַט. גאַנצע מעשׂים פאַר-
לאַנגען קאָנסעקווענטקייט. נאָר יענער נעגאַטיוויזם איז פרוכטבאַר,
וואָס פירט צום פּאָזיטיוון. וועלנדיק אומוואַרפן דעם פאַרעלטערטן
טעאָלאָגישן בנין, וואָס האָט געדריקט אויפן יידישן לעבן, האָבן די
משׂכּילים נישט געצויגן די ווייטערדיקע קאָנסעקווענצן פון זייער הו-
מאַניסטישער אידעאָלאָגיע. וואָרים אין די יידישע מאַסן אַלס אַזעלכע
(ווו די משׂכּילים האָבן, אומווילקירלעך אפשר, געוואָרפן די זאָ-
מענדלעך פון הומאַניזם) האָט זיך אָנגעהויבן צו באַוועגן אַן אינערלעך
לעבן. אינם משׂכּילישן קאַמף צו באַפרייען דאָס יידישע לעבן פון אַ
מיטלאַלטערלעכער פאַרשקלאַפונג האָט זיך, צום גליק פאַר דער יידי-
שער געשיכטע, אַרויסגעוויזן, אַז די לעבעדיקע פונדאַמענטן פון

יעדער געזעלשאַפט, די פאָלקס-מאַסן, זענען נאָך נישט געווען גייסטיק אָפּגעשטאָרבן, גייסטיק דעגענערירט. די יידישע מאַסע, ווי די איטאַליענישע מאַסע אין דער אָנהייב-תקופה פון רענעסאַנס, איז נאָר געווען איגנאָרירט, „אַוועקגעשטעלט אין שאָטן״, דורך דער לאַנגער הערשאַפט פון די רבנים. די משכילים האָבן געאַקערט אין אַ פרוכטבאַר פעלד. אין די פינסטערע יידישע הימלען האָט אויפגעבליט דער ערשטער שטריך פון מאָרגן: עס האָט זיך דער י י ד י ש ע ר מ ע נ ט ש געוועקט אין דער אָפּגעשטאַנענער יידישער מאַסע. די גרויסע היסטאָרישע האָפנונג. די האָפנונגספולסטע טאַט: די פּרימערע עלעמענטן פון דער יידישער געשיכטע, די לעבנס-קוואַלן אירע, די יידישע געמיינזאַמקייטן, זענען נאָך טויזנט-יאָריקער טאַטלאָזיקייט אַרויסגעטרעטן פון זייער פּאַטאַלער פּאַסיוויטעט. דאָס ווונדער איז געשען.

אויך אויף דעם גייסטיקן בית-הקברות, ווו עס איז געלעגן באַגראָבן דער יידישער מענטש, האָבן ווו-נישט-ווו אָנגעהויבן אויפצושפּראָצן די גראָזן פון לעבן.

ווילן צו אַקצענטירן זיך אַלס ווערט, באַוווסטזיניק זיך חערן אַלס לעבעדיקער מהות — דאָס זענען די ערשטע געבורט-צייכנס פון נאַציאָנאַלער קולטור. די נאַציאָנאַלע קולטור וואַקסט-אויס אין איר היסטאָרישער וואָגיקייט, וואָס שטאַרקער און ווערטפולער די אינערלעכע כוחות פון באַוווסטזיין לעבן אין דער נאַציע.

אין דעם מאָמענט, ווען די יידישע מאַסן האָבן זיך נישט געקאָנט באַגנוגענען בלויז דערמיט, וואָס מען האָט זיי באַפרייט פון אַ גייסטיקער שקלאַפעריי, נאָר זענען ווייטער געגאַנגען זייער היסטאָרישן וועג: געוואָלט ווערן שאַפעריש און אַקצענטירן זיך ווי פרייע יידישע מענטשן אין דער מענטשלעכער געמיינזאַמקייט, — אין דעמדאָזיקן מאָמענט האָט געמוזט קומען דער נאַטירלעכסטער פּועל-יוצא פון יידישן הומאַניזם — די יידישיסטישע אידעאָלאָגיע, דער יידישיזם.

דער משכיליזם האָט געענדיקט זיין היסטאָרישע ראָל. בייע, פּאָזיטיווע פּראָבלעמען האָבן אָנגעהויבן צו געדייען אינעווייניק אין דער יידישער מאַסע, אַ טיפערע באַציִונג צום אייגענעם לעבן. דאָס,

וואָס עס האָט אַמאָל געקלונגען אינם מויל פון די משכּילים ווי רופן צום רעוואָלוציאָנערן קאַמף, האָט שוין אין אָנגעזיכט פון די נייע פּאָזיטיווע אידעאַלן אין דער מאַסע געקלונגען ווי שאַבלאָן. צו־פיל איבערגעחזרטער שאַבלאָן איז מער ווי שאַבלאָן: נאַיווע בטלנות. די אַנטוויקלונג פון לעבן האָט זיך פאַרויסגערוקט — איבער די קעפּ פון די משכּילים. איצטער האָט עס זיך געהאַנדלט נישט בלויז אין „בילדונג", השכּלה, אין „אויסמענטשלען" די פינסטערע, פאַרוואָרלאָזטע יידישע מאַסע. אַ היסטאָרישער מהות פון אַ פּאָזיטיוו יידיש דאָזיין, דאָס יידישע ווערט־געפיל, דאָס יידישע וועלט־געפיל, דאָס געפיל פון יידיש־נאַציאָנאַלער מענטשלעכקייט האָט זיך אָנגעהויבן צו אַנטפּלעקן אין דער יידישער מאַסע. די משכּילישע אינטעליגענץ איז געשטעלט געוואָרן פאַר צוויי מעגלעכקייטן. ערשטע מעגלעכקייט: צוצומאַכן די אויגן פאַר דערדאָזיקער ספּאָנטאַנער היסטאָרישער טאַט פון יידישער פרייהייט, פאַר די פרוכטן פון אייגענעם קאַמף און בלייבן פאַרעקשנט שטיין אויפן אָרט. נישט מיטצוגיין מיט דער אַנטוויקלונג פון די אינערלעכע געשעענישן אין דער יידישער מאַסע. דערמיט — ווילנדיק, צי נישט־ווילנדיק — פאַרוואַנדלען די משכּילישע רעוואָלוציע אין אַ משכּילישער רעאַקציע, אין אַ ווידערשטאַנד צום לעבן. דעם יונגן יידישן הומאַניזם פאַרשלעפּן אין דער פינסטערניש און אים אָנטון אין אַ שפּאָגל־נייַ פאַרזעעניש, אין אַ העברעיסטישער סכאָלאַסטיק (אחד־העם). צווייטע מעגלעכקייט: זיין קאָנסעקווענט און מוטיק אין דעם אייגענעם דענקען, קוקן מיט אָפענע אויגן אויף דער נאַטירלעכער אַנטוויקלונג פון יידישן הומאַניזם. דער עיקר: זי אַליין — די יידישע אינטעליגענץ — מוז זיך קודם־כּל באַפרייען פון דער אויבערפלעכלעכער און שעדלעכער פאָרשטעלונג, אַז אין דעם יידישן מענטש איז דאָס בלוט־און־פלייש פון גאָר אַן אַנדערן באַשטאַנד, ווי דאָס בלוט־און־פלייש פון אַנדערע מענטשן, אַז דער שטערן פון יידישן שיקזאַל לייכט נישט אין דעמזעלביקן הימל, ווי די שטערנס פון אַלע נאַציעס, אַז פאַר יידן גילטן אַנדערע היסטאָרישע געזעצן און אַז די יידישע געשיכטע איז נישט קיין לעבעדיקער קערפּער, וואָס אַנטוויקלט זיך, פּאַסט זיך צו, האָט זיין אינערלעכע לעבנס־טעטיקייט — נאָר איז אַ מין מוזעאַל־אוניקום, אַ היסטאָרישע רעליקוויע.

אַט פון דעמדאָזיקן קאַרדינאַלן טעות מוז זיך באַפרייען די יידישע אינטעליגענץ, אויב זי וויל זיין שאַפעריש און האָבן איינפלוס אויף דעם נאַטירלעכן לויף פון די געשעענישן — אויב זי, די יידישע אינטעליגענץ, וויל נישט פאַרבלייבן הינטערשטעליק, אַ שטיין און אַ שעדלעכקייט אויפן וועג פון דער נאַציאָנאַלער אַנטוויקלונג. דער טייל פון דער יידישער אינטעליגענץ, וואָס איר אויער איז וואַך געווען פאַר דעם רוף פון דער היסטאָרישער אַנטוויקלונג, וואָס האָט תמיד געהאַט פאַר די אויגן די יידישע היסטאָרישע רעאַליטעט — די יידישע געמיינזאַמקייטן, דידאָזיקע יידישע אינטעליגענץ האָט פאַרשטאַנען דעם גאַנצן פאַרנעם פונם יידישן הומאַניזם און זי איז ערלעך געוועזן צו זיך און צו דער געשיכטע. מיט דער פולער פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַרן נאַציאָנאַלן געוויסן האָט זיך אַט־אָ די ראַדיקאַלע יידישע אינטעליגענץ געשטעלט אין דער שפיץ פון אַן אויפריכטיקער הומאַניסטישער באַוועגונג אינם יידישן לעבן: יידישיזם. יידישיזם הייסט: אויסצורופן דעם יידישן מענטש אַלס דעם איין־און־איינציקן פאַקטאָר פון דער יידישער געשיכטע. אָנערקענען דאָס לעבעדיקע יידישע לעבן אַלס דעם אייביקייטס־מאָטיוו אין דעם קרייז פון יידישער געשיכטע. אָנערקענען די יידישע קעגנוואַרט אַלס דעם שטאַרקסטן אויסדרוק פון דעם יידישן נאַציאָנאַלן מהות אין דער געשיכטע.

דאָ טרעפט זיך דער יידישער הומאַניזם ווידער צונויף מיטן הומאַניזם פונם איטאַליענישן רענעסאַנס. נעמלעך, בנוגע דער פראַגע: וואָס הייסט שפראַך? נאַציאָנאַלע קולטור־שפראַך?

שאָפענהויער זאָגט: „ווי דער סטיל צום גייסט פון דעם אינדיווידואום, אַזוי פאַרהאַלט זיך די שפראַך צום גייסט פון דער נאַציע". די שפראַך איז דער סטיל פון דער נאַציע. די שפראַך איז דאָס נאַציאָנאַלסטע אין דער נאַציע און דאָס מענטשלעכסטע אין דעם מענטש. מ׳דאַרף ווירקלעך האָבן אַ וואַך און טיף געפיל פאַר דער וועלט, כדי צו הערן אין דער שפראַך די איידלסטע און אינטימסטע אויפציטערן פונם מענטשלעכן וועזן, כדי צו הערן ווי אין דער שפראַך רעדט די וועלט דורך דעם מענטשלעכן סוביעקט. דעריבער

איז די שפּראַך דאָס גרעסטע באַוווסטזיין פון דער וועלט און די העכסטע מדריגה פונם געפיל. פון דעם מיסטעריום פון דער וועלט פליסן־אַרויס די קוואַלן פון דער שפּראַך. אין דער שפּראַך האָט דער מענטש דערגרייכט זיין סטיל. איז ער געוואָרן מענטש. ווי אַ שיקזאַל באַגלייט די שפּראַך דאָס לעבן. די מענטשלעכע שפּראַך איז דאָס טאָג־טעגלעכסטע אינם מענטשלעכן לעבן, — אָבער אויך — ניין, דערפאַר אויך — ווייל זי איז דאָס טאָג־טעגלעכסטע און דאָס נאָענטסטע, איז זי אַלס קולטור־פאַרמעג דאָס איידלסטע, דאָס נאָבעלסטע, דאָס נשמהדיקסטע פונם לעבן, וואָרים יעדע מענטשלעכע טאַט ווערט דערהויבן אין דער שפּראַכלעכקייט, באַקומט וואָגיקייט, פאַרוואַנדלט זיך אין וועלט־באַשויאונג, אין בילד, אין באַוווסטזיין. דאָסווירקלעכע פון דער וועלט קאָנדענסירט זיך אין דער שפּראַך, זאַמלט און לייטערט זיך אין איר און ווערט אין די באַגריפן פון דער שפּראַך אַ העכערע, אַן אינטימערע, אַ מענטשלעכערע ווירקלעכקייט. ביי די גרויסע מייסטער פון ליטעראַטור און פילאָזאָפיע קאָן מען ווירקלעך קיינמאָל נישט וויסן, ווו עס ענדיקט זיך די שפּראַך און עס הייבט זיך אָן דאָס שאַפערישע בילד, דער טיפערער געדאַנק, דאָס געפיל. אין מלכות פון דער קונסט שטאַמען זיי ביידע, די שפּראַך און דאָס בילד, פון איין שורש, פון איין קוואַל: פון דער אינערלעכסטער וועלט־דערקענטניש; און זיי האַרמאָניזירן צוזאַמען אין דער קינסטלערישער שאַפערישקייט. מען קאָן זיך נישט פאָרשטעלן קיין ברוטאַלערע פּראָפּאַנאַציע, קיין גרעסערן חילול־הקודש, קיין שרייענדיקערע עם־הארצות, ווי בעת מען גייט־צו צו דעמדאָזיקן איידלסטן אָרגאַן פון דער נאַציע, די טאָג־טעגלעכע און לעבעדיקע נאַציאָנאַלע שפּראַך, מיט פאַרעקשנטע פאָראורטיילן, מיט גראָבע הענט, און מען פאָרעט זיך אַרום איר, ווי אַרום עפּעס אַ מעכאַנישן אָביעקט, וואָס מ׳קאָן אים איבערמאַכן און אויסטוישן צו יעדער צייט. מ׳מוז האָבן די באַנאַלסטע פאָרשטעלונגען וועגן מענטשן, וועגן נאַציע און וועגן געשיכטע, אַז מ׳זאָל נישט האָבן קיין פאַרשטענדניש פאַר דערדאָזיקער הערלעכסטער דערגרייכונג פון דער נאַציע — די שפּראַך, אין וועלכער זי לעבט־אויס אירע טעג, און מ׳מוז קוקן אויף דער מענטשהייט ווי אויף אַ געמיינזאַמקייט פון מאַנעקינען, כדי צו האָבן

דעם מוט און גלויבן, אַז מ׳קאָן אין די הערצער פון די פעלקער „אַריינזעצן" אַ שפּראַך, אָדער „אַרויסנעמען" אַ שפּראַך, און דערבײַ דאָס נאַציאָנאַלע וועזן זייערס נישט פולקום אָפּטויטן, אַטראָפירן, מאַכן עס פאַר אַ קאַליקע, פאַר אַ פאַרזעעניש. פעלקער, וואָס באַציען זיך מיט ביטול צו זייער טאָג-טעגלעכער שפּראַך און האָבן נישט פאַר איר קיין פאַרשטענדניש און דערקענען נישט זיך אַליין אין אירע קלאַנגען און באַגריפן, פאַרלייקענען זיך נאָר דערמיט, באַצייכענען זיך אין אַלעמענס אויגן אַלס מינדערווערטיק, באַצייכענען די נידעריקע שטופע פון זייער גייסטיקן באַשטאַנד, שטעלן זיך אַליין אויס דאָס צייגעניש פון באַרבאַרן.

ווען מ׳האָט זיך אינם איטאַליענישן רענעסאַנס געשטעלט אויפן באָדן פון הומאַניזם, איז זעלבסטפאַרשטענדלעך געוועזן דאָס ערשטע: גיין צו דעם אינטימסטן אינם איטאַליענישן מענטש, צו זיין טאָג-טעגלעכער שפּראַך, צו איטאַליעניש.

דאָסזעלביקע איז מיט יידיש. דער אויבערפלעכלעכער יידישער נאַציאָנאַליסט, וואָס רעדט כּסדר אין נאָמען פון דער געשיכטע, „סטראַשעט" אונז טאָג-טעגלעך מיט דעם גוט-באַקאַנטן פּזמון: יידיש קאָן שוין דעריבער נישט זיין קיין נאַציאָנאַל-יידישע שפּראַך, וואָרים מיר יידן זענען סעמיטן און יידיש קומט צו אונז „פון דרויסן". יידיש געהערט לויט איר ווערטער-באַשטאַנד צו דער גערמאַנישער שפּראַכן-משפּחה. יידיש שטייט אין וועזנטלעכן קעגנזאַץ צו דער יידישער געשיכטע. דער נאַציאָנאַליסטישער קעגנער פון יידיש וויל זיך דאָ ווידער באַווייזן מיט זיין באַהאַוונטקייט אין געשיכטע. גראָד פון היסטאָרישן שטאַנדפּונקט איז דידאָזיקע מיינונג פּשוטער אומזין. עם-הארצות. אַזאַ קאַפּאַציטעט ווי עדואַרד מאַיער זאָגט אין זיין אַריינפיר צו דער געשיכטע פון אַלטערטום, דאָס פאָלגנדיקע: „אַז די שפּראַך-שטאַמען פאַלן אויף קיין שום אופן נישט צוזאַמען מיט די פיזישע גרופּעס, אַז אינעווייניק אין איין ראַסע באַשטייען גאַנץ פאַרשידנאַרטיקע שפּראַכן. פאַרקערט: שפּראַכן קאָנען ווערן איבערגעטראָגן אויף פרעמדע פעלקער, וואָס געהערן צו גאַנץ אַנדערע ראַסן, אַזוי למשל: די אינדאָ-גערמאַנישע שפּראַכן ווערן היינט-צו-טאָג גערעדט פון פאַרשידענע פעלקער און פאָלקס-עלעמענטן, וואָס האָבן נישט קיין

שייכות מיט יענעם שטאַם, וואָס אינדאָ-גערמאַניש געהערט צו זיין אורשפּרינגלעכקייט — די אַלע זאַכן זענען אַלעמען גענוג באַקאַנט און מיר באַדאַרפן דאָ נישט קיין סך ווערטער צו פאַרלירן”. אַזוי עדוואַרד מאַיער. קוקן אויפן לעבן פון אַ היסטאָרישן שטאַנדפּונקט און דערביי רעדן וועגן „צופעליקייטן” אין דער אַנטוויקלונג פון דער געשיכטע? דערצו נאָך באַצייכענען אַלס „היסטאָרישע צופעליקייט” אַזאַ קאַרדינאַלן לעבנס-עלעמענט פון אַ נאַציע, ווי די טאָג-טעגלעכע פאָלקס-שפּראַך? דאָס איז דאָך וויסנשאַפטלעכער לאַפּסוס. דער ערגסטער מין פון אויבערפלעכלעכקייט. מ׳דיספּוטירט וועגן ענינים, וועגן וועלכע מ׳האָט נישט דעם מינדסטן באַגריף.

געוויס זענען דאָ פאַרשידענע היסטאָרישע סיבות, פאַרוואָס די יידן האָבן אויפגעגעבן זייער סעמיטישע שפּראַך — העברעיש, און אָנגעהויבן צו רעדן אויף אַ גערמאַנישער שפּראַך — אויף יידיש. נאָר די פראַגע וועגן דעם פילאָלאָגישן אורשפּרונג פון יידיש און די פראַגע ווי אַזוי די יידישע שפּראַך האָט זיך פּסיכאָלאָגיש פאַראייניקט מיט דער יידישער היסטאָריע און איז געוואָרן די איינציקע נאַציאָנאַלע שפּראַך פון דער יידישער נאַציע — דידאָזיקע פראַגן געהערן צו אַקאַדעמישער געשיכטע-פאָרשונג, האָבן מיט דעם נאַציאָנאַלן באַדייט פון יידיש אַבסאָלוט נישט צו טון און מינדערן אויף אַ האָר נישט דעם נאַציאָנאַלן מהות פון דער יידישער שפּראַך, וואָרים אַזעלכע „היסטאָרישע צופעליקייטן” פאַרוואַנדלען זיך נישט איין מאָל אין אַ נאַציאָנאַלן עיקר, און גראָד אויס דעם פרעמדן ליים הייבט די נאַציע ווייטער אָן צו פאָרעמען איר נאַציאָנאַלע געשטאַלט. דעם בולטסטן ביישפּיל האָבן מיר אין אַזאַ גרויס קולטור-פאָלק ווי די פראַנצויזן. אַלס ראַסע האָבן די פראַנצויזן אַבסאָלוט נישט צו טון מיט די לאַטיינער, דאָך באַלאַנגט נישט גאַליש, נישט קעלטיש, נישט קיין אַנדערע היסטאָרישע שפּראַך פון די פראַנצויזן צו זייער נאַציאָנאַלער קעגנוואַרט, נאָר גראָד אַ „פרעמדער לאַטיינישער דיאַלעקט” איז געוואָרן די נאַציאָנאַלע פראַנצויזישע שפּראַך. דאָסזעלביקע מיט די שפּאַניער. דאָס בריטישע פאָלק רעדט אויף אַ שפּראַך, וואָס איז אַ צונויפמיש פון לאַטיינישע און גערמאַנישע דיאַלעקטן. אין דעם דאָזיקן בריטישן „זשאַרגאָן” איז אויסגעוואָקסן שעקספּיר. אַ סך ענלעכע

ביישפּילן האָבן מיר צווישן די קולטור-פעלקער אין אַלטערטום. פאַרקערט: די שפּראַך פון די היינטיקע גריכן איז אַ דירעקטע אַנטוויקלונג פון דער אַלטער גריכישער שפּראַך, דאָך זענען די היינטיקע גריכן אַלס קולטור-פאָלק פון זייער ווינציקן באַדייט. עס פעלט גאָרנישט, וואָס די היינטיקע גריכן רעדן, אַזוי-צו-זאָגן, כמעט די שפּראַך פון זייער רומפולער געשיכטע און וווינען אינם לאַנד פון די אַלטע גריכן. זיי האָבן דאָך נישט באַוויזן דורך דעם אין זיך „אַריינצוקריגן דעם גייסט פון דער קלאַסישער גריכישער צייט” און צו ווערן דורך דער גריכישער שפּראַך „גריכן קדמונים”. (די ציוניסטן האָבן אויך אַזאַ מין רעצעפּט פאַרן יידישן פאָלק, יידן זאָלן אין זיך „אַריינקריגן דעם גייסט פון די אַלטע ביבלישע נביאים”). וואָרים ס'איז אַלץ גאָרנישט אַזוי פּשוט. גאָרנישט אַזוי אויבנאויפיק. טויזנטער סיבות, באַקאַנטע און אומבאַקאַנטע, סיי עקאָנאָמישע סיבות און סיי אורזאַכן, וואָס ליגן, ווי לעבנס-וואַסערן, טיף און געהיימנישפול פאַרבאַהאַלטן אין דער פּסיכאָלאָגיע פון פעלקער און ראַסן, זיי טרייבן דאָס די רעדער פון דער געשיכטע און זיי שפּילן די הויפּט-ראָלע אין דער אַנטוויקלונג פון דער מענטשהייט. די, וואָס ווילן איבער אויבערפלעכלעכע פאָראורטיילן איגנאָרירן דידאָזיקע איינציק-דעצידירנדיקע סיבות און עס געפעלט זיי בעסער אויסצורופן די אויבערפלעכלעכקייט אַלס אַ וועלט-אַנשויאונג, זיי גלויבן, — צום שאָדן פון יעדער היסטאָרישער צוקונפט, — אַז מ'באַדאַרף נאָר צו טוישן די פלעצער און איבערצורוקן אַזעלכע „נעבנזאַכן”, ווי די טאָג-טעגלעכע נאַציאָנאַלע שפּראַך — און „מ'מאַכט” שוין ממילא די געשיכטע, ווי דאָס האַרץ גלוסט זיך נאָר. אין די אויגן פונם באַוווסטזיניקן צושויער האָבן דידאָזיקע קלוגע „מאַכער פון געשיכטע” אַ פּנים, ווי יענע טעמפּע חיות אין קרילאָווס משל. דער לעזער וועט מיר מוחל זיין, ווען איך וועל דאָ דעמדאָזיקן קלוגן משל איבערדערציילן: עס האָט זיך עטלעכע וואַלד-חיות פאַרגלוסט צו מאַכן אַ קאָנצערט. זיי האָבן זיך פאַרשאַפט מוזיק-אינסטרומענטן און גענומען אויף זיי שפּילן. וואַלד-חיות מאַכן אָבער נישט קיין מוזיק! אין זייער דורכפאַל האָבן די פאַרעקשנטע חיות נישט באַשולדיקט זיך אַליין. זיי האָבן באַשולדיקט די פלעצער, אויף וועלכע זיי האָבן זיך

אויסגעשטעלט. ווען די חיות וועלן זיך נאָר אַנדערש איבערשטעלן, וועלן זיי שוין אויף אַן אמתן שפּילן. (אַזוי האָבן זיי געמיינט). דער ציוניזם וויל אויך אין אַזעלכע פּלעצער זען די סיבה סיי פון די אָנמעכטיקייטן, סיי פון די מעגלעכקייטן פון דער יידישער נאַציע, און האָט פאַר דער יידישער נאַציע דיזעלביקע רפואות און גלויבט מיט דיזעלבע מיטלען צו „מאַכן" די קאָמפּאָזיציע פון דער „נאַציאָנאַלער יידישער געשיכטע".

אויך דאָס הייסט אַבסאָלוט נישט באַנומען, וואָס עס הייסט אַזוינס נאַציאָנאַלע שפּראַך, ווען מען פּועלט ביי זיך צו האָבן אַ „ברית הארץ" און „למען השלום" רוקט מען אַרויס פאַר יידן די קאָנצעפּציע פון צוויי לעבעדיקע „נאַציאָנאַלע" שפּראַכן. אַ פּסחדיקע און אַ חמצדיקע. יידיש און העברעיש. קאָנסעקווענט און מיט קלאָרע דיבורים האָט דידאָזיקע פּשרה-קאָנ: עפּ ע פאָרמולירט דער פאַרשטאָרבענער מיכה-יוסף בערדיטשעווסקי: העברעיש איז די נאַציאָנאַלע שפּראַך פאַר „היכל" געדאַנקען און פאַר דער נאַציאָנאַלער „אומשטערבלעכקייט". יידיש איז נאַציאָנאַל פאַר „פּראָסטערע" געדאַנקען און פאַר ענינים, וואָס געהערן זיך אָן מיט דער נאַציאָנאַלער „שטערבלעכקייט". העברעיש — פאַר די פיינערע „נאַציאָנאַלע לייט", פאַר דער גילדערנער פאָן פון דער יידישער נאַציע, יידיש — פאַר די פּשוטע „נאַציאָנאַלע" חי-וקימס. יידיש איז די שפּראַך פאַר דער „טייטש-חומש"-ליטעראַטור, יידיש איז דאָס פאָלקסטימלעכקייט, די נאַציאָנאַלע „וואָכעדיקע טעג". ח. נ. ביאַליק האָט, גלויב איך, פאָרמולירט דאָס „נאַציאָנאַלע" פאַרהעלטניש צווישן יידיש און העברעיש ווי צווישן חומש און תרגום אונקלוס (שנים מקרא ואחד תרגום). אויך אַ „וועלטלעכער" שטאַנדפּונקט. היינט-צו-טאָג האָבן מיר אַפילו גאַנץ חשובע אָנהענגער פון יידיש, „דעמאָקראַטישע יידישיסטן", אַזוי-צו-זאָגן, יידישיסטישע פּשרה-מאַכער. זיי פּלאָנטערן גאָר מיט דער צונג און מישן כאַאָטיש צונויף די קולטור-קאָמפּעטענצן פון „אונזערע צוויי לעבעדיקע נאַציאָנאַלע שפּראַכן". דאָס זענען „הומאַניסטן", וואָס האָבן פיינט „ענג-קעפּלדיקייט", נאָר טראָגן זיך אַרום מיט גרויסע נאַציאָנאַלע האָריזאָנטן אין דער קעשענע. וואָס זיי ווילן און וואָס זיי האָבן אין דער דעה, איז באמת שווער צו פאָרמולירן מיט קלאָרע מענטשלעכע

ווערטער, סיידן מען נעמט צו הילף די סאָפיסטיק. יעדנפאַלס — צו שטיין אויפן באָדן פון יידישן הומאַניזם, נישט צו ווענדן איזאָלירט זיין אין אַ סכאָלאַסטיש-נאַציאָנאַליסטישן ווינקל, קעמפן קעגן יעט-וועדער פאָרם פון רבניזם, באַנעמען די געשיכטע ווי אַן אויסדרוק פון לעבן — און דערביי פירן אַזאַ מין טאָפּלטע נאַציאָנאַלע בוכאַל-טעריע און האָבן צוויי „נאַציאָנאַלע נשמות" אין האַרצן, און פירן דאָס נאַציאָנאַלע לעבן אויף צוויי שפּראַכן, — ניין, דאָס קאָן נישט גענומען ווערן אַלס אויסדרוק פון געזונטן מענטשלעכן פאַרשטאַנד. דאָס איז נישט ערנסט געמיינט. דאָס קאָן נישט זיין. הומאַניסטיש גענומען, איז עס ריינער אומזין. הומאַניזם און צוויי-שפּראַכיקייט זענען באַגריפן, וואָס ווידערשפּרעכן זיך. לעבן אויף צוויי שפּראַכן איז דאָס אייגענע, ווי דענקען מיט צוויי קעפּ, ווי פילן מיט צוויי הערצער. ווו מיר טרעפן אין אַ נאַציע אַזעלכע קעגנגנאַטירלעכע קור-יאָזן, צבש. אין מיטלאַלטער אָדער היינט-צו-טאָג אין טיבעט, איז עס נאָר דאָרטן, ווו דאָס הומאַניסטישע באַוווסטזיין אין דער נאַציע האָט זיך נאָך נישט געוועקט, די פאָלקס-מאַסן לעבן אין אַ גייסטיקער פינסטערניש, זיי פילן נאָך נישט זייער ווערט, און עפּעס אַן אַב-סטראַקטע קולטור, דער סוראָגאַט פוןווירקלעכער קולטור, ליגט ווי אַ מומיע אינעם אָפּגעשפּראָכענעם זאַק ביי סכאָלאַסטיקער און חרטומים, וואָס הויערן ערגעץ אין אַ „מרכז רוחני", „מאַכן" קולטור און גרעי-נעצן זיך אָפּ פונם לעבן מיט אַ „הייליקער שפּראַך", מיט אַ „לשון-קודש", מיט אַ באַזונדערער שפּראַך, וואָס קיינער לעבט נישט אויף איר, נאָר זי איז ספּעציעל צוגעמאַסטן פאַר דער קולטור און פאַר די „הויכע געדאַנקען". אויך העברעיש, זינט זי האָט אויפגעהערט צו זיין אַ לעבעדיקע מאַסן-שפּראַך, איז אָקופּירט געוואָרן אַלס „לשון-קודש" פון רבנים און חקרנים און האָט אָנגעהויבן איר אַנטוויקלונגס-וועג נישט מיט דער לעבעדיקער יידישער געשיכטע, נאָר מיט דער יידישער דינים-און-חקירה-סכאָלאַסטיק. אויב מ'זאָל אַזאַ מין „אַנטוויק-לונג" פון דער העברעישער שפּראַך רעכענען פאַר אַ פּועל-יוצא פון נאַטירלעכער היסטאָרישער אַנטוויקלונג, דאַן האָט זיך אויך דאָס טויטע לאַטיין נאַטירלעך „אַנטוויקלט", צוזאַמען מיט דער קריסטלעכער מיטל-אַלטערלעכער טעאָלאָגיע (דאָס, אַזויגערופענע, מיטלאַלטערלעכע לאַטיין)

און עס האָט זיך ממילא אויפגעהערט צו „אַנטוויקלען", זינט די אייראָפּעישע פעלקער האָבן זיך באַפרייט פון דערדאָזיקער גייסטיקער פאַרקריפּלטקייט פון לאָזן זיך „שאַפן קולטור" איבער די קעפּ. נאָר לאָמיר אָננעמען — הגם עס איז דערווידער צו אַלע געזעצן פון מענטשלעכער פּסיכיק און צום געזונטן מענטשלעכן פאַרשטאַנד — אַז עס איז אַזוי ווי עס זאָגן די „דעמאָקראַטישע" פשרה-מאַכער: אויך אין דערדאָזיקער פּרימיטיוווסטער הינזיכט פון אַ נאַציאָנאַלער שפּראַך זענען יידן „אייגנאַרטיק" און יידן ליידן „באַזונדער" — די פילאָזאָפיע פון קאַפּויערדיקייט! — אויף אַ „גייסטיקער טראַגעדיע פון צוויי-שפּראַכקייט". איז וואָס-זשע דערפון געדרונגען? אויב דערדאָזיקער דיאַגנאָז זאָל ווירקלעך אמת זיין, איז ער פאַר דער יידישער נאַציע אַ גייסטיקער טויט-אורטייל, אַ באַשטעטיקונג פון האָפנונגסלאָזער דעגענעראַציע, אַן אומהיילבאַרער און געפערלעכער פּסיכישער דעפעקט. אַ סימן פון אינערלעכן פונאַנדערפאַל. דאָס יידישע וועלטגעפיל קאָן זיך נישט פאַראייניהייטלעכן, נישט קומען צו סינטעטישקייט. קאָן נישט קומען צום שאַפערישן באַוווסטזיין, וואָרים דאָס באַוווסטזיין שפּאַלט זיך כסדר אין דער יידישער נאַציאָנאַלער פּסיכיק, איז שיצאָפרעניש, רייסט זיך פונאַנדער אויף צוויי שפּראַכן און צוויי קולטורן. אויב אַזוי — וואָסער האָפנונג איז דאָ אויף יידישער הומאַניסטישער קולטור? זענען מיר דאָך פאַרלוירענע. קולטור הייסט דאָך איינהייטלעכקייט, איינהייטלעכקייט אינם באַוווסטזיין פון דער נאַציאָנאַלער געמיינזאַמקייט, איינהייטלעכקייט אין סטיל. קולטור-אייגנהייטלעכקייט אין נאַציאָנאַלן כאַראַקטער.

דעריבער — ווער עס גלויבט, אַז די יידישע געשיכטע איז נישט קיין סטיל- און כאַראַקטערלאָזע אַנטיקוואַרישע סכעמע, נאָר זי לעבט נאָך אַלס לעבעדיקער קערפּער און אַלס קעגנוואַרט אין דער מענטשלעכער געמיינזאַמקייט, און זי האָט נאָך איר שורש און איר האָפנונג אין דעם גרויסן שיקזאַל פון דער מענטשהייט, און זי אַנטוויקלט זיך און גייט צוזאַמען מיט אַלע מענטשן אויף איין וועג, — יאָ, דער, וואָס פילט ווי עס לעבט דער יידישער מענטש אין דער יידישער געשיכטע און ווי אָט-אָ דער יידישער מענטש מוז באַפרייט ווערן און דאָס יידישע באַוווסטזיין מוז ווערן שאַפעריש — דער מוז

זיך אַליין באַפרייען פון די שעדלעכע פאָראורטיילן וועגן דעם וועזן פון יידישער קולטור און יידישער געשיכטע. ער, דער אויפריכטיקער יידישער הומאַניסט, מוז — ווי דער רענעסאַנס-מענטש אין זיין באַציונג צו איטאַליעניש — אויך אין דער באַציונג צום יידישן הומאַניזם קאָנסעקווענט זיין אין זיין היסטאָרישער טאַט: צוריקגיין צום יידישן מענטש, גלויבן אין זיין אויפלעבונג; דער אלף-בית פון יידישן הומאַניזם הייסט: צוריקגיין קודם-כל צו דעם אינטימסטן, צו דעם עכטסטן און נשמהדיקסטן פון דער יידישער קעגנוואַרט, צום לעבעדיקסטן פון יידישן לעבן, — צו דער טאָג-טעגלעכער יידישער שפּראַך.

(וואָרים וואָס יידן האָבן נאָך אַ נאַציאָנאַלע טאָג-טעגלעכע שפּראַך, — דאָס איז דער איינציקער לעבעדיקער באַווייז פאַר זייער נאַציאָנאַלער אייגנאַרטיקייט, דאָס באַוווסטזיין פון זייער קיום. עס באַווייזט, אַז יידן זענען נאָך אַ נאַציע, נישט קיין „רעליגיאָנס-געמיינשאַפט”. נאָר ווען אַ געמיינזאַמקייט שאַפט צוזאַמען אַ שפּראַך, איז עס דער איינציקער רעאַלער סימן פון נאַציאָנאַלן מהות, דאָס געמיינזאַמע אינערלעכע נפש, וואָס קומט צום אויסדרוק. אַלע איבעריקע סימנים, וואָס זאָלן באַשטעטיקן די נאַציע, זענען נאָר אַבסטראַקטע חקירות, וואָס האָבן נישט קיין אָנהאַלט און לאָזן זיך אָפּפרעגן).

אַזוי דאַרפן זאָגן אַלע יידן, וואָס פילן אין זיך דעם רוף צו יידישער פרייהייט און האָפן דעריבער אויף אַ שענערן מאָרגן פאַר דער יידישער נאַציע. די אַלע, וואָס גלויבן, אַז די יידישע געשיכטע און איר שטאַרקסטער אויסדרוק — דאָס יידישע לעבן — האָבן נאָך אין זיך די קוואַלן פון שאַפערישער טעטיקייט.

אַזוי זאָגן די יידישיסטן.

און עס איז זייער טרעפלעך, וואָס אַלע מעגלעכקייטן און האָפנונגען, אַלע קאַמפן פאַרן יידישן הומאַניזם האָבן זיך קאָנדענסירט אין איין-איינציקן באַגריף: י י ד י ש י ז ם. לויט זיין מהות דריקט דער דאָזיקער באַגריף אויס דאָס פרימערסטע, דעם יסוד פון יידישער וועלטלעכקייט — דער פונדאַמענט, אָן וועלכן עס איז נישט מעגלעך קיין שום הומאַניסטישע קולטור ביי יידן. דער רענעסאַנס און דער אויפבוי פון יידישן מענטש קאָן נאָר פאָרקומען אויף דעם באָדן,

ווי מיר שטייען אָמנענטסטן צו דער יידישער מענטשלעכקייט, אָמנענטסטן צו דער יידישער פּסיכיק — אין דער טאָג-טעגלעכער יידישער שפּראַך, אויף יידיש.

עס איז אַ גרויסער פֿעלער פֿון די יידישיסטן, וואָס אין זייער שפּראַכן-קאַמף באַנוצן זיי זיך בלויז מיט אייגענער און היימישער אַרגומענטאַציע און ווייזן נישט אָן אויף די פֿיל פֿאַלן אין דער קולטור-געשיכטע פֿון דער מענטשהייט, איבערהויפּט אין דער געשיכטע פֿון די אייראָפּעישע קולטורן, ווו כמעט יעדע הומאַניסטישע קולטור האָט געהאַט אויסצושטיין אַ שפּראַכן-קאַמף פֿאַר איר באַרעכטיקונג ווי די אייגנטלעכע קולטור-שפּראַך פֿון דער נאַציע. דאָס אָנווייזן אויף ענלעכע פֿאַלן אין דער געשיכטע וואָלט געהאַט דעם גרויסן נוצן, וואָס דער יידישער שפּראַכן-קאַמף וואָלט דאַן אויפֿגעהערט צו האָבן דעם כאַראַקטער פֿון הוילע טעאָרעטישע שטרייטן, חקירות און פּלפּולים, נאָר מען וואָלט אַריבער אויף אַ קאָנקרעטערן באָדן. ביי אַנדערע קולטורן, וואָס זענען פֿון לאַנג איבערגעשטאַנען דידאָזיקע יוגנטלעכע „שפּראַכן-קראַנקהייט” (וואָס עס „קרענקט”-איבער יעדע קולטור), טרעפֿן מיר זיך נישט מיט קיין שיינע טעאָריעס, ווילנס און פֿאַרנעפּלטע פּערספּעקטיוון, נאָר מיר זעען מיט די אויגן די פּרוכטן פֿון דער הומאַניסטישער קולטור. מיר זעען די גרויסע גייסטיקע דערגרייכונגען און ווערטן, וואָס ווערן געשאַפֿן נאָכדעם ווי דער מענטש אַליין האָט זיך דערקענט אין זיינע מעגלעכקייטן און אָנגעהויבן צו אַנטפּלעקן זיין מהות אין דעם אינטימסטן, וואָס פֿאַרבינדט דעם מענטש מיט זיין גייסט און פֿאַרבינדט אים אין אַ לעבעדיקן באַנד מיט דער וועלט — אין דעם שענסטן מיסטעריום פֿון דעם מענטש — אין דער שפּראַך, אין וועלכער דער מענטש לעבט זיך אויס אַלס מענטש.

די וווּנדערלעכע און געהיימנישפֿולע כּוחות פֿון שאַפֿונגס-מעגלעכקייטן, וואָס זענען פֿאַראַן אין דער לעבעדיקער מענטשלעכער שפּראַך *), קאָן מען אויך זען אין יענער אויפֿלעבונגס-עפּאָכע פֿון דער

---

*) „אזוי ווייט, ווי איך קאָן זיך דערמאָנען, איז קיין שום איידל ווערק פֿון דער פֿאַנטאַזיע דורך קיין שום מענטש אַנדערש נישט פֿאַרפֿאַסט געוואָרן, ווי אין דער

איטאַליענישער נאַציע. איך וויל אָנווייזן אויף איין ביישפּיל: דאַנטע. לויט די זידל-באַגריפן פון די העברעיסטן איז אויך דאַנטע געווען — אויב מ׳קאָן אַזוי זאָגן — אַ „יידישיסט”. ער האָט געגלויבט, אַז מ׳קאָן שאַפן די נאַציאָנאַלע איטאַליענישע קולטור בלויז אויף דער לעבעדי־קער שפּראַך פון דער איטאַליענישער נאַציע, אויף דעם „זשאַרגאָן” פון די איטאַליענישע מאַסן. דאַנטע אַליין האָט אַפילו אָנגעהויבן זיי־נע ערשטע ווערק צו שרייבן אויף דער היסטאָרישער לאַטיינישער שפּראַך, וואָס, לויט אַלע וויילגעלערנטע באַגריפן פון מיטלאַלטער, איז זי די איינציקע געווען „צוגעמאָסטן” פאַר קולטור און „הויכע געדאַנקען”. דאַנטע איז אָבער געווען אַ געניאַלע נאַטור, אַ דיכטער, וואָס זיין געפיל פאַר דער וועלט איז געווען עכט און אורשפּרינג־לעך. פאַר די געניאַלע פּערזענלעכקייטן איז די וועלט אַליין די וועלט־אַנשויאונג, דער וועלט־מהות. וועלט־אַנשויאונג: סינטעז פון דער אָביעקטיווער וועלט און דעם סוביעקטיוון וועלט־געפיל. שאַפעריש דענקען: דאָס זיך באַוווסט ווערן פון דער וועלט אַלס אַזעלכער. ווייל די קונסט איז די העכסטע מדריגה פונם וועלט־געפיל, דעריבער שטייט זי אויפן באָדן פון דער אוממיטלבאַרקייט, אויפן געפיל פון דער וועלט. דאַנטע, וועלכער האָט אָנגעהויבן צו שרייבן אין דער צייט, ווען דאָס רומפולע היסטאָרישע לאַטיין איז געווען די איינציקע קול־טור־שפּראַך אין זיין פאָטערלאַנד און אין גאַנץ אייראָפּע, האָט מיט זיין געניאַלן אינסטינקט פאַר דעם אוממיטלבאַרן דערפילט, ווי דאָס הערלעכע, נאָר נישט מער לעבעדיקע לאַטיין שטייט ווי אַ מחיצה

שפּראַך, וועלכע ער האָט געלערנט און ער קאָן זיך נישט דערמאָנען ווו און ווען, און וועלכע ער האָט גערעדט מיט פולקומענער לייכטקייט, איידער ער האָט צעליינט איר זאַץ־בוי. רוימער מיט גרויסער פעיקייט האָבן געשריבן גריכישע פערזן, אָבער וויפיל פון די דאָזיקע פערזן האָבן פאַרדינט צו זיין אומשטערבלעך? אַ סך מענער מיט זשעני האָבן אין אונזערע צייטן געשריבן לאַטיינישע געדיכטן, אָבער, אַזוי ווייט ווי מיר ווייסן, קאָן קיין איינס נישט פון די דאָזיקע געדיכטן, אַפילו די, וועלכע עס האָט געשריבן מילטאָן, געשטעלט ווערן אין די ערשטע רייען פון דער קונסט, אַפילו נישט זייער הויך אין די צווייטע רייען.”

Lord Macaulay אין זיין עסיי וועגן פרידריך דעם גרויסן

צווישן אים און דער לעבעדיקער עקזיסטירנדיקער וועלט, ווי עס פאַרשטעלט אים דעם וועג צו דער וועלט. די באַפרוכפערנדיקע קוואַלן פון דער וועלט און פון לעבן, די קוואַלן, וועלכע טרינקען אָן יעדע קולטור, פליסן נישט מער אונטער דידאַזיקע ווונדערלעכע קלאַנגען פון דער אַלטער רוימישער צייט. דאָס געשטאָרבענע לאַטיין, אַלס שפּראַך, האָט פאַר דעם לעבעדיקן קינסטלער אויפגעהערט צו זיין וועלט, — וואָרים שפּראַך איז וועלט און וועלט איז דאָזיין און קעגנוואַרטיקייט, — זינט דאָס דאָזיין און די קעגנוואַרטיקייט פליסן נישט מער אונטער איר. דאָס קלאַסישע לאַטיין, ווי דאָס קלאַסישע העברעיש *), ווי דאָס קלאַסישע גריכיש, זיי זענען פאַר אונז, מענטשן פון דער קעגנוואַרטיקייט, ווי די שיינע קונסטפולע געפעסן. זיי באַהאַלטן אין זיך דעם טעם און דעם איידעלן אַראָמאַט פון דעם אַנטיקן לעבן. די ווערטער, די קלאַנגען, די אַרכיטעקטאָניק פונם זאַץ אין דידאָזיקע דריי אַלטע שפּראַכן, — דורך זיי קאָנען מיר באַנעמען די אַלטע וועלט אין איר לעבנס-שטייגער, אין איר וועלט-געפיל, אין אירע אַלע אינטימיטעטן און פיינקייטן, די אַנטיקע וועלט אין איר סטיל, אין איר עקזיסטענץ, וואָרים די אַנטיקע וועלט ליגט אין די אַנטיקע שפּראַכן ווי די אַמאָליקע בלומען און אינזעקטן אין דעם ווונדערלעכן בורשטין. אָבער דידאָזיקע הערלעכע געפעסן און רעליקוויעס, די שפּראַכן פון דער אַלטער וועלט, — אין זיי פליסן נישט מער די וואַסערן פונם אוממיטלבאַרן לעבן, די וואַסערן פון דער קעגנוואַרטיקייט. אַ ניין, די לעבנס-וואַסערן, — זיי זענען נישט קיין שטייענדיקע וואַסערן, מ'קאָן זיי נישט אויסבאַהאַלטן אַלס לעבנס-געטראַנק אין כלים. די וואַסערן פון לעבן, וואָס באַשאַפן דאָס לעבן, זיי פליסן פון אומבאַקאַנטקייט צו אומבאַקאַנטקייט אין דעם קרייז-לויף פון דער געשיכטע. נייע הערלעכקייטן טויכן-אויף פון זייערע טיפענישן. נייע ווערטן. ניי און פונדאַסניי שטייט אַלעמאָל אויף דאָס לעבן אין דעם

*) ווירקלעך שיין און דערהויבן איז דאָס העברעיש פונם תנ״ך (ווירקלעך שיין זענען אויך נאָר דאָס קלאַסישע גריכיש און דאָס קלאַסישע לאַטיין). דאָס שפּעטערדיקע העברעיש, וואָס האָט זיך נישט אַנטוויקלט אינם לעבן, נאָר אין ספרים-שטויב, פאַרמאָגן שוין נישט דעמזעלבן רייץ. אַקאַדעמישע טרוקנקייט. עפּיגאָניש.

לויף פון די צייטן, און צוזאַמען מיטן גאַנצן גאַנג פון דער וועלט וואַקסט און אַנטפּלעקט זיך אויך דאָס מענטשלעכע וועזן, אַלס טייל פון דעם אייביקן, אין נייע קלאַנגען, אין נייע שפּראַך־פאָרמען. אָ, שפּראַך, העכלעכסט געזאַנג פון דערקענונג, דאָס זיך־דערקענונג פון דער מענטשהייט, — ווי דאָס געזאַנג פון געטער שאַלסט דו אין דער האַרמאָניע פון די עקזיסטענצן! אָ, איידלסטע פונם איידעלן, מענטש־לעכע שפּראַך! אויב מענטשהייט זיין הייסט מיט זיך אויסדריקן דאָס אייביקע פון לעבן, דאַן טראָגן אויך די שפּראַכן אין זיך דעם כאַראַקטער און די אייגנשאַפטן פון דער מענטשהייט, און, ווי דאָס שענסטע און אינטימסטע פונם מענטשלעכן לעבן, שטייען זיי ניטן מענטשלעכן לעבן אונטער איין שיקזאַל: זיי ווערן געבוירן, זיי לעבן, זיי ליידן, זיי שטאַרבן...

ווייל שפּראַכן לעבן, דעריבער שטאַרבן אויך די שפּראַכן.

דאַנטע, איינער פון די זעלטנסטע מענטשן אויף דער העכסטער מדריגה פון קינסטלערישער וואַכקייט, אין אַלע זיינע באַציִונגען אומ־מיטלבאַר, און אַליין דאָס קינד פון דער לאַטייניש קולטור — ער האָט געמוזט דערפילן, אַז לעבנדיק מיט דער געשטאָרבענער לאַטיי־נישער שפּראַך, לעבט ער נאָר צווישן די געשפּענסטער און שאָטנס פון דער וועלט, לעבט ער נישט אין דער וועלט, לעבט ער בכלל נישט. דאָס מיטלאַלטערלעכע, נאָך־קלאַסישע לאַטיין, ווי דאָס נאָך־ביבלישע העברעיש, — זיי זענען געווען די שיינע שאָלן אָן דער לעבעדיקער פרוכט, הוילע עכאָס, וואָס האָבן בלויז נאָכגעקלונגען נאָך די פאַרגאַנגענהייטן, שאָטנס אָן ווירקלעכקייט. דער מענטש און די וועלט, — די איינציקע מאָטיוון פונם אייביקן אינם קרייז פון דעם היסטאָרישן געשעען, — זיי האָבן דידאָזיקע שפּראַכן פאַרלאָזן, און זיי מער נישט געלעבט, נישט געליטן און נישט געשטאָרבן (די שפּראַכן, וואָס האָבן זיך באַמיט איבערצולעבן זייער אייגענעם טויט און צו פירן אַ פּסיידאָ־עקזיסטענץ, האָבן אין דער ווירקלעכקייט גאָר נישט געהאַט צו טון מיט דער געשיכטע, — מיט דערדאָזיקער געשיכטע, וואָס איז דער עפּאָס פון לעבן). דאַנטע האָט געזוכט די אוממיטל־באַרקייט: דעם מענטש, וואָס שאַפט לעבן, און דאָס דאָזיין, וואָס לעבט. אין דעם געפענגעניש פון די טויטע שפּראַכן, ווו אַלע עפּי־

גאַנצן און „גאַכמאַכער״ פילן זיך ווײַל, — דאָרט האָט עס דאַנטען געשטיקט. ער האָט זיך געפילט אָרים אין דער שפּראַך, הינטער וועל־כער עס שטייען נישט קיין מענטשן.

נאָר דאַנטעס גרויסקייט האָט אים באַפרייט, דאָס אוממיטלבאַרע געפיל האָט אים אַרויסגעפירט פון דער שאָטן־וועלט פון דער קול־טור צו דער עכטער קולטור, צום בוים פון לעבן, וואָס גרינט אַלע־מאָל אין אַ נייעם פרילינג, — צום מענטש. פון די שפּראַכלעכע רע־ליקוויעס — צו דער פריי־קלינגענדיקער מענטשלעכער שפּראַך, וואָס לעבט צוזאַמען מיטן מענטש, צו דער קעגנוואַרטיקייט.

שטעלט מען אַנטקעגן דאַנטעס לאַטייניש ווערק דער „געטלע־כער קאָמעדיע״, קאָן מען בולט זען דעם חילוק צווישן נאַטירלעכער, אוממיטלבאַרער קולטור און אַ קולטור, וואָס האָט נישט איר שטאַם דירעקט אין דער עקזיסטענץ. אין דאַנטעס לאַטייניש ווערק איז נאָך פאַראַן דער גאַנצער קולטור־שאַבלאָן פון דעם עפּיגאָן, די סכאָלאַסטיק פון דער ליטעראַטור: דאָס איבערלייגן נישט־איבערגעלעבטע ווערטער פון איין טאָש אין דער צווייטער. וואָרים נישט בלויז דאָס רעלי־גיעזע געפיל, נאָר אויך די ליטעראַטור טייט־אָפּ דער עפּיגאָן און מאַכט פון איר סכאָלאַסטיק. סכאָלאַסטיק — דאָס איז דער באַדינגונגס־לאָזער פּראָדוקט פון „פילן די וועלט״ אויף אַ טויטער שפּראַך און מיט טויטע באַגריפן. ערשט אין דער „געטלעכער קאָמעדיע״ געשיט דאָס ווונדער פון דער גרויסער סינטעזע: דער דיכטער, אַלס לעבע־דיקער, קעגנוואַרטיקער מענטש, דערקענט די וועלט, די לעבעדיקע אייביקייט. די וועלט, די אייביקייט, וואָס לעבט, קלינגט־אויף ביים דיכטער אין דער לעבעדיקער שפּראַך.

אין גרויסע שטראָמען פליסן דאַן אויף אינם מענטשלעכן וועלט־געפיל די קוואַלן פון דער וועלט.

נישט דאָ איז דאָס אָרט צו רעדן וועגן די אומשטערבלעכע ווערטן פון דער „געטלעכער קאָמעדיע״. געזאַנגען וועגן אַלע וועלטן, אַלע דורות און אַלע צייטן, אויף דער שפּראַך פון די איטאַליענישע פּאָלקס־מאַסן. אויפן באָדן פון דער מענטשלעכער עקזיסטענץ אַנט־פּלעקט זיך דער מענטש אין זיינע אינערלעכע רייכטימער און מעג־לעכקייטן, אין זיין גיהנום און אין זיין גן־עדן. ער אַנטפּלעקט זיך

אליין, זיין אָנטייל אין דעם גרויסן שוישפּיל פונם מענטשלעכן לעבן – דער געשיכטע, און אין זיין פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַרן לעבן און פאַר דער וועלט. דעריבער איז דאַנטע דער פאָטער פונם אייראָפּעישן הומאַניזם, דעריבער איז ער דער אַנטדעקער פונם אייביקן אינם קעגנוואַרטיקן, דער פירער פונם מענטש צו די לעצטע הויכענישן – צום מענטש.

Nosce te ipsum! דערקען זיך אַליין!

הומאַניזם.

דער אַקט פון דעמדאָזיקן גרויסן געפינען האָט זיך אָפּגעשפּילט ביי אַלע אייראָפּעישע פעלקער, וואָס האָבן איינציקוויַיז באַפרייט זייערע ליטעראַטורן פון דער העגעמאָניע פון דער מעכאַניזירנדיקער דאָגמאַטיק און פון דער „ספּעציעלער שפּראַך" פאַר דער גייסטיקייט, און די נאַציאָנאַלע ליטעראַטור האָט זיך דאַן אָנגעהויבן נאַטירלעך צו אַנטוויקלען אויף דער שפּראַך, אין וועלכער די נאַציע לעבט.

סינטעז צווישן גייסט אוןווירקלעכקייט, צווישן היסטאָריע און קעגנוואַרטיקייט.

מיר יידן, הגם מיר וווינען אין אייראָפּע, דאָך האָבן מיר אָנגעהויבן דעם קאַמף פאַרן יידישן הומאַניזם מיט אַ פאַר הונדערט יאָר שפּעטער, ווי אַלע אייראָפּעישע פעלקער. אין דער געשיכטע פון דער אַנטוויקלונג פון נאַציאָנאַלער ליטעראַטור-טעטיקייט שטייען מיר ערשט אין דער פאַזע פון שפּעטן מיטלאַלטער. כ׳האָב שוין פריער באַמערקט: נישט בלויז די אָרטאָדאָקסיע און די פרומאַקעס, נאָר גראָד די „פריידענקערישע" פּני פונם ציוניסטישן נאַציאָנאַליזם דענקען וועגן נאַציאָנאַלער קולטור פון אַ מיטלאַלטערלעכן שטאַנדפּונקט. כ׳וויל דאָ נישט באַרירן די היסטאָרישע סיבות, פאַרוואָס מיר זענען אינם נאַציאָנאַלן רענעסאַנס-קאַמף געבליבן אַזוי הינטערשטעליק. איך קאָנסטאַטיר דעם פאַקט. די נאַטירלעכסטע באַוועגונג פון יידישן הומאַניזם, דער יידישיזם, ליגט נאָך אין די ווינדעלעך, אָנהייבן. דאָס באַוווּסטזיין פון דערדאָזיקער היסטאָרישער באַוועגונג האָט נאָך נישט באַוויזן אַרומצונעמען די גאַנצע יידישע געזעלשאַפט. דאָך: אין דער אָקאָרשט אָנגעהויבענער פּאָזיטיווער טאַט פון יידישן הומאַניזם, איי דער ליטע-

ראַטור אויף דער שפּראַך פון דער יידישער טאָג-טעגלעכקייט, קאָן מען שוין דייטלעך באַמערקן, ווי עס זאָגט זיך אָן די וויכטיקסטע און וועזנטלעכסטע דערגרייכונג פון הומאַניסטישן שאַפן: די יידישע נאַציאָנאַלע פיגור, דער יידישער מענטש אַלס היסטאָרישער כאַראַקטער. דאָס פנים פון דער יידישער פּערזענלעכקייט הייבט זיך אָן קינסטלעריש אויפצובויען אין דער ליטעראַטור אויף יידיש. פאַר שלום עליכמן, פאַר פרצן, פאַר שלום אַשן, פאַר אַנדערע יידישע שריפטשטעלער פון באַדייטונג, — דער ערשטער מאָטיוו, דער הויפּט-מאָטיוו פון זייער שאַפן איז דער יידישער מענטש. ער איז פאַר זיי דאָס קינסטלערישע פּראָבלעם. מיט אים אינטערעסירן זיי זיך. יעדער פון אָט-אָ די שריפטשטעלער באַמיט זיך לויט זיינע מעגלעכקייטן און לויט זיין אופן צו צייכענען און צו קאָנסטרויִרן די געשטאַלט פון דעם יידישן מענטש. און — דער בעסטער באַווייז פון פרוכטבאַרקייט — דער יידישער מענטש, ווי אַ נאַציאָנאַל-היסטאָרישע פיגור, וואַקסט-אויס און פאַרטיפערט זיך צוזאַמען מיטן אויסוואַקסן און פאַרטיפן זיך פון דער יידישער ליטעראַטור. ער ווערט געאיידלט מיט דעם, וואָס זיין שפּראַך, יידיש, ווערט איידעלער; ער באַקומט וואָגיקייט, וואָס מער עס אַנטוויקלט זיך דער יידישער שריפטשטעלער. אין דער גאַנצער ליטעראַטור-געשיכטע פון דער יידישער נאַציע האָבן מיר ערשט אין דער ליטעראַטור אויף יידיש דאָס ערשטע מאָל (אַחוץ אינעם תנ״ך, וואָס אויך דאָרט שטייט דער נאַציאָנאַלער געדאַנק אין באַציִונג צו דער נאַציאָנאַלער פיגור) נישט בלויז נאַציאָנאַלע „געדאַנקען” און נאַציאָנאַלע „ווערטער”, גופאָ „יהדות” און נאַציאָנאַלע סכאָלאַסטיק, נאָר עס באַקומען פאָרם און געשטאַלט דאָס טיפסטע און אייביקסטע פונעם נאַציאָנאַלן ליטעראַרישן שאַפן: נאַציאָנאַלע פיגורן, מענטשן, יידישע מענטשן. פון דער היסטאָרישער רעאַליטעט—דעם יידישן לעבן – טויכט-אויף די יידישע פיגור אויף דער אויבערפלאַך פון דער יידישער היסטאָריע. דער יידישער שריפטשטעלער הייבט-אָן קינסטלעריש צו בויען די יידישע פיגור און איר שיקזאַל אַלס מענטש, איר ספּעציפישן כאַראַקטער אין דער מענטשלעכער געמיינזאַמקייט, איר נאַציאָנאַלן מהות. ערשט ווען עס אַנטפּלעקט זיך די יידישע פיגור אַלס לעבן און אַלס העגנוואַרטיקייט, דאַן באַקומט

אויך דאָס שיקזאַל פון דער יידישער געשיכטע פונדאַמענט, זין, אינ-
האַלט, באַרעכטיקונג. מיר באַקומען אַנונג וועגן דעם, וועגן וועמען
עס האַנדלט זיך. די גערדאַנקלעכע פּראָבלעמאַטיק בנוגע יידן און
יידישקייט — דאָס „יהדות" — אָט-אָ דער גאַנצער קאָמפּלעקס פון
אידעען, וועלכער הייבט לעצטנס אָן צו פאַרנעמען אַ באַדייטנדיק
אָרט אין דער ליטעראַטור אויף יידיש, ער וואַקסט נישט ווי עפּעס
אַן אַבסטראַקטע חקירה, ווי אַ סאָפיסטיק איבערן קאָפּ און מחוץ דעם
קרייז פון דער יידישער פיגור. דער יידישיסטישער נאַציאָנאַלער גע-
דאַנק און יעדעס פּראָבלעם, וואָס שטייט אין דער יידישער ליטעראַ-
טור אין באַציִונג צום יידישן וועלט-דאָזיין, שטייט אין שייכות נאָר
צו דער עקזיסטענץ פונם יידישן מענטש. ער, דער מענטש, אַלס ייד,
איז פאַר דעם הומאַניסטיש-יידישן געדאַנק דאָס יידישע וועלט-דאָזיין,
ער איז דאָס עיקרדיקע, אין אים בינדן זיך אַלע היסטאָרישע פּער-
ספּעקטיוון, אַלע שטאַנדפּונקטן און אָנשויאונגען וועגן יידן און יידיש-
קייט, אַלע נאַציאָנאַלע האָפענונגען און האָפענונגסלאָזיקייטן, אַלע גלוי-
בונגען און אַלע ספקות. פאַר דעם יידישן הומאַניזם טראָגט דער
יידישער מענטש אויס אויף זיין פאַראַנטוואָרטלעכקייט די יידישע גע-
שיכטע. ער, און נאָר ער, איז דאָס „יהדות".

די מאָדערנע העברעישע ליטעראַטור, וואָס פרייזט אַלס נאַציאָ-
נאַל דאָס אויסערלעכע פון דער היסטאָריע, די דעקאָראַציעס, וואָס
בייטן זיך לויט דער אַנטוויקלונג פון דער געשיכטלעכער אַקציע, די
שאָלן און קליפּות פונם נאַציאָנאַלן מהות, און איגנאָרירט דערפאַר
דאָס, וואָס איז וועזנטלעך און לעבט אַלס נאַציאָנאַלער מהות; די
העברעישע ליטעראַטור, וואָס האָט די אַמביציע נישט צו לאָזן איבער-
רייסן דעם פאָדים פון דער יידישער געשיכטע און אים ווייטער „צו
שפּינען" — אין איר קאָן זיך דאָס וויכטיקסטע, דער יסוד פון דער
נאַציאָנאַלער געשיכטע, — דער קלאַסישער יידישער כאַראַקטער, די
נאַציאָנאַלע פיגור, — בשום אופן נישט קאָנסטרויִרן. זי ווערט קינסט-
לעריש נישט געשאַפן. מ'קאָן אין דער העברעישער ליטע-
ראַטור נישט אָנווייזן אויף קיין איין-איינציקע יידי-
שע פיגור, וואָס זאָל זיין באַדייטנדיק אויפגעבויט,
וואָס זאָל זיין אַלס כאַראַקטער אַ שאַפערישע דערגרייכונג. דאָס, וואָס

ס׳איז פאַראַן אין דערדאָזיקער הינזיכט אין דער העברעישער ליטע־ראַטור, איז בלאָס, איז מיטלמעסיק, אָן בלוט־און־פלייש, האָט נישט קיין פּנים. זאָגט גאָרנישט. פונוואַנען זאָל די העברעישע ליטעראַטור נעמען דעם יידישן מענטש? ער לעבט נאָר אַלס לעבעדיקע קעגנ־וואָרט אינם יידישן לעבן. נאָר דאָרט איז ער פאַראַן. און דער העברעיזם איגנאָרירט דאָס יידישע לעבן, ער וויל נישט אָנגעטרונקען ווערן פון יענע קוואַלן. ער וויל אינם יידישן לעבן נישט מודה זיין. ער לעבט פון זיין פאַרעקשנטקייט און וויל בעסער זיין אַטראָפירט, נאָר כדי צו קאָנען „שפּינען“ די היסטאָריע, און ער קייעט די קאָרע פונם היסטאָרישן בוים און וויל נישט עסן די פרוכט. דאָס וועזנט־לעכסטע, וואָס באַדאַרף געטון ווערן אין אַ הומאַניסטישער ליטעראַ־טור: געבן דאָס געשטאַלט פון דער נאַציע אין דעם געשטאַלט פון איר׳ע מענטשן, און דאָס אידעיִשע געבן נאָר ווי דאָס פילן און וועלט־באַנעמען פון דידאָזיקע מענטשן, וואָס שאַפן די נאַציע, — אַט־אָ די קולטור־היסטאָרישע טאַט ווערט געטון אין יידיש. אין דער העברעישער ליטעראַטור טוט מען קאַפויר: מיטן מענטש שטייט מען נישט אין קאָנטאַקט *), שטעלט מען דעם טראָפּ אויפן „שטאַרקן

---

*) דאָס אַזויגערופענע „לעבעדיקע“ העברעיש, וואָס ווערט איצטער אויפס־כּוח גערעדעוועט אין פּאַלעסטינע, — די ציוניסטן טומלען דערמיט ווי מיט אַ שרייענדי־קער ראיה צו זייער העברעיסטישער אידעאָלאָגיע, — האָט נישט אין זיך קיין שפּור פון עכטן העברעישן שפּראַך־סטיל, העברעישן זאַץ־בוי, העברעישער שפּראַכלעכער אַר־כיטעקטאָניק. נעמט מען אונטערזוכן זיין שפּראַך־סטיליסטישן כאַראַקטער — דאַן איז עס פּשוט דאָס פאַרהאַסטע יידיש, די „גלות־שפּראַך“, קינסטלעך אַריבערגעטראָגן אין אַ העברעישן ווערטער־מאַטעריאַל. יידיש אין אַ העברעישער זשופּיצע. פילאָלאָגיש און שפּראַכלעך זענען אַזעלכע „לעבעדיקע שפּראַכן“ קוריאָז און פאַרזעעניש. מ׳קאָן אפשר דורך עקשנות און פאַרביסנקייט אויסצווינגען און אויסלערנען ווערטער, בשום אופן קאָן מען אָבער נישט דורך עקשנות איבעראַנדערשן דעם נאַציאָנאַל־פּסיכישן סטיל אין דער שפּראַך, דעם „יידישיסטישן“ סטיל פון דער יידישער נאַציע. וואָרים שפּראַך־סטיל איז זעלן־קאָנסטרוקציע, וועזנטלעכקייט, נאַציאָנאַלע אייגנטימלעכקייט. דאָס נאַציאָ־נאַלע וועזן און די נאַציאָנאַלע קולטור קאָנען דורך שאָוויניסטישע באַרבאַרן ווערן פאַרוואָרלאָזט און דעגענערירט. איבעראַנדערשן אָבער און איבערקנעטן לאָזט זיך

וואָרט״, אויף דער קלינגענדיקער פּראָזע, אויפן גופלאָזן געפּיל. אויף דער „פּאָעזיע״. אין יעדער עפּיגאָנען-ליטעראַטור איז תּמיד די פּאָ-עזיע, די שירים-מאַכעריי, דאָס אויבערשטע פון שטייסל, דער אלף און דער תּיו. די ליניע פון לייכטסטן ווידערשטאַנד. אין קיין שום קונסט-פאָרם איז נישט אַזוי שווער עפּעס צו דערגרייכן, און נישט אַזוי לייכט צו שיטן זאַמד אין די אויגן און אָפּצונאַרן זיך אַליין און די וועלט, ווי אין דער קונסט פון שירים. געפילעכצן און שטי-מונגען, אויף זיי צו באַזינגען אין גראַם און אין פערז, האָט כמעט יעדער אָנשטענדיקער יונגערמאַן. שאַפן געשטאַלטן און אויפבויען אַ וועלט-געפיל — דאָס קאָן נאָר דער קינסטלער. דער העברעישער שריפטשטעלער „קיניגט״ ערגעץ מיט זיין „הומאַניזם״ אין אַ דאָגמאַ-טישער אַבסטראַקציע, אין אַ „יהדות״. ער זיצט דאָרט און „שפּינט״ די יידישע געשיכטע. אים קומט עס גרינג אָן צוזאַמענצונעמען דאָס גאַנצע פּעקל מיט „געשפּונענער געשיכטע״ און זיך אָפּשיידן דערמיט פון דער יידישער געמיינזאַמקייט און זיך באַזעצן דערמיט אין אַ ספּעציעלן „גייסטיקן צענטר״ מיטן רוקן צום לעבן.

דער יידישיזם קאָן זיך נישט באַגיין אָן יידן. אַלס לעבעדיקער כּוח קאָן ער אָן זיי נישט עקזיסטירן. זיין גורל און זיין אַנטוויקלונג איז פאַרבונדן מיט דער יידישער געמיינזאַמקייט. ער איז געבויט אויף דער יידישער געמיינזאַמקייט. דער העברעיזם קאָן גאַנץ לייטיש האָבן זיין חיונה און זיין אויסקומעניש אָן דער יידישער געמיינזאַמ-קייט. אים טראָגן-צו זיין ברויט און וואַסער די שאָטנס, די כימערעס און די געשפּענסטער. און — כ׳האָב שוין פריער געזאָגט — צו קעמפן מיטן העברעיזם מיטן וואָפן פון דיספּוט איז שווער. איז אויס-זיכטלאָז. די לאָגיק און די פאַרנונפטיקייט איבערצייגן אים נישט. וואָס

נישט דאָס איבערלעבטע וועזן פון דער נאַציע, דער נאַציאָנאַלער סטיל. אויפס-נייח בויט מען נישט קיין „לעבעדיקע״ שפּראַכן. קאָמיש און אומגעלומפּערט קומט עס נאָר אויס, ווען דאַסדאָזיקע העברעיזירטע יידיש ווערט גערעדט מיט ספרדישער הברה. און דאָס רעדן העברעיש מיט ספרדישער הברה באַווייזט נאָר, מיט וואָסער פרעמדקייט די ציוניסטן גייען-צו צום יידישן לעבן. קלאַנגען, וואָס זענען פולשטענדיק פרעמד אונ-זער אויער. (ספרדיש-רעדנדיקע פּוילישע יידן ווירקן גראָטעסק און משונהדיק).

איז לאָגיק און פאַרנונפטיקייט? די געזעצן פון לעבן. דער העב־רעיזם באַדאַרף נישט דאָס לעבן.

וואָס מער עס פאַרטיפט זיך אָבער און עס וואַקסט־אויס די יידישע היסטאָרישע רעאַליטעט — די יידישע מאַסע — אַלץ ענגער ווערט דעם העברעיזם אין יידישן לעבן. עס פאַרפעלט אים לופט. דער „הומאַניסטישער" העברעיזם מוז ווערן מאָסן־פיינטלעך, וואָרים אין די מאַסן און זייער קולטור קומט דער זין פון דער יידישער געשיכטע צום אויסדרוק, נישט לויט די רעצעפּטן פון ציוניסטישן העברעיזם. דער העברעיזם זעט זיך דעריבער אַרויסגעשטויסן דורך דעם יידישן הומאַניזם.

אויב יידישער הומאַניזם הייסט: צוריקגיין צום יידישן מענטש, זאָרגן וועגן זיין מאָרגן און זיין ווערט, מוז קודם־כל באַקעמפט ווערן דידאַקטיקע מאָדערנע באַדנלאָזיקייט, — דער ציוניסטישער העברעיזם, וואָס זייעט אויף צווישן אונז פינסטערניש און נאַציאָנאַליסטישן אָבער־גלויבן און פאַרקריפּלט אונז.

פערספעקטיוון

דאָס אַלץ, וואָס ס׳איז געזאָגט געוואָרן אין די פריערדיקע קאַפּיטלען, איז נאָר געווען אַנאַליז און דיאַגנאָז. אַ פּרווו אויפצוקלערן דעם יידישיזם, זיין היסטאָרישן מהות, זיין וועזן, זיינע מעגלעכקייטן. איך האָב אָבער אַבסאָלוט נישט באַרירט דעם פּראָגנאָז פונם יידישיזם, זיינע רעאַלע פּערספּעקטיוון, די באַדינגונגען, אין וועלכע ער אַנטוויקלט זיך, די באַדינגונגען, וועלכע באַדאַרפן געבן דעם יידישיזם צוקונפט און ממשותדיקייט. צי קאָן עמיצער דערפאַר ערב-זיין, אַז היות דער יידישיזם איז אַ הומאַניסטישע באַוועגונג, באַגלייך מיט אַלע הומאַניסטישע רענעסאַנס-באַוועגונגען, וואַרט אים אויך דיזעלביקע צוקונפט? וועט ער האָבן דיזעלביקע דערפאָלגן? איך געהער נישט צו די עקסטע פּעסימיסטן און שוואַרץ-זעער, וואָס האָבן זיך לעצטנס באַוויזן אין אונזער מחנה, אָבער — איך וועל אויך נישט זיין דער לעצטער, וואָס וועט מודה-זיין, אַז די באַדינגונגען און פּערספּעקטיוון פאַרן יידישן הומאַניזם, דעם יידישיזם, זענען פאַטאַלע. פאַרניכטנדיקע כמאַרעס פון דער העסלעכסטער אַסימילאַציע פאַרציען אונזערע הימלען. (דאָס, וואָס די אַזויגערופענע יידיש-נאַציאָנאַלע אינטעליגענץ אָריענטירט זיך אַזוי שלעכט אין דעם וועזן פון יידישער קולטור, ברענגט אונז זיכער נישט קיין טובה). דער ציוניזם — אַליין פאַר זיך איז ער פּוסט, אָבער ער קאָן אונז פאַרניכטן. אויף איינעם, וואָס בויט דעם יידישן הומאַניזם, די נאַציאָנאַלע צוקונפט, לויערן הונדערטער צעשטערער. די ברונעמער פונם יידישן לעבנס-וואַסער ווערן פאַרשיט דורך אייגענע יידישע הענט. דער יידישיזם איז נאָך נישט געוואָרן קיין ספּאָנטאַנישע פאָלקס-באַוועגונג. נאָך נישט אַלע האָבן אים באַנומען.

די יידישיסטן זענען נאָך פּיאָנערן. קעמפּער. זיי מוזן אַרבעטן מיט דער שווערד מער ווי מיט דער קעלניע. שוין אָפּגערעדט פון דער שלעכטער עקאָנאָמישער קאָנסטרוקציע פון דער יידישער געזעלשאַפט און פון אויסערלעכע שונאים און מלוכה-פאַקטאָרן, וואָס שטערן אונ-זער אַרבעט. מיר זענען שוואַך. אונזער מחנה איז נישט גענוג צאָל-רייך. די אַלע געפערלעכקייטן און סכנות זענען גענוג באַקאַנט. צו וואָס פאַרלייקענען, אַז מיר גייען אונזער וועג צווישן אָפּגרונטן. אין אַזאַ שווידערלעכער לאַגע, צי וועט זיך דער יידישיזם באַהויפּטן? צי וועט ער אויסהאַלטן און איבערהאַלטן אָט-אָ די אַלע נסיונות? צי וועט ער ווערן דאָס, וואָס ער באַדאַרף צו ווערן לויט זיין מהות? שווער צו געבן אַן ענטפער. מעגלעך, מיר האָבן דעם הומאַניסטישן רענעסאַנס-קאַמף פאַר דער יידישער געמיינזאַמקייט אָנגעהויבן צו שפּעט. מיר הייבן-אָן פון דעם אַלף אינמיטן פון אויסגעוואָקסענע וועלטלעכע קולטורן. ביז מיר וועלן באַקומען פּנים און אָנזען ביי דער וועלט, ביז אונזערע מעשים וועלן באַקומען וואָג, ביז מיר וועלן ווירקלעך האָבן עפּעס געטון און די יידישע געזעלשאַפט אַליין וועט געצוואונגען ווערן אין אונז מודה צו זיין און זיך אונטערצוגעבן אונ-זער פירונג — ביז דאַן קאָנען מיר דערווייל צעטרעטן ווערן פון די כוחות, אַקעגן וועלכע מיר זענען נאָך אַזוי שוואַך. מיר קאָנען אונ-טערגיין. ווינענדיק אין איראָפּע, האָבן מיר נישט אָנגעהויבן דעם קאַמף פאַרן הומאַניזם צוזאַמען מיט די פעלקער, צווישן וועלכע מיר לעבן. מיר האָבן אָנגעהויבן צו באַקעמפן דעם יידישן מיטלאַלטער מיט הונדערטער יאָרן שפּעטער. ווען די צייט האָט גערופן צו אַלע-מען, האָבן מיר נישט געהערט. אויב איינער הערט נישט דעם רוף פון דער היסטאָרישער שעה און קומט צו שפּעט, זענען זיינע טאַטן תמיד פאַרבונדן מיט די טרויעריקסטע דורכפאַלן. דער בויט אפשר אויף זאַמד. דעם זייגער פון דער געשיכטע גייט נישט צוריקצודריקן. אונזער גורל.

נאָר — צי זאָלן זיך אונז די הענט אַראָפּלאָזן? זאָלן מיר רע-זיגנירן דערפאַר, וואָס אונזער אַרבעט איז אין סכנה? זאָלן מיר אויס-געבן דאָס אפשר פאַרשפּילטע שפּיל?

די שעה איז שפּעט, אָבער זי איז אַנטשיידונגספול. די רעליגיע

אַלס דאָגמע, די טראַדיציע, די איינגעוואָרצלטע פּאַראורטיילן וועגן מענטש און וועלט, די פּאַראורטיילן וועגן זיך אַליין, הינטער וועלכע מיר יידן האָבן זיך לאַנגע, לאַנגע דורות געהאַלטן ווי הינטער פעסטונגס-מויערן, — זיי פאַלן-איין. זיי קאָנען היינט-צו-טאָג אונז מער נישט שיצן. די צייט איז פאַרביי. איך האַלט נישט דערפון, אַז מיר באַדאַרפן דאָס צו באַטראַכטן פאַר אַ טראַגעדיע און פאַר אַן אומגליק. דער חשבון-הנפש אונזערער מוז אַמאָל געמאַכט ווערן. עס וועט אונז נישט מיידן. מיר ווערן געגנויט דערצו פון די אומשטענדן, פון דער אַנטוויקלונג פון לעבן, און זיי טוען עס מיט דער גאַנצער גרויזאַמקייט. אונזערע יידישע פּאָזיציעס אַלס נאַציע שטייען אָפן פאַר יעדן אַנגריף. אינמיטן די געפּערלעכסטע טעג פון אונזער געשיכטע, ווען אַרום אונז בושעווען שטורם און פאַרניכטונג, ווערן מיר געטריבן צו ווייזן דעם חשבון-הנפש אונזערן. פאַר זיך, פאַר דער וועלט. מוזן מיר אויפדעקן די קאָרטן.

דער יידישיזם איז דער איינציקער פּרווו. ער וואַגט. ער אַנטשיידט. ער איז דער אַפּעל צו דער יידישער געמיינזאַמקייט, צו דער נאַציע: ווער און וואָס זענט איר? ווייזט פּנים, מהות, כאַראַקטער. זאָגט זיך אַרויס! — אין דער הומאַניסטישער טעטיקייט פון יידן, אין דעם אופן, ווי זיי רעאַגירן אויף דער וועלט, וועט זיך ערשט אַרויסווייזן, וואָס יידן זענען; אַ פאָלק, צי אַ סטאַדע; אַ נאַציע, צי אַ „רעליגיאָנס-געמיינשאַפט"; אַ נאַציאָנאַלער מהות, צי אַ טראַדיציאָנעלע געמיינזאַמקייט, וואָס האָט אַלס נאַציאָנאַלע גאַנצקייט נישט קיין שום ממשות, האָט גאָרנישט צו פאָדערן, מוז און באַדאַרף צעשטויבט ווערן. ענטפערן, ווי די ציוניסטן, מיט הויך-קלינגענדיקע באַרימערייען, היסטערישער פּראַזעאָלאָגיע, ווייזן יחוס-בריוו און אויסשטעלן (מעשה באַנקראָטניק) פאַר דער צוקונפט וועקסלען אָן דעקונג — ניין, דאָס איז ווייניק. איבערצייגט קיינעם נישט היינט-צו-טאָג. מיר זענען נאָר דערמיט אַליין מודה אונזער אומבאַהאָלפנקייט, אונזער האָפנונגסלאָזיקייט.

אונזערע טירן שטייען אָפן, ס'איז די לעצטע שעה. צום לעצטן מאָל אפשר וואָרנט אונז דאָס לעבן. ווי דעם, וואָס פאַרשטאָפּט זיך די אויערן און דערוועגט זיך, נישט צו הערן די וואָרנונג פון לעבן;

ווי דער נאַציע, וואָס איז צו זיך נישט-אויפריכטיק אין איר לעצטער שעה; דריי מאָל ווי דער נאַציע, וואָס בויט אירע האָפנונגען אויף דער זעלבסט-גענאַרעריי.

יידישע זעלבסט-דערקענונג, זיך אינערלעך אויפבויען — אַזוי רופט אונז צו דאָס שיקזאַל. דאָס איינציקע ברעט זיך צו ראַטעווען. Nosce te ipsum! דערקען זיך אַליין, יידישער מענטש! דיין האָפנונג, דיין ווידערגעבורט, אפשר — דיין זיג...

דער יידישער הומאַניזם, דער יידישיזם, איז דער איינציקער וועג צו דער יידישער זעלבסט-דערקענונג.

מיר, די קאָנסעקווענטע יידישיסטן, האָבן דעם וועג באַטרעטן. מיר האָבן אָנגעהויבן די שווערע, מי-פולע טאַט פון דערקענונג. ווער עס וואַקלט זיך נאָך אין אונזערע רייען, זאָגט:

— אייערע פערספעקטיוון, איר הייפעלע יידישע הומאַניסטן, זענען טרויעריקע. ווערט איר אויסהאַלטן דעם פרווו? ווערט איר דאָס גרויסע ווערק פון יידישער זעלבסט-דערקענונג צופירן צו דער פול-ענדונג? ווערט איר מיט אייערע שוואַכע הענט אָפּווערן דאָס פאַטאַלע פונם שיקזאַל? ווערט איר אויפבויען די יידישע געמיינזאַמקייט?

— טו-מיט אונזער אַרבעט, פרעגער, און דו וועסט וויסן. טאַט איז ווידערגעבורט. טאַט באַזיגט. וואָרים אַחוץ דער טאַט, וועמענס הענט זענען דען נישט צו קורץ, דיר צו געבן דעם ענטפער?

....

אינהאַלט:

די פּסיכאָלאָגיע פון יידישן סטיל 9
קונסט און ווירקלעכקייט 33
קין 59
די וועלט אַ חלום 67
קנוט האַמסון 79
י. ל. פּרץ 85
יידישיזם און יידישע געשיכטע 125

ווערק פון י. י. טרונק:

פון דער נאַטור, נאָוועלן.

פייגנביימער, און אַנדערע דערציילונגען.

מידע, נאָוועלן.

אידעאַליזם און נאַטוראַליזם אין דער ייד. ליטעראַטור,
טענדענצן און וועגן פון אונזערע מאָדערנע שריפטשטעלער.

צווישן ווילן און אָנמעכטיקייט (ה. ד. נאָמבערג)
פרוּוון פון אַנאַליז און כאַראַקטעריסטיק.

יאָסעפוס פלאַוויוס פון ירושלים
און אַנדערע היסטאָרישע נאָוועלן.

יידישע קולטור־פראַגן און דער סאָציאַליזם
.(Pro domo nostra)

Free Public Library, Newark, N. J.